STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10618

# DRAMATISHE SHRIFTEN

Sholem Asch

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דראמאטישע שריפטען

פון

## שלום אש

(ביבלישע און היסטאָרישע דראמען)

**באַנד I**

אַרויסגעגעבן פון שלום אַש קאָמיטע
ווילנא–ניו-יאָרק —— 1922

MADE IN [illegible]
Publ. S. [illegible] Wilno

איבערדרוקען איבערזעטצען און
אויפפיהרען אָהן דער ער־
לויבניש פון מחבר פארבאָטען

Copyright by
Sholom Asch
1922

דרוקעריי „ווילנער פארלאג״ פון ב. א. קלעצקין, ווילנע, קליין סטעפן־גאס 23.

# אינהאַלט:

זייט

יפתח'ס טאָכטער 3

שבתאי צבי 63

אַמנון און תמר 151

מאַראַנען

# יפתח׳ס טאכטער

א ביבעל-שטיק
אין צוויי אקטען
מיט פארשפיעל
און נאכשפיעל.

# פארשפיעל.

אַנ'אוראַלטער וואלד אויף הויכע בערג. צווישען געדיכטע בוימער שטעהט דער מענש און בינדט זיך צונויף זיין הייזעל פון טרוקענע צווייגען און בלעטער. פון טאָל הערט זיך דער וואסער־רוישען צווישען די שטיינער, דער געזאנג פון יפתח'ס טאָכטער, וועלכע שטעהטביים טייך און וואשט זיך די קלייד.

פערליבער זוגען־טאָג.

## דער גאָט מולך

קריכט ארויס פון צווישען די גרעזער. עס איז א שנײ-ווייסע חיה אין געשטאלט פון א מענש, בעוואָקסען מיט ווייסע הינטישע קודלעס, איין אויג אין שטערן.—קוקט זיך איין צום מענ-שענס ארבייט, קריכט צו אויף אלע פיער צו איהם.

אָך, אַזוי פלייסיג ביי דער אַרבייט, מענש? וואָס איז?—קוקט זיך איין אַלאָך, אַנעץ, אַגעצעלט—צו וואָס?—אַך, וואָס, אַזוי אַלט ביזטו שוין, מענש, געוואָרען, אַז דו מוזט דיר פאַר דיינע ביינער אַגע-צעלט פלעכטען—בעהאַלטען זיך פאַר די נאַכט-ווינטען, וואָס בלאָ-זען?—צו אַלט געוואָרען, די זונען-שטראַהלען איבערצוטראָגען?—אָך, אָך, אַזוי פריה-צייטיג פערווענדעלט געוואָרען, און נאָך אָהן אַיורש אַליין. האָסט נאָך גאָרנישט פאַר דיין געשלעכט געזאָרגט. בחנם האָט דיך דיין מוטער דאָ אַהער געבראַכט, אַז דו זאָלסט דעם מענשען אין די בערג פערפלאַנצען—דו וועסט אַלס אַנ'אַלטער בחור שטאַרבען. און מיט דיר דער מענשען-מין זיך אויסלאָזען אויף דעם אָרט.

## דער מענש

ארבייטענדיג ביים הייזעל.

ניין, גאָט, נישט פאַר מיר בוי איך די הייזעל,—האַלט נאָך מיין קנאָכען זון און ווינט אויס—פאַר די יונגע, פאַר די צערטליכע. איידער זייערע לייבער ווערען געהאַרטעט—וויל איך זיי אין ווייכען בלעטער-געלעגער אויסבעטען.

## מולך

פערוואונדערט.

פאַר די יונגע, פאַר די צערטליכע, וואָס? פון וואַנען וועסט דו זיי נעהמען? פון די בערג וועסטו זיי געבוירען, פון די בוימער?—אָבער פון ווען אָן געבוירט דאָס אַמאַן קינדער? ער דערמאָנט זיך. אַ, אַ,—אפשר פון דער אַלטער מוטער דייגער, וואָס האָט דיך

דאָ אַהער געבראַכט?—איהר סקעלעטען-געביין טריקענט זיך אויף דעם אָפענעם בערגיל אין מיינע שטראַהלען שוין לאַנג אויס.

**דער מענש.**

פון דעם שטיין און פון דעם קוסט. און אפשר געבוירט דער מאַן קינדער. האָב ניט קיין מוראָ: דיר דאָס דייניגע וועט אָבגעגע-בען ווערען, דאָס ערשט-געבוירענע.

**מולך.**

דאָס ערשט-געבוירענע... פערוואונדערט, ערנסט. מיינסט מיט אַנ׳אמת דעם מענשען-מין צו פערפלאַנצען אין די בערג?

**דער מענש.**

עס פיהרט זיך פון אָדם הראשונ׳ס צייטען—יעדער זאָל זאָרגען פאר זיין געשלעכט און שטאַם.

**מולך**

בעאונרוהיגט.

מיט מענשען-מין דעם אָרט פערפולען? דאָס גאַנצע לאַנד אויף יענער זייט בערג שוין בעזעצט, אונז פערטריבען פון דעם ברעג ים—ווילט איהר נאָך די בערג פערשטינקען מיט אייער מענשען-געשטאַנק? ניין, וואָס! בעאונרוהיגט, זוכט, שמעקט, דערהערט פון דער-ווייטענס דעם מיידעל-געלעכטער. הע, וואָס הער איך? קוקט זיך איין. נאָך, דער פרעמדער געצענדיענער, וואָס האַלט זיך אין דעם טאָל אויף. דאָס קינד, וואָס ער האָט מיר נישט צום קרבן געבראַכט, איז אויפ-געוואָקסען—איז צו אַ ווייב געוואָרען. ער קוקט זיך איין. דאָ דער מאַן, דאָרט די ווייב—אַ פּאָר היינט, אָ וואַ!

**דער מענש.**

עס פיהרט זיך פון אָדמ׳ס צייטען, יעדער זאָל זיין פּאָר געפינען און קינדער האָבען.

**מולך.**

צו מיר געהער דאָס קינד—דאָס ערשט-געבוירענע—לויט דעם רעכט פון דעם אָרט.

**דער מענש.**

עס איז אָבער צו א ווייב אויפגעוואַקסען. 8

מ ו ל ך.

מײן קרבן—איז עס פֿאַר מיר גרויס געװאָרן

ד ע ר  מ ע נ ש.

דאָס קינד געהערט נאָר צו דעם גאָט—אָבער נישט די פרוי. נישט פֿאַר קײן מאָלצײט איז זי בעשאַפֿען—נור אום געשלעכטער צו פֿערמעהרען.

מ ו ל ך.

װײל איך דערמיט מײן שטאַם דערהאַלטען, װײל חתונה האָבען, קינדער געװינען און אַרטיג זײן.

ד ע ר  מ ע נ ש

קוקט איהם אָן.

אָ, פֿאַר דעם מענשען איז עס בעשאַפֿען, אָבער נישט פֿאַר דעם גאָט.

מ ו ל ך.

די מוטער האָט מיך געשטראָפֿט: „מיט קעלבער לויפֿסטו אַ גאַנצען טאָג אַרום, צינדסט די בערג אין פֿלאַמען-פֿײער אונטער"—זאָגט זי—„פֿאַר געשלעכט און שטאַם זאָרגסטו נישט, און דאָ װאַקסט דיר דער מענש אויף אונטער דײן נאָז,—װעט זיך זײן פֿאָר געפֿינען און דעם אָרט בעזעצען מיט זײן מין". װיל איך מיך אויך סטאַטיגען—חתונה האָבען, קינדער געװינען און אַרטיג זײן.

ד ע ר  מ ע נ ש.

עס פֿיהרט זיך פֿון אָדם הראשון'ס צײטען, יעדער פֿערקעהרט נאָר מיט זײן מין, מיט זײן אַרט.

מ ו ל ך.

רײצט מיך דער האָר-גלאַטיגער לײב, דער װײסער קנאָכען, די געבולט'ע ברוסט. קוקט צו דער מײדעל דורך די בוימער. זי װאַשט זיך אַזױ װײס אין דעם טײך.

ד ע ר  מ ע נ ש.

אַז דײן געשמאַנק װעט איהר אָנגענעהם זײן, און דײן האָריג לײב—

מ ו ל ך.

װײבער האָבען ליעב ליכט, װײל איך מיך אין שטראַהלען פּוצען. גיט

ארויס פון זיין האריגען לייב א שטראהלענדע ליכטיגקייט. קוקט צו דעם מענ־שען. אַ שענע וועלט וואָלט געקענט זיין: דאָ—דער מאַן, דאָרט—די ווייב, אַפּאָר מיר הייגט—געהט אָב מיט זיין לויכטענדען לייב אין טאָל. וואָלטען מיר דאָ קינדער געהאַט, געשלעכטער מיר אָנגעמאַכט, די בערג מיר פערשטונקען, די וועלדער מיר אויסגעהאַקט, דעם שניי ברודיג געמאַכט און די געטער פערטריבען מיט זייער רעש. דאָ—דער מאַן, דאָרט—די ווייב. אַ שענע וועלט וואָלט געקענט זיין! מולך, דו ביזט אין סכנה...

ער לויפט אָב מיט זיין שטראהלענדער ליכט צום מיידעל

# ערשטער אַקט.

דער בעצעלט פון יפתח אין א שייער אין טאָל הינטער די בערג. דער טויער איז אָפען אין די בערג. א ווילדע פעלד, א וואסער רינט. די טאָכטער פון דערוױיטענס. די שפּיץ בערג אין אונטערגעהענ־דער זונען־שיין. אין א ווינקעל שייער דער בעצעלט פאַר די פרויען, בעהאנגען מיט שעפּסען־פעל. אין מיטען שייער א גרויסער מיהל־שטיין.

יפתח

קומט אריין מיט דעם פלאקער פייער אין האנד, רופט צו דער טאָכטער.

אין געצעלט, די נאַכט פאַלט צו!

די ווייב

נאָך איהם, שלעפט זיין אייזערנע געוועהר.

זי וואַשט איהר קלייד אין טייך, פאָטער יפתח.

יפתח.

וואָס, שוין צום מאַן ווייל די מויד? עס איז דאָך נאָך נישט צייט.

די ווייב.

דאַכט זיך מיר אַזוי. וואַשט צופיעל איהר קלייד אין טייך, פוצט זיך דעם קאָפּ מיט פעלד-בלומען, האָט מורא פאַר די בערג געקראָגען— עס איז אַ סימן.

יפתח

צינדט פייער אויפ'ן מיהל-שטיין.

ווי לאַנג איז עס דען, ווייב, ווי איך האַלט זיך מיט דיר אין די בערג אויף?

די ווייב.

איך האָב די זומערס און די ווינטערס נישט געצעהלט—נאָר זעהר לאַנג איז עס שוין, ווען דו ביסט פון יענער זייט בערג אָנגעקומען צו געהן.

יפתח.

ווען די אַלטע האָבען מיך פון מיין פאָטערס שטאָדט פערטריבען...

די ווייב.

דו האָסט מיר קיינמאָל נישט פערצעהלט פון זיי—האָסט מיך אין מדבר געפונען און מיט מיר זיך דאָ אין טאָל בעזעצט. איך ווייס נישט, פון וואַנען דו קומסט צו געהן, ווער דיין שטאַם איז.—דיינע

ברידער זענען קיינמאָל נישט פון יענער זייט בערג געקומען צו דיר צו געהן.

**יפתח**

דערמאָנט זיך.

איך בין אַ קעניגס אַ זוהן. מיין פאָטער האָט די שטאָדט אויפגעמויערט, וואָס ליגט דאָרט אויף יענער זייט בערג אויסגעצויגען, וואו די זון געהט אויף. דרייסיג מיינע ברידער רייטען איבער גלעד'ס גאַסען אויף דרייסיג מויל-אייזלען אַרום. די אַלטע לייט פון מיין שטאָדט זיצען אין די געוואַשענע שעפסענע פעלען ביי דער שטאָדטס טויער צום ראַט.

**די וייב.**

איך זעה דיך טייל מאָל מיט פערבענקטע בליקען, ביי זונען-אונטערגאַנג, אויף יענער זייט בערג קוקען. פאַרוואָס האָסט דו דיין פאָטער-שטאָדט פערלאָזט און ביזט אין די בערג געגאַנגען?

**יפתח.**

צו אַנ'אַנדער שטאַם האָט מיין מוטער געהערט, צו אַ פרעמדען גאָט האָט זי געדיענט. איך האָב מיין מוטערס גאָט אַ ציגעלע אַ קרבן געבראַכט, דער גאָט פון מיין פאָטער איז אייפערזיכטיג געוואָרען— האָבען מיך זיינע כהנים פון דער שטאָדט אַרויסגעטריבען.

**וייב.**

אייפערזיכטיג זענען די געטער און נעהמען נקמה פון די מענשען. איך האָב מורא, אַז גאָט מולך זאָל אויף פון אונז די מיידעל נישט פאָדערן. ערשטגעבוירען איז ביי אונז דאָס קינד, און צו איהם געהערט זי לויט די רעכט פון דעם אָרט.

**יפתח**

בעשטימט

די מיידעל דאַרף מען דעם מאַן פאַר אַ וייב אָבגעבען, אַז ער זאָל מיט איהר קינדער האָבען.

**די וייב.**

די בערג זענען וויסט, די געגענד איז ליידיג. עס איז קיין מאַן ניטאָ אויף דעם אָרט, וואָס מיט איהם זאָל מען די מיידעל בעהעפטען

יפתה

ווארפט איהר פאָר.

דו האָסט מיר גישט געבווירען קיין מענליכען שפּראָצלינג.

די ווייב.

און דו ווערסט אַלט, פאָטער יפתח, אונזער שטאָם האַלט ביים אויס-לעשען.

פון דערוויייטענס הערט זיך דער לאכען פון דער טאָכטער אין די בערג.

יפתח.

וואָס לאַכסט דו, מויד, אין דרויסען?—מיט וועמען שפּיעלט זיך די מויד?

די ווייב.

דער גאָט איז אודאי געקומען פון די בערג אראָבצולויפען, האַלט זיך דאָרטען אויף—און האָט מיט דער מויד שפּאַס געמאַכט,—ביים וואַשען ביים טייך. זי רופט דורכ'ן טויער. הע, מויד, אין געצעלט אַריין! די נאַכט פאַלט צו, גענוג זיך אין די בערג אויפגעהאַלטען.

די טאָכטער

קומט מיט איהר געוואַשענעם קלייד אויפ'ן קאָפּ.

קוקען מיר די בערג נאָך, שושקען זיך אין דער שטיל—ווילען מיר שלעכטס טון.

די מוטער.

מוזט דיך פאַר זיי היטען, זיי קענען דיך נאָך טראַגעדיג מאַכען—אַז דו וועסט דיך שפּעט צווישען זיי אויפהאַלטען.

די טאָכטער.

דער גאָט איז מיר געקומען נאָכצולויפען, האָט זיך ביים וואַסער אָוועקגעשטעלט, ווי איך, וואַשט מיר מיין קלייד, בעטראַכט מיך, בעלעקט מיך מיט זיין נאַסער צונג און זאָגט: הום... הום...

די מוטער.

ווער הייסט דיך מיט געטער אַרומלויפען?

די טאָכטער.

ער האָט געוואָלט דאָ אַריינקומען—מיט פאָטער-מוטער זיך בעקענען,

נור דער פֿאָטער איז אַ געצענדיענער, האַלט פֿון זיינע געזעצען נישט. ער זאָגט, עס איז איהם קאַלט דאָרט אויבען אין די נאַסע לעכער אליין צו נעכטיגען, דער אייז נעצט זיין פעל אַדורך, דער טוי מאַכט זיינע האָר נאַס. שעמעוודיג. ער זאָגט, איך בין שוין דערוואַקסען—ער וויל, איך זאָל מיט איהם געהן אין די נאָרעס צוריין, ביי ויין זייט זיך שלאָפען לעגען.

די ווייב.

וואָס נאָך? זאָל ער זיך מיט זיינע קינדער-פגרים לעגען, וואָס ער פרעסט זיי אויף זיבען אַ נאַכט.

די טאָבטער.

ער זאָגט, מען האָט מיך נישט צו דער צייט איהם אָפּגעגעבען—בין איך פּאַר זיינעטוועגען אויפגעוואַקסען. ער וויל מיט מיר אין די בערג געהן, וויל זיך אין פלאַמען-פייער שפיעלען. ער זאָגט, ער ליעבט צו הערען דעם קנאַקען פון פייער אין דער טונקעלער נאַכט און דערביי זיך זיינע נאַסע וואָל ווארימען און זיין לייב טריקענען.

די מוטער

מיט חוזק.

און אפשר גאָר עפּיס דערביי שמעקען. גאַכמאַכענדיג מולכ'ן. אָנגענעהם איז עס אין די ווינטער-נעכט ביים פייער זיך צו ווארימען און קינדער-לייבעלעך אין פייער צו שמעקען.

די טאָכטער.

ער האָט זיך געשטאַטיגט. די מוטער האָט איהם געשטראָפט, אַז ער טוט אָן די מענשען-קינדער לייד,—וויל ער, ווי אַנדערע געטער, מיט אָקס און קאַלב זיך בעגענוגען לאָזען, חתונה האָבען, קינדער געווינען און מענשליך זיין.

די מוטער.

חתונה האָבען און קינדער געווינען? ער וועט זיי דיר אַליין אויפ־פרעסען, אויף איהם איז אַלץ זיך צו ריכטען.

יפתח

כאַפּט זיך אויף, פלוצלים.

ווילד זענען דאָ די געטער פון דעם אָרט, פרעסען אונז די קינדער 

אויף. פיעל געזעצטער זענען געוועז די געטער פון מיין היים—האָבען געוואוסט, ווי מיט מענשען אומצוגעהן.

ד י ו יי ב.

בעט דאָך צו די געטער פון דיין היים—לאָזען זיי אונז פון מולכ׳ן שיצען.

י פ ת ח.

שוין לאַנג איז, ווי איך האָב צו זיי קיין קרבן ניט געבראַכט, איך האָב צו זיי נישט גערופען. זיי וועלען מיך נישט הערען. זיי האָבען מיך שוין אַודאי פערגעסען.

ד י ו יי ב.

אָבער שלעכט איז, פאַטערל יפתח, אין די מדבריות אָהן גאָט צו וואוינען. די בערג זענען ווילד, די געגענד איז פון מענשען ליידיג. מיר האָבען נישט קיינעם, ווער עס זאָל זיך אָננעהמען פאַר אונז.— איך האָב מורא, אַז דער גאָט זאָל אונז נישט די מיידעל פערפיהרען. צו דער טאָכטער. אין די בערג זאָלסטו מיר זיך נישט ווייזען. דו ביזט דערוואַקסען, און דער גאָט לויערט אויף דיר.—צום מאַן. כ׳וועל דער מויד די צעפּ האָר פון קאָפּ אָבשניידען, אפשר בערוהיגען וועט זיך מולך און זי ביי אונז פאַר דעם מאַן געדייהען לאָזען. צו דער טאָכטער. קום, מויד, אין געצעלט, כ׳וועל דיר דעם קאָפּ וואַשען. פערמאַך דעם טויער, פאָטער יפתח, די נאַכט איז צוגעפאַלען. ער קען נאָך דאָ אויך קומען אָנצולויפען. געהט אָב מיט דער טאָכטער אין ווייבער-געצעלט. יפתח פערמאַכט דעם טויער מיט אַנ׳אָבגעהאַקטען בוים.

מען קלאַפּט אין טויער.

י פ ת ח

באַפּט זיך אויף.

ווער איז דאָרט? רופט צום ווייב. הע, ווייב, זענען אַלע דייניגע אין געצעלט פערזאַמעלט? האָסטו וועמען אין דער נאַכט איז דרויסען פערגעסען? מען קלאַפּט אין טויער.

ד י ו יי ב

שטעקט ארויס דעם קאָפּ פון ווייבער-געצעלט.

ביין, פאָטערל יפתח, די מויד איז מיט מיר אין געצעלט. דאָס קלאַפּט אָן מולך איז טויער. זי רופט צום טויער. הע, הע, וואָס

שטעקסטו אַזוי דיין נאָז נאָכ'ן מיידעל נאָך? איך וועל פאַר דיר באַלד די צעפּ האָר שניידען.

יפתח

רופט.

ווער איז דאָרט?

דעם מענשענס שטים.

לאָז אַריין, פּאַטערל יפתח,—דער מענש קלאַפּט אין דיין טויער.

יפתח.

דער מענש?—פון וואַנען קומט דאָ אַהער אַ מענש? וואָס זוכסטו אונטער מיין באַלקען?

דעם מענשענס שטים.

אונטער דיין באַלקען וואַקסט אַ ווייב אויף פאַר מיר, כ'בין נאָכ'ן ווייב געקומען.

יפתח.

ווער ביזטו דען, אַ גאָט פון די בערג?

דעם מענשענס שטים.

ניין, אַ מענש ווי דו, יפתח.

יפתח.

אַ מענש ווי איך?—עפען איך אויף ברייט דעם טויער. עס קומט אריין דער מענש, בעוואָרפען אויף זיין נאקעטען לייב א פעל פון א לעמפערט.

יפתח

בעמערקט איהם מיט פרייד.

אַ מענש, ווי איך! אָ, שטאַרק איז דער קנאָכען. ער טאפּט איהם. פון ווינט און רעגען איז דיין לייב געשמיסען געוואָרען, אָבער פון זונען-שטראַהל איז דיין ביין האַרט געוואָרען. פעסט האַלט זיך דער קאָפּ אויף דיין רוקען, געזונט וועט זיין דער שטאַם, וואָס וועט פון די בירען געבויט ווערען. קום אין מיין געצעלט, מענש, לאָז מען זיך ביים שטיין זעצען. רופט אין ווייבער-געצעלט. הע, ווייב! פיהר די טאָכטער פונ'ם געצעלט, אנ'אורח איז צו גאַסט געקומען, אַ געעהרטער אורח האַלט זיך אונטער אונזער באַלקען אויף. הע, ווייב!

ד י ו י י ב

שטעקט ארויס דעם קאָפּ.

די מויד וואַשט דעם קאָפּ אין געצעלט, פּאָטער יפתח, שעמט זיך פאַר'ן אורח מיט איהר נאַקעטען לייב צו ווייזען זיך, הילט זי זיך מיידעלאַרטיג אין די שעפּסען-פעלכלעך איין, פּוצט זיך אין די בלאַכען אויס, אַז זי זאָל אין דעם אורח'ס אויגען חן געפינען.

י פ ת ח.

לויט מענשליכען פיהרען אָבער זעץ דיך, געעהרטער אורח, ביים פייער, פערצעהל אונז, ווער דו ביזט, פון וואַנען דו קומסט. איך וויל וויסען, וועמעס בלוט וויל זיך מיט גלעד'ס בלוט אויסמישען; ווער עס וויל פון גלעד'ס הויז זיין שטאַם גרינדען.

ד ע ר מ ע נ ש.

איך בין דער מענש, האַלט זיך אין די בערג אויף, פיהר דאָרט אויבען מיין שאָף און רינד אַרום. פון ברעג פון ים איז מיין מוטער געקומען צו געהן און האָט מיך אין דער הויך געבאָרען. איך וויל מיין שטאַם אין די בערג גרינדען, קינדער געבוירען—די מוטער האָט עס מיך אַזוי געלעהרנט. איז נישטאָ דאָ, מיט וועמען זיך צו בעהעפטען. דער מענשען-מין פעהלט אין דעם אָרט. די מוטער איז אַלט געוואָרען און איז געשטאָרבען. זוך איך די ווייב אין די בערג אַרום, ביי אַייך אין טאָל וואַקסט זי אויף. פון די בערג האָב איך דערזעהן און אָבגעוואַרט טאָג אויף טאָג—ביז זי וועט צייטיג ווערען קינדער צו האָבען. בין איך פון די בערג אַראָב צו אַייך געקומען, מיין ווייב צו נעהמען, מיין הויז און שטאַם צו גרינדען.

י פ ת ח.

רעכט איז עס און לויט מענשליכען פיהרען—יעדער זאָל פאַר זיין געשלעכט זאָרגען. איך וועל זעהר גערן קינדער ביי דיר זעהן, פון דער מיידעל געבוירען. נור ווי עס איז דער מנהג ביי אונז פון אַלטע צייטען, וויל איך ביים ווייב און מיידעל זייערע דעות פרעגען. ער רופט אין געצעלט. הע, ווייב! פיהר די טאָכטער פון דעם געצעלט אַרויס. דער מאַן איז פערשטאנדיג, פיהרט זיך מיט דרך ארץ אויף. די ווייב פיהרט די אויסגעפּוצטע טאָכטער פון ווייבער-געצעלט ארויס. דו וועסט פון דער מיידעל קינדער געווינען. ווייס איז איהר קנאָ-

כען, לויט ווייבליכען געשלעכט, אָבער לויטער און שטאַרק איז די בלוט, וואָס פליסט אין די אָדערן פון דעם קינד, פון די אַלטע גלעד־בלוט. עס רודערט זיך הינטער דעם טויער. ווער רודערט דארט הינ־טער מיין טויער ווידער?

**די מוטער**

קוקט ארויס דורכ׳ן אהל.

עס איז דער גאָט, וואַרט הינטער דער טיר אָב, אויב מען גיט די מיידעל אַנ׳אַנדערן אָב.

**יפתח.**

וואס געהען אונז דען פרעמדע אָן? זעצען מיר זיך ביים שטיין אונזער זאַך בעטראַכטעז.

**דער מענש**

בעקוקט די מיידעל מיט ליעבע.

שען און שטאַרק איז דער מיידעל־לייב, וואָס קוקט פון די אָפּע־נע שעפסען־פעלכלעך אַרויס. צו ריהמען איז דעם פאָטערס בלוט, ווי דער מוטערס מילך, וואָס האָבען מיר מיין ווייב געזונט און קרעפ־טיג אויפגעצויגען, איהרע אָרעמס פעסט געמאַכט, דאָס קינד צו האַלטען, איהר בוזים ווייך און שטייף ווי פאַר׳ן קינד, אַזוי אויך פאַר׳ן מאַן. ער נעהמט אראָב זיין לעמפערט־פעל און גיט איהם איבער א מתנה דעם מיידעל. נעהם צו פון מיר די לעמפערט־פעל, איך וויל דעם טייל מיידעל־לייב, וואָס די פאָטערליכע שעפסען־פעלכלעך האָבען ניט געקלעקט צוצודעקען, מיט מיין לעמפערט־שפיגעל פערהילען. ער הילט זי ארום מיט דעם פעל. אַראָבגעריסען האָב איך עס פון דעם לעמפערט מיט אייגענע הענד, דעם לייב פון מיין כלה פון מענשענס אויגען צו פערהילען, נאָר בלויז פאַר איהם צו אנטפלעקען, ווען ער וועט קומען אין איהר געצעלט אריין אין דער נאַכט פון זייער חתונה. א בעוועגונג הינטער דער טיר.

**די ווייב.**

פערשטאַנדיג איז דער מאַן, און לויט זיין בענעהמען און רעדען דערקענט מען זיין מוטערס גוטע האַנד. אָבער איך וויל וויסען, אַלס מוטער פון דעם מיידעל—צי האָט שוין דער מאַן פאַר די קינדער געזאָרגט, וואָס ער וועט פון אונזערטאָ כטערהאָבען? צי האָט ער

שוין ערגיץ-וואו אַ נעסט וואַרים געמאַכט, אַ לאָך אין דר׳ערד אויס-אויסגעגראָבען, פאַר די צייהן פון חיות רעות און פון נאָך אַנדע-רע—וואָס איך וויל נישט דאָ זייער נאָמען דערמאָנען—זיי צו בע-שיצען?

**יפתח.**

אין הויזליכע זאַכען איז די ווייב שטענדיג בעשיידענער פאַר דעם מאַן—האַסט גוט געזאָגט. אין דעם בעל-הבית דערקענט מען דעם פאָטער

**דער מענש**

איך האָב מיין געצעלט הויך אין די בערג אויפגעשטעלט, מיט שטיי-נער האָב איך עס אַרום בעלעגט, און מיט צווייגען-בלעטער געדיכט דאָס איך די לאָך פערשטעקט, מיט וואַרימער שעפּסען-וואָל האָב איך די שפּאַרעס אויסגעפילט. און פון אַ שטאַרקען בוקסענבוים האָב איך מיר אַ בעט אויסגעהאַקט, אונטער פיער פעלזען-שטיינער האָב איך עס אַרונטערגעשטעלט, מיט מיין מאַמעס שעפּסען-דעק האָב איך עס צוגעדעקט, עס שטעהט איבען אין אונזער געצעלט, צו דער חתונה-נאַכט גרייט

**די ווייב.**

עס איז דער מנהג אויף דעם אָרט די געטער צו עהרען, און דעם גאָט מולך: לויט רעכט און געזעץ דאָס ערשט-געבוירענע, מעג עס זיין פון מענליכען אָדער פון ווייבליכען געשלעכט, איהם אָוועקצו-געבען, פאַר איהם אין פייער צו פערברענען.—וויל איך וויסען, אויב דער מאַן איז גרייט די געטער צו דיענען און זיי דאָס זייעריגע אין דער צייט אָבצוגעבען.

**דער מענש.**

אַז עס איז אַזוי דער מנהג—וויל איך, ווי אַנדערע, די געזעצען הי-טען—דאָס ערשט געבוירענע די געטער אָבגעבען, אַז זיי זאָלען מיר די איבערגעבליבענע אין שלום און גוטווילליג לאָזען.

**יפתח.**

נישט פריינדליך זענען דאָ די געטער צו די מענשען. נאָר אַנ׳אָנגע-קומענער בין איך דאָ, מוז מען זיך צו די מנהגים פון אָרט צופּאַ-סען. כאָטש אַליין האָב איך זיי מיין ערשט-געבוירען קינד ניט אָב-

געגעבען. אַ פרעמדער בין איך דאָן געוועזן, און איינציג איז ביי אונז דאָס קינד געוועזן—האָט מען עס פאַר אונז איבערגעלאָזט, אונזער שטאַם צו ערהאַלטען.

**די װײב.**

דערפאַר וויל איך היינט דעם גאָט מולך עהרען און איהם אַ טייל פון זיין קרבן צו דער חתונה־נאַכט אָבגעבען. אַליין איז מען אין די בערג, און אָהן גאָט איז נישט גוט צו לעבען. דעם שענסטען צאָפּ פון מיידעלס קאָפּ שנייד איך אָב—זי טוט דאָס—און גיב דיר, גאָט מולך, דיין טייל אָב. זי ווארפט דעם צאָפּ אין פייער. גאָט מולך, נעהם דיין חלק צו און גיב דיין ברכה! דער מענש איז געקומען צו איהר, צוליעב דאָס ערשט־געבוירענע, וואָס וועט אַרויסקומען פון היינטיגען צוזאַמענטרעפען.—דער גאָט ווארפט צוריק דעם צאָפּ דורך דעם פענסטער. עה, גיט נאָר אַ קוק—ר'האָט אונז דעם צאָפּ צוריקגעוואָרפען! שרייט אַרויס צו מולכ'ן הינטער דער טיר. עה, וואָס ביסטו ברוגז? עס געפעהלט דיר נישט דער טייל? דיר—דעם צאָפּ, דעם מענש—די ווייב. עס איז נישט דאָס רעכט און אויך נישט דער מנהג, גאָט מולך, דיר די ווייב אָדער די כלה אָבצוגעבען. פאַר'ן מענשען איז זי בעשאַפען, קינדער צו האָבען. זיי נישט ברוגז, גאָט מולך! נו, געה דיר אין דיינע אַייזלעכער אַריין, מיט דיינע פייערן זיך שפּיעלען. די מיידעל וויל צום מאַן—דאָס ערשט־געבוירענע וועט דיר אָבגעגעבען ווערען. צו דעם מענשען אין שטוב. ר'האָט'ס געזעהן, וויל אונז די מיידעל פערפיהרען.

**דער מענש**

רופט צום גאָט מולך.

וואָס זוכסט דו דאָ, מולך, הינטער יפתח'ס טויער? נאָך נישט איז די מיידעל טראָגעדיג געוואָרען, אַז דו זאָלסט דיר אויף דעם ניי־געבוירענעם קומען נאָכפרעגען.

**די ווייב**

האָרכט זיך אַלץ איין.

ר'שטעהט נאָך אַלץ הינטער אונזער טיר—וויל נישט אָבטרעטען פון דאַנען.

יפתח

עפענט אויף דעם טויער—און רופט ארויס צו מולך.

אַוועק פון מיין טיר! אַ פרעמדער בין איך דאָ, אויף דעם אָרט, און די געטער פון דעם לאַנד דיען איך נישט. און האַלט זייערע געועצען נישט.

פון דרויסען הערט מען אַבלויפענדיגע טריט אין נאַסען גראָז.

די ווייב.

נישט גוט האָסטו געטאָן, פאָטער יפתח, דעם גאָט פון הינטער אונזער טיר צו פערטרייבען. אין אַנ'עת-צרה וועמענס נאָמען וועסטו צו הילף רופען?

יפתח.

דער גאָט איז ווילד. איך האָב איהם געוואָלט בעהאַנדלען, ווי אַ גוטען שכן,—ווערט ער גראָב.

די ווייב.

עס איז דאָך דער גאָט פון אָרט, מען דאַרף מיט איהם אין גוטען אומגעהן.

יפתח.

איך וועל דאָך איהם די מיידעל נישט אָבגעבען!

פון דרויסען הערט מען פלוצלונג מענשליכע שטימען רופען. אלע שטעהען געפלעפט און צעשראָקען, האָרכען זיך איין.

דער מענש.

עפּיס וואונדערליכע קולות הער איך. איך האָב נאָך אַזעלכע שטימען אין די בערג נישט געהערט.

די טאָכטער.

פרעמדע שטימען. עס זענען נישט די געטער, וואָס שלאָפען אין די בערג. איך שרעק מיך פאַר זיי.

די ווייב.

איך האָב מורא, אַנ'אומגליק דערנעהנטערט זיך צו אונז. דאָס האָט אונז דער גאָט אָנגעשיקט, ווייל דו האָסט איהם בעליידיגט, יפתח.

פויזע.

דער מענש.

פייערן ווייזען זיך פון דערווייטענס.

**די טאָכטער.**

איך שרעק מיך פאַר זיי...

**די ווייב.**

איך האָב מורא—די ווילדע געטער רופען.

**יפתח**

כאפט זיך אויף.

דאָס זענען די שטימען פון מיין פאָלק—איך דערקען זיי—

אלע קוקען איהם אן.

**די ווייב.**

ווי מענשען פון יענער זייט בערג. מען הערט „יפתח" רופען. דיין נאָמען
רופען זיי.—

**די טאָכטער.**

איך שרעק מיך פאַר זיי, די בערג וועקען זיי מיט זייער רופען.

מען קלאפט אין טויער: יפתח! יפתח הגלעדי!

**יפתח.**

וואָס האָט איהר הינטער יפתח׳ס טויער צו זוכען?

**שטימען**

הינטער'ן טויער.

די אַלטע פון דיין שטאָדט שטעהען הינטער דיין טויער.
רעגיר איבער אונז, יפתח, העלף אונז פון שונא׳ס האנד, הגלעדי!

**יפתח.**

די אַלטע פון מיין שטאָדט! וואָס טוען די אַלטע פון מיין שטאָדט
אין די מדבריות זוכען?

**די שטימען**

הינטער'ן טויער.

יפתח,—יפתח הגלעדי, רעגיר איבער אונז—העלף אונז!

**יפתח.**

איך זאָל רעגירען איבער זיי—דער זוהן פון דער פרעמדער!? ער
רופט הינטער'ן טויער. צו מיינע ברידער גיעהט, דרייסיג איז זייער צאָהל
אויף די מויל-אייזלען איבער גלעד׳ס גאַסען רייטען זיי אַרום.

**ד י  אַ ל ט ע.**

הינטער'ן טויער.

**אויסגעלאָזט האָט זיך גלעד'ס גוטע שפּראָצונג. גלעד איז טויט.
פאָטער יפתח, דו ביסט די לעצטע גלעד־בלוט. עפען אונז, יפתח!**

**י פ ת ח** עפענט דעם טויער.

עס רייסען זיך אריין די אַלטע פון גלעד מיט צעריסענע קליידער, מיט אש בעשיט די קעפּ. ווארפען זיך מיט די פּנים׳ער אויף דער ערד פאר יפתח׳ן. יפתח ווענדט אָב זיין פּנים פון זיי און זעהט זיי נישט. אלע, אויסער יפתח, דערשראָקען פאר די אלטע לייט רוקען זיך אָב און בעהאלטען זיך פאר זיי.

**ד ע ר  מ ע נ ש.**

**עס איז דאָס פון דעם מענשען־מין. רעדען ווי מיר און געהען
אויף צוויי פיס...** קוקט זיך מיט נייגעריגקייט פון דערווייטענס צו.

**ד י  ט אָ כ ט ע ר**

צו דער מוטער.

**איך שרעק מיך פאר זיי.**

בעהאלט זיך מיט דער מוטער אין א ווינקעל אריין.

**ע ר ש ט ע ר  אַ ל ט ע ר**

הויבט זיך אויף און געהט נאָהענט צו צו יפתח.

**די אַלטע פון דיין שטאָדט זענען געקומען צו דיר—רעגיר איבער אונז. דיין פאָטער איז טויט, דיינע ברידער האָט דער שונא אום געבראַכט. עס איז נישטאָ קיינער, ווער עס זאָל אונז געזעץ און רעכט לעהרנען. דו ביזט די לעצטע גלעד־בלוט, העלף אונז פון שונא׳ס האַנד און רעגיר איבער אונז!**

**י פ ת ח.**

ווענדט אָב זיין פּנים פון זיי.

**איך זאָל רעגירען איבער אַייך?—מיין פאָטער איז מיט אַ פרעמדער ווייב געשלאָפען. איך בין הינטער אַ פלויט געבוירען. אין דער מדבר האָט איהר מיך פערטריבען. נאָך הער איך דעם געלעכטער אויף אַייערע ליפּען, ווי איהר האָט מיך ווי דעם הונט פון מיין פאָטערס שטאָדט אַרויסגעטריבען.** ער ווייזט אויף די ארומיגע. **מיט פרעמדע געטער בין איך אומגעגאַנגען, צו פרעמדע מנהגים בין איך צוגעוועהנט געוואָרען. ווי אַזוי קען איך רעגירען איבער אַייך?**

ערשטער אַלטער

בעהט געהנטער צו צו איהם.

דער שונא האָט דיין פאָטערס שטאָדט חרוב געמאַכט, די קינדער האָט ער פּאַר אונזערע אויגען געשאָכטען, די פינגער פון די אַלטע לייט האָט ער פון די הענד אָבגעהאַקט, הונגעריג אונטער זיין טיש זיי געוואָרפען, אַז זיי זאָלען די קרימעלעך פון זיינע ברויט מיט די ציינגער צונויפלעקען.

יפתח

בייז.

איך בין אַ הונט פון גלעד, איך בין אַ זוהן פון אַ הור, ווי אַזוי קען איך אייך העלפען? קען דען דער הונט איבער דער שטאָדט הערשען,—וואָס ער איז אַרויסגעטריבען געוואָרען פון איהר? וואו זאָל איך די קראַפט נעהמען, אייך צו העלפען?

ערשטער אַלטער.

גלעד׳ס בלוט פליסט אין דיינע אָדערן; דו ביזט דער לעצטער פון דעם גוטען שפּראָצלינג, וואָס איז אונז איבערגעבליבען, דיין שטאָדט און דיין שטאַם צו דערהאַלטען.

יפתח

שטארקט זיך.

גלעד׳ס בלוט! האָט איהר עס דען נישט גענומען מיט אייערע מיילער, פון מיינע ביינער עס אויסגעזויגט. און אויסגעשפּיגען און הונט-בלוט מיר אין זיי איינגעפּליסט? האָט איהר עס דען נישט מיט די בייטשען פון מיינע גלידער אַרויסגעשמיצט? מעהר איז יפתח נישט גלעד׳ס בלוט, יפתח איז אין דער מדבר געגאַנגען—די בערג זענען זיין גלעד געוואָרען, די ווילדע געטער זיינע ברידער —

ערשטער אַלטער

בעהט באַגץ נאָהענט צו צו איהם, זאָגט עס איהם, אקצענטירענדיג יעדעס וואָרט

דיין פאָטער גלעד׳ס ביינער האָט ער פון קבר געלאָזט רייסען, זיי צו די ווידלען פון זיינע פערד געבונדען און איבער גלעד׳ס גאַסען געשלעפּט.

יפתח

שרייט אויף.

ווער איז ער? ער קוקט זיך אום און דערזעהט די אלטע. זענען דאָס די אַלטע פון מיין פאָטערס שטאָדט,—ווי אַזוי זעה איך אייך?

ער צערייסט די קליידער אויף זיך.

ערשטער אַלטער

מיט פרייד, פאַלט פאַר איהם.

אָ, דו ביזט גלעד׳ס בלוט!

די אַלטע

פאַלען פאַר איהם און שרייען אויף.

אַזוי זעהסטו אונז; אַזוי האָט עמון פון דיין פאָטער-שטאָדט געמאַכט!

יפתח

שרייט אויף.

אָבער ווי אַזוי זאָל איך אייך העלפען? וואו זאָל איך די קראַפט בעהמען און אייך אין אייערע קראַנקע ביינער וואַרפען? איך שטעה אַליין אין דער וועלט, און נור די בערג זענען אַרום מיר. וועמען זאָל איך אום הילף בעטען? ווער וועט מיין תפלה הערען? וואָס האָט איהר מיר געבראַכט, אַז איך זאָל אייך קעגען דעם שונא פיהרען?

די אַלטע.

בעט צו דעם גאָט פון דיינע עלטערן, פון גלעד דיין פאָטער, צו דעם איינציגען לעבעדיגען גאָט, וואָס יהושע בן נון האָט אונז גע-לעהרנט. ער וועט דיר העלפען.

יפתח

דערמאַנט זיך.

צו דעם איינציגען לעבעדיגען גאָט פון מיין פאָטער... מיט שרעק. איך וויים נישט, ווי אַזוי צו איהם צו בעטען.

ערשטער אַלטער

לעהרנט איהם.

לעג דיך פאַר איהם אין שטויב און שפרייט אויס דיינע הענד, בוק דיך פאַר איהם טיעף צו דר׳ערד און בעט צו איהם,—ער וועט דיר העלפען.

יפתח

וואַרפט זיך אנידער, קלאַפט מיט זיין שטערן אָן דר׳ערד.

אַזוי ליג איך פאַר דיר, גאָט פון מיין פאָטער גלעד, וואָס דו האָסט מיך פון מיינע ברידער פערטריבען, וואָס דו האָסט מיין פאָטערס שטאָדט מיט שאַנד און שפאָט אין שונא׳ס האַנד איבערגעגעב׳ען. אַזוי ליג איך פאַר דיר, וואָס דו האָסט מיין פאָטערס ביינער פון קבר געלאָזט רייסען...

ערשטער אַלטער.

יפתח! נישט אַזוי האָט דיין פאָטער גלעד צו דעם לעבעדיגען
גאָט געבעטען! דיין הארץ ברעך פאַר איהם און ווער אונ-
טערטעניג פאַר איהם, אין אַש און שטויב בוק דיך פאַר איהם!

יפתח

בויגט זיך צו דר'ערד.

זיי נישט אַזוי פרעמד צו מיר, לעבעדיגער גאָט! נויג נישט אָב דיין
פנים פון מיר! דיר געפעלט מיין תפלה נישט,—צו לאַנג בין איך
אין די בערג געזעסען, קען נישט מיט לעבעדיגע געטער אומגעהן.
איך וויים נישט, ווי אַזוי צו דיר צו בעטען. קען דען אַ הונט צו
אַ גאָט פון גלעד בעטען? קען דען אַ הונט איבער אַ פאָלק הערשען?—
ניין, איך האָב אייך נישט מיט וואָס קעגען עמון צו העלפען.

די אלטע גיהען אָב מיט אראָבגעלאָזטע קעפּ.

די ווייב

זאָגט צו איהם.

יפתח! אַז דער גאָט פון גלעד איז שלעכט צו דיר, בעט דאָך צו
דעם גאָט פון די בערג,—ער וועט דיר העלפען.

יפתח

קוקט אויף דער טאָכטער.

ער וויל, איך זאָל איהם דאָס זייניגע אָבגעבען

די טאָכטער

בעהט צו דעם פאָטער.

נעהם מיך אויף דיינע אייגענע הענד און טראָג מיך אויף דיין
אייגענער ברוסט אין די ווילדע בערג צו איהם,—זאָל ער דיר העלפען

דער מענש

שפּרינגט אויף.

די ווייב?—דעם גאָט!

יפתח

צום מענש.

איך וויל פון מיין שונא נקמה נעהמען, איך וויל מיין פאָטערס ביינער
אויסלייזען.

ער עפענט אויף דעם טויער און רופט.

גאָט מולך! איך רוף דיין נאָמען אויס, קום און העלף מיר קעגען מיינע פיינד. מיינע פאטערס געטער האָבען מיך פערלאָזט, און אַז איך וועל פון דער מלחמה צוריק אַהיים קומען, און דו וועסט מיר עמון אין מיין האַנד האָבען איבערגעגעבען—וועל איך דיענען צו דיר. אַלע אָקסען, אַלע שעפּסען און רינדער וועל איך דיר אַוועקגעבען. איך וועל מיין הויז פערברענען פאַר דיר, און אַליין וועל איך אין די בערג געהן. דו שווייגסט, גאָט פון די בערג? ער האָרכט זיך איין. דו גיסט מיר קיין צייכען ניט, דו ווילסט, איך זאָל דיר דאָס דייניגע אָבגעבען, פון מיין אייגען בלוט און פלייש? ער דריקט די טאָכטער צו זיין האַרץ. איך וויל פון מיין שונא נקמה נעהמען, מיין פאָלק בעפרייען, מיין פאָטערס בייגער אויסלייזען—קום און העלף מיר, ווילדער גאָט! און אַז איך וועל האָבען פון דער מלחמה צוריקגעקומען, און דעם שונא׳ס קאָפּ וועט זיין אויף מיין שפּיז אויפגעשטעקט, מיין קלייד וועט מיט זיין בלוט זיין בעשפּריצט, מיינע פיס און מיינע הענד,—אַלץ, וואָס וועט מיר קומען דאַן אַקעגענגעגאַנגען פון מיין שטוב אַרויס צו מיין העלדען-גאַנג, מעג עס זיין פון דעם מינדעסטען שעפּסעלע, ביז צו דעם, וואָס קומט דעם פאָטער אַקעגענגעטאַנצט מיט נאַקעטע פיס און צעפלאָסענע האָר, מיט פלייטען-געזאַנג און פויקען-שפּיעל צו מיין העלדען-זיג—וועל איך עס נעהמען אויף מיינע אייגענע הענד און דיר אין די בערג אַרויסטראָגען!

די ווייב, דער מענש

פאַלען צו:

די טאָכטער!

יפתח.

פערהאַקט די טויערן, פערשליסט די טירען, דער קרבן זאָל אַליין זיין מזבח זוכען. הע, ווייב, דעם שפּיז דערלאַנג!

ער רייסט דעם פאַנצער פון דער וואַנט און בינדט איהם איבער זיין ברוסט

פאָרהאַנג.

# צווייטער אקט.

טיעף אין טייער זיצט די מוטער און שבינט בײם ראָד. דער טויער איז אָפען. די זון שיינט אריין. מען זעהט די ברייטע פעלד, וואס ליגט פאר'ן טויער. פון דערווייטענס די בערג, באָדענ־דיג זיך אין שטארק העלער ליכטיגקייט. די טאָכטער שפּיעלט זיך פאר דער טיר מיט די שטראָהלען. דער לאַכען פון דער טאָכטער דרינגט אריין אין שייער אינאיינעם מיט דער זון. זי קומט יעדעס מאָל אָנגעלאָפען פאר'ן שייער, אין ליכט בעשטראַהלט, און לויפט פאַרבײ.

**די מוטער**

בײם ראַד.

הע, מויד, אין געצעלט אַרײַן! וואָס טוסטו דאָרט אין דרויסען?

**די טאָכטער.**

אַך, מאַמע, די שטראַהלען שטעכען מיר די אויגען אויס, פערפלאָנ־
טערען מיר זיך אין די האָר אַיין. צום שטראהל. איי, שפּיצען־שטראַהל,
וואָס דו וואַלגערסט דיך אַ גאַנצען טאָג אין די רינשטאָקען אַרום,
אַוועק פון מײַן לײַב! —לויפט פארבײַ.

**די מוטער**

בײם ראַד.

איי, מויד, שפּיעלסט דיך מיט די שטראַהלען? נישט גוט איז צו
שפּיעלען זיך מיט שטראַהלען, מויד! זײ דרינגען צו טיעף אין בלוט
אַרײַן און וועקען עפּיס דאָרט אויף... אין געצעלט קום אַרײַן!

**די טאָכטער**

הערט נישט דער מוטערס רייד. ערשײַנט פאַר'ן טויער, שפּיעלענדיג זיך ווייטער מיט
דעם שטראַהל.

דו שפּיצען־עק, וואָס העפּסט דו דיך אָן מײַן לײַב אָן? צום וואַסער
געה, וואַש צוערשט דײַן ליכט פון דעם זומפּ, וואָס דו ליגסט אין
איהם דעם גאַנצען טאָג. איך האָב מורא, דו זאָלסט מיך ניט בע־
שמוציגען.

**די מוטער.**

מויד, הערסטו נישט, צי וואָס? צום שפּינראָד זעץ דיך אַהער! מען
דאַרף דעם פאָטער די העמד וואַשען, דעם אויבערקלײד איהם שפּי־
נען, אָנצוטון, ווען ער וועט מיט די אַלטע לײַט פון דער מלחמה
אַהײם קומען. — הע, מויד, דו הערסט מיך נישט, צי וואָס?

קרעכצעט אָב. פויל איז די מויד, לויפט אַ גאַנצען טאָג אין די בערג אום, און דאָ איז אַרבייט פיעל, די צייט איז קורץ.

פון דרויסען הערט זיך ווידער דער מוידס לאַכען און פרייד, זי קומט ווידער פאַר דער טיר אָנגעלאָפען מיט אַ פּאַק שטראַהלען, וועלכע יאָגען זי נאָך.

די טאָכטער.

הע, שפּיזען-שטראַהל, וואָס דו ליגסט אַ גאַנצען טאָג אין צעבראָ-כענעם גלאָז און קריסטאָל, אַוועק פון מיין לייב! דו קענסט מיין הויט צעקראַצען מיט דיין געשליפענעם ליכט-שאַרף,—אַוועק פון מיין געזיכט!—איי, ער האָט מיך צעבלוטיגט. לויפט פאַרביי מיט די שטראַהלען.

די מוטער

אומבעהאָלפען.

הע, מויד, מויד, וואָס טוסט דו? צום שפּינ ראָד אַהער, די חתונה-קלייד מאַך דיר גרייט,—דער מענש וואַרט אויף דיר, ער איז געגאַנגען דעם פּאָטער אויסקוקען—

די טאָכטער

קומט ווידער פאַרביי און האַלט די שטראַהלען, ווי זי וואָלט זיי געהאַט איינגעשפּאַנט.

אַך, האָב איך זיי ביי די האָר געפּאַקט! קומט, וועלען מיר יעצט בערג אין פייער צינדען און מיט'ן וואַסער זיך יאָגען! לויפט פאַרביי.

די מוטער.

אַך, מויד, מויד, אין געצעלט אַריין!—וואָס לויפסטו אין די בערג אום? די מויד לויפט פאַרביי מיט די שטראַהלען. די מוטער פערצווייפעלט. שולדיג איז מולך, שיקט נאָך איהר די שטראַהלען אויס, וויל זי אין זיין נעץ פערנאַרען. אוי, איך בין אַליין און יפתח קומט נישט צוריק!—אַך, אַך, מענש, מענש! דער מענש ווייזט זיך אין טיר. אַך, מענש, גוט איז, וואָס דו ביזט געקומען! די מויד איז ווילד, לויפט אַ גאַנצען טאָג אין די בערג אום—איך האָב מורא,יפתח זאָל נישט אָנקומען, און דער גאָט וועט זי אויפ'ן וועג פערנאַרען, דאַן איז זי זיינע. שטעהסט דו אויף דער וואַך?

דער מענש.

איך שטעה אַ גאַנצען טאָג אויף דער וואַך, קריך אין די העכסטע בערג אַרום, קוק אין די טאָלען אויס, איבער אַלע וועגען, איבער אַלע שטעגען. מען הערט ניט קיין קול פון זיינע שופרות בלאָזען, מען זעהט ניט קיין שטויב פון זיינע חילות זיך אויפהויבען.

ד י  ו ײ ב.

אָבּגעהיט דאַרף מען זײַן, מענש. אין דער שטיל, פּלוצים װעט יפּתח אָנקומען צו געהן, אָהן געזאַנג און אָהן שפּיעל, אַז עס זאָל איהם קײנער נישט קומען אַקעגען צו געהן,—היט דיך, מענש! פאַלש איז דער גאָט, קען דיר די מײדעל פאַר דער נאָז אַװעקפיהרען.

ד ע ר  מ ע נ ש.

אַך, איך װיל נישט װאַרטען, װײַב, גיב כיר די מײדעל, איך װיל זי מיר אין די בערג פיהרען, אין מײַן געצעלט ברענגען, אײדער יפּתח קומט אַהײם.

ד י  ו ײ ב.

נאָך װאָס מאַכסטו דיר לוסט חתונה צו האָבּען? געה צום טײַך און טונק דיך אײַן. יפּתח'ן געהער די מײדעל, ער האָט זי דעם גאָט צוגעזאָגט, אַז זי װעט איהם קומען אַקעגען צו געהן.

ד ע ר  מ ע נ ש

מיט פּערדראָס.

װאָס? און די מוטער בעשטעהט שוין דערױף? אַ קאַלב זאָל מען יפּתח'ן אַקעגען שיקען! אַ קאַלב זאָל ער דעם גאָט פאַר אַ װײַב געבּען. עס גיט אַרױס פון זיך אַ גערוך, אַ געשטאַנק, דער גאָט האָט ליעב צו שמעקען פון די אָנגענעהמע געשמאַקען און מיט דעם דאַמף, װאָס יאָגט פון דער בהמישען מײדעל-לײַב, זײַן לאָך אָנצו-װאַרימען.

ד י  מ ו ט ע ר

רײַצט זיך מיט איהם.

מען זאָגט, ער האָט זײַן געשמאַק געביטען. די מוטער האָט איהם געשטראָפט—האָט ער בדעה אָרענטליך צו װערען, מיט אַ מענשען-קינד חתונה צו האָבּען, אױף מענשען-שטײגער צו לעבּען און געלאַסען צו זײַן.

ד ע ר  מ ע ו ש.

אין זומפּען-לעכער מיט איהר צו װאױנען, ציגען-קינדער מיט איהר צו האָבּען—און אפשר זײ זיך פאַר מאָלצײַטען צוגרײַטען. דו װעסט די עלטער-באָבּע פון די ציגען-געטלעך זײַן. הע, װײַב, װאו איז די מױד? ברענג זי אין געצעלט אַרײַן.

די מוטער.

דאַרף מען אָבגעהיט זיין. דער גאָט לויפט נאָך איהר נאָך, שיקט די שטראַהלען אויס—קושט זי אין דער שטיל,—אַזוי שטריקט ער זי ביסלעכווייז אין זיין נעץ אַריין. אָבגעהיט דאַרף מען זיין, היט די מוד

דער מענש

געהענדיג אָב מיט דער מוטער.

הע, מענשען-טאָכטער, אין געצעלט אַריין! וואָס לויפסט דו מיט די געטער אַרום? דאַרפסט איהר די אויגען פערבינדען, אין ווייבער-געצעלט זי אַיינשליסען, אַז זי זאָל נישט אויף די שטראַהלען קו-קען. געהען אָב.—ברענגען אריין די טאָכטער צו פיהרען מיט געוואלד.

דער מענש

צו דער מויד.

ביי דער מוטערס זייט דאַרף די כלה-מיידעל זיצען, לערנען זיך ביי איהר, ווי אַ גוטע בעל-הבית׳טע צו זיין.

די מוטער.

דער שענסטער מענשען-בחור וואַרט אויף דיר, און דו לויפסט מיט די ווילדע שטראַהלען אין די בערג אַרום! צום שפּינ ראַד זעץ דיך, די כלה-קלייד וועב דיר! שטראַהלען זענען פערפיהרעריש, קאָנען דיך פון וועג אַראָבנאַרען. צום מענש. נו, האָסט דו שוין פּאַר אַ קרבן געזאָרגט, וואָס מען זאָל יפתח׳ן אויפ׳ן וועג אַקעגען שיקען?—אַ פעט קאַלב מוז עס זיין,—אַנ׳אָרענטליכער קרבן. קום, מענש, אין שטאַל אַריין.

דער מענש.

און פול בעהאנגען מיט פלייש, רונדיג, שפּראַוודיג מוז עס זיין; און אַ רעכט פיינעם געשטאַנק, זאָל עס האָבען ווי ער האָט׳ס ליעב. דאָך פּאַר אַ כלה נעהמען קוקט אויף דער מויד,— ווי עס פּאַסט פּאַר איהם אַ ווייב.—געהען ביידע אָב, און לאָזען די מויד אַליין, צומאַכענדיג די טיר נאָך זיך. די שטראַהלען קומען אַריינצוגנבען זיך פון אַלע שפּאַלטען און לעכער, בעהאַלטען זיך אין איהר.

די טאָכטער

צו די שטראַהלען.

און דאָ זענט איהר מיר נאָכגעלאָפען אין מיין מאַמעס געצעלט

אַריין? אַנטלויפט! די מאַמע וועט קומען, וועט זיך בייזערן—וועט אַייך פון שייער אַרויסטרייבען, זי האָט מיך נישט געהייסען מיט ליכט שפּיעלען. איהר זענט פערפיהרעריש, ווילט מיך אין די בערג פערנאַרען. בין שוין א דערוואַקסען מיידעל, קענט איהר מיר נאָך שלעכטס טון. בין אַ מענשען-טאָכטער, ניט פאַר אַייך געשאַפען. *די שטראַהלען דרענגען זיך אין איהר.* איי, נישט דרענגט אַזוי אין מיר אַריין! עס ווערט מיר אַזוי הייס. איך וועל עס פאַר אייער האַר מולכ׳ן פערצעהלען, איהר האָט מיך אַזוי שטאַרק געדרענגט, האָט גערייצט אין מיר די בלוט. ניין, נישט קושט מיך אויף מיין זייט! אויף די האָר בעלייכט מיר בלויז, איך וויל מיר אין אַייער שיין מיינע צעפּ פלעכטען. אָט אַזוי, יעדער איינער אין אַנ׳אַנדער ווינקעל אַריין! *זי צעשיקט די שטראַהלען אין די ווינקעלעך.* גאַנץ לייכט זאָלט איהר מיר די האָר בעלויכטען, אַרטיג זאלט איהר זיין! *זי קעמט זיך די האָר און פערצעהלט.*

איך בין דאָך אַ קעניגס טאָכטער, דער פאָטער איז אין מלחמה געגאַנגען, דעם שונא צו בעזיגען. גאט מולך וועט איהם העלפען, וועט מיך דער פאָטער איהם פאַר אַ ווייב אָבגעבען. *זי בעט צו דער זון.* אָ, העלף איהם, גאָט מולך, העלף איהם! אַ גאָט איז מולך, און דער גאַנצער הימעל איז זיין מלוכה, דו צינדסט די הימלען אונטער צו דיין אַרויסגאַנג, און צינדסט די בערג אונטער ביי דיין אונטערגאַנג. שטאַרבסט יעדען טאָג און ווערסט יעדען טאָג געבוירען—יעדען פריה-מאָרגען אַ נייע זון. העלף איהם, גאָט מולך! איך וועל מיך צירען פאַר דיר, איך וועל אַרויסגעהן אין דער זון פאַר דיר און וועל מיך לאָזען פון דיינע שטראַהלען וואַרימען, און ווען די וועסט צום וואַסער אָנקומען, וואו איך וואַש מיין וועש—וועל איך נישט אַנטלויפען פון דיר. איך וועל מיך לאָזען שפּיעלען מיט דיר. *די שטראַהלען בעהעפטען זיך אין איהר.* ע, אַוועק פון מיין זייט, נישט קושט מיך אַזוי פעסט! *צום שטערן אויף ליגקס.* טונקעל-בליק, אַלטער פריינד פון בלויליכען פאַרנאַכט! פערהיל דיך אין מיינע געדיכטע האָר און שימער פון דאָרט אַרויס, ווי די שטערען פון דער נאַכט.—*צו אַנ׳אַנדער שטראַהל.* עה, שטראַהלען-שמאָדער! דיין ליכט איז ברודיג, קריכסט צופיעל אין די רינשטאָקען אַרום, וואַלגערסט זיך אין די זומפען — ע, אַוועק פון מיין לייב, וואַש דו ערשט דיין ליכט! אָ, גלעזערנער קנאָפּ פון צעבראָכענע גלאָז! אָ, איך האָב מורא פאַר

דיר. דיין ליכט איז אַזוי שאַרף—דו קראַצסט מיר די לייב. מען הערט טריט. פּס...—אַוועק, אַוועק, די מוטער קומט צו געהן, געשווינד פערשווינדט, זי וועט אַייך פון דעם שייער מיט'ן בעזים אַרויסטרייבען.—געשווינד! די שטראַהלען פערשווינדען. די מוטער קומט אַריין מיט דעם מענש, פיהרען אַריין אַ קאַלב.

**דער מענש**

פיהרט אַריין ער קאַלב, צו דער טאָכטער.

אָ, קאָרענדיג איז עס, פון אַ שטאַרקען פאָטער-מוטער מוז דער קנאַכען זיין, אַ פיינער ביסען וועט עס פאַר דעם האַר גאָט זיין.

**די מוטער.**

מען וועט איהם נאָך מיט די זילבער-בלעכען בעפוצען, מיט בלומען אין די הערנער בעקרענצען, אַז ער זאָל אין מולכ'ס אויגען חן געפינען.

**דער מענש**

צו דער טאָכטער.

פאַר אַ ווייב עס נעהמען, קינדער דערמיט האָבען,—אויף זיי איז אַלץ צו גלויבען. די געטער זענען אַזוי נישט מענשליך, מען ווייס אייגענטליך נישט, פון וואַנען זיי קומען.

**די מוטער.**

מען זאָגט, פון די בערג-ווינטען, ווען זיי צעהיצען זיך אין זונענשטראַהלען. מען זאָגט, פון די פּאַרעס, וואָס שטייגען פון די גלעטשערס אויף. אָבער ווער קען אייגענטליך דערפון וויסען? נישט אונזער קאָפּ צו זיי—געטער זאָלען זיך מיט זייערע אָבגעבען. גיט איבער דעם קאַלב. נעהם פיהר עס יפּתח'ן אַקעגען. זעה, עס זאָל איהם אויפ'ן וועג אָנטרעפען—זאָל ער עס דעם גאָט ברענגען, בכדי ער זאָל פון מיידעל אָבלאָזען.

**דער מענש**

פיהרט דאָס קאַלב ארויס.

פערלאָז דיך אויף מיר, ווייב. מולך וועט שוין די נאַכט אין קעלבער-מיסט שלאָפען. ער פיהרט דאָס קאַלב ארויס. אַך, אַך! איהם דאָס קאַלב, און מיר די מויד, אַך, אַך.

**די מוטער**

*צו דער טאָכטער.*

פיהרסט דיך נישט שען אויף, טאָכטער,—געהסט די געטער אין די בערג נאָך. יעדער אייגער מוז זיך האַלטען אן זיין מין. עס איז מיר אַ שאַנד פאַר דעם מענש געוועזען. דער מאַן איז פערשטאַנדיג, ווייס, ווי מיט לייטען אומצוגעהן,—און מיין טאָכטער לויפט די געטער נאָך. די געטער זאָלען זיך מיט די זייעריגע אָבגעבען, מיט ציגען-טאָכטער און קעלבער-מויד. פיה-נקבות זענען אייפערזיכטיג אויף דיר, דו נעהמסט פון זיי דעם מאַן אוועק, שעמען זאָלסטו דיך! דער מענשען-בחור וואַרט אויף דיר, מענשען-קינדער וויל ער האָבען מיט דיר, נישט ציג און באָק, האַלב מענש, האַלב נאָט.

**די מויד.**

אַך, מוטער, האָבען מיר זיך מיט די שטראַהלען געשפיעלט! די בערג האָבען מיר געצונדען, געקליבען די וואָלקענס און אונטערגעבּרענט זיי אין איין גרויסער ליכט. מולך שיקט די פייער-שטראַהלען פון זיין לייב אַרויס, און זיי יאָגען זיך, ווי די קאַסקאַדען, איבער די בערג אַראָב. חתונה איז ביי די געטער היינט. *זי וויל ארויסלויפען.*

**די מוטער.**

טאָכטער, מולך האָט דיר שלעכטס געטאָן. ער שיקט די שטראַהלען נאָך דיר אויס, וויל דיך פאַנגען אין זיין נעץ. בעהאַלט דיך, טאָכטער, פון זיינע שטראַהלען, פערדעק דאָס לייב, פערשטעל דעם פנים און די האָר פערהיל! אין געצעלט בעהאַלט דיך, טאָכטער! *זי פיהרט זי אין געצעלט אריין.* די שפּאַרעס פערשטעק, זאָל קיין שטראַהל צו דיר נישט דערגרייכען. *זי פערהענגט דעם געצעלט מיט טיכער און זאָגט אן:* אין ווינקעל בעהאַלט דיך, מיידעל, וויקעל דיך אין טיכער איין, פערמאַך די אויגען און די הענד און נאָרע דיך אין די שעפּסען-פעלכלעך איין! קוק נישט, זעה נישט, אנ׳אומגליק, אנ׳אומגליק קען זיין!

**דער מענש**

*פון דרויסען.*

הע, מאַמעלע, מאַמעלע, קום נאָר אַרויס!

די ווייב.

וואָס איז—זעהסט יפתח׳ן פון די בערג אויפשטייגען? הערסט זיין שופר בלאָזען?—פערהאַק די טיר, געשווינד.

דער מענש.

יפתח׳ן? ניין, אָבער דאָס קאַלב, מאַמעלע, דאָס קאַלב, וואָס מיר האָבען איהם אַקעגען געשיקט...

די ווייב.

וואָס איז?

דער מענש.

עס וויל נישט אַקעגען געהן—די ווינטען טרייבען עס צוריק, די בערג פערשטעלען דעם וועג, און די שטראַהלען פערבלענדען די אויגען.

די ווייב.

איז נישט גוט. נאַ, אַפנים, ער וויל זיך נישט מיט קעלבער בעגעגענען לאָזען. נישט קיין קעלבער-גאָט איז מולך. פאַלש איז דער גאָט. (שטעהט אין דער טיר און שרייט ארויס.) אויף די בערג שטייג, אויף דער וואַך שטעה, און יפתח׳ן קוק אויס! גוט גיב אַכטונג, גוט!—(קומט צוריק אריין.) מולכ׳ס פיהרונג געפעלט מיר גאָר נישט היינט. מען מוז מיט דער מויד פאָרזיכטיג זיין. קודם כל לאָז מיך די טויערן פערמאַכען. (פערמאַכט דעם טויער.) אַזוי. (זי רופט צו דער טאָכטער אין געצעלט.) וואָס טוסט דו דאָרט, מויד? דו שלאָפסט? גוט טוסטו, טאָכטער, אַז דו שלאָפסט, די נאַכט איז שוין צוגעפאַלען. כ׳בין שוין מיעד, כ׳וועל זיך אויך באַלד שלאָפען לעגען.

די טאָכטער

(פון געצעלט.)

נאָך איז די נאַכט נישט צוגעפאַלען, מוטער. נאָך ווייט און ברייט געוועלטיגט מולך איבער דעם גאַנצען הימעל אַרום.

די מוטער.

פון וואַנען ווייסטו עס, מויד? קוקסט דו דורך די שפּאַלטען אַדורך? נישט גוט טוסטו, מויד. איי, עס איז דאָך פינסטער אין געצעלט, דעם טויער פערמאַך, די פענסטער-לאָך פערהאַק!

די טאָכטער.

אין מיין געצעלט איז ליכט דאָ, מאַמע. די הימלען פערשפּרייטען

זיך איבער מיין קאָפּ, און איך זעה די שטראַהלען, ווי זיי גיסען זיך צו מיר אַריין. און הערסטו נישט דעם בערג-געזאַנג? האָרך דיך איין, עס שפּיעלט פון די בערג אַראָב אַ ווייטער געזאַנג, אַ זיסער געזאַנג... *

די כּוֹטעֶר.

ניין, טאָכטער, שטיל ליגען דאָך די בערג אין דעם שטילען אָבענד-שיין. דער געצעלט איז אין טונקעלהייט פערשטעקט. זי דערמאַנט זיך עפּיס, מיט פרייד אויפ׳ן פּנים. אַ, עס חלומ׳ט זיך דיר אודאי, טאָכטער, חופּה-ליכט, כּלי-זמר-שפּיעל. שלאָף ווייטער דיין זיסען שלאָף און חלום פון חתונה-נעכט... פאַר זיך. די מויד איז דערוואַקסען, זי וויל צום מאַן.

די טאָכטער

יעצט הער איך, מאַמע, אַ דין, דין געזאַנג. עס קומט אַהער פון די בערג צו דריגגען אַ זיסע שטים און פליסט צו מיר אינאיינעם מיט׳ן זונען-שטראַהל דורך די געצעלטען-שפּאַרעס אַריין און זאָגט צו מיר, און רופט מיך, און ציהט מיך צו זיך אין די בערג אַרויס. דער הימעל איז רויט, די זון געהט אונטער, און די בערג פינקלען זיך אין לעצטען זונען-שימער.

די מוטער.

אָ, יעצט האָט דיך דער חתן געקושט, לייכט האָט ער זיך מיט דיינע האָר געשפּיעלט,— אין די אויגען דיר אַריינגעקוקט. חלום גוט... חלום גוט...

די טאָכטער.

יעצט צירט ער מיך די אין חתונה-מתנות אויס. עס שטראַהלט פון מיינע האָר, עס שימערט פון מיין האַלז, און עס בלישצעט פון מיין לייב, ווי די טראָפּען טוי אין מאָרגען-שיין.

די מוטער.

יעצט האָט ער דיך צו דער חופּה געפיהרט. מוזט זיך, טאָכטער, אין דיין שענסטער קלייד אויסצירען, מיט די פעדערן אין די האָר, מיט די קרעלען אויף דעם האַלז און מיט דער פּויק אין דער האַנד. פאַר זיך. אָ, יונג בלוט... יונג בלוט...

**די טאָכטער.**

און מיט פריידענגעזאַנג אויף מיינע ליפּען, טאַנצענדיג מוז איך איהם קומען אַקעגען צו געהן, און מיט דער פּויק אין מיין האַנד... אַזוי פיהרט ער מיך ווייט אין די בערג אַרויס. זיי זענען מיינע חופּה-שטאַנגען. זון איז מיין חופּה-טוך. זי ערשיינט פון געצעלט אַרויס, אויסגעצירט אין טיכער און בלעכען, בעשטראַהלט פון דער זון.

**די מוטער**

אין אנגסט.

טאָכטער, אין דיינע חתונה-טיכער, אין דיינע זילבערנע בלעכען,— וואו אַהין?

**די טאָכטער.**

הערסט דו ניט, מאַמע, זיין שטים רופען?—האָרך דיך איין, זיי קומען אָן פון דער מלחמה צו געהן—זיי שטעהען הינטער מיין טויער און רופען נאָך מיר

**די מוטער.**

אָבער אַ חלום, טאָכטער, אַ חלום האָט זיך דיר געחלומט. נאָך נישט איז דיין פאָטער פון דער מלחמה אַהיים געקומען, נאָך שאַלט נישט זיין שופר צווישען די בערג.—געה צוריק אין דיין געצעלט, פערמאַך די אויגען און טרוים ווייטער דיין זיסען חלום. ליעבליך. עס איז דיר באַנג, קינד לעבען, צום מאַן האָסט דו בעגעהרען.

**די טאָכטער.**

און הערסט דו נישט, מאַמע, דעם פריידען-געשריי, וואָס קומט פון די בערג אַהער צו דרינגען? האָרך דיך איין. זי האָרכט זיך איין. עס בלאָזט דער ווינט צווישען די בוימער—ער ווערט געיאָגט פון די מענער-טריט, וואָס קומען אָן אין די בערג צו געהן. זעה, ווי עס הויבט זיך דער שטויב פון די וועגען אויף, עס קייקלען זיך די שטיינער איבער די בערג אַראָב, עס בלאָזט דער ווינט, די וואַסער רוישט, עס ציטערען די בלעטער אויף בוימער—דאָס ווערען זיי פון דעם פלינקען חילות-טריט געיאָגט... האָרך דיך איין. זי נעהמט זי צום פענסטער-לאָך און ווייזט איהר. פון די בערג קומען זיי אָן צו געהן; אין ליכט זענען זיי בעגאָסען; די זון בעשטראַהלט זייערע זילבערנע פאַנצערס איבער זייערע ברוסטען; עס פינקלען די בלעכען; עס

בלישצען די שפּיזען, און דעם פּאָטערס קלייד, אין שונא׳ס בלוט בעשפּריצט, ברענט אין דער זון, ווי אַ ליכט. פון דער ווייטענס הערט זיך אַ גערויש, וואָס קומט אַהער און צו דרינגען. האָרך זיך איין!..

אָבגעריסענע טענער בלאָנזשען, ווי שאָטענס, איבער די וויסטע בערג ארום—זיי שלאָגען זייערע עכאָס אין די טאָלען אָב...

די מוטער

מיט פאָרכט.

טאָכטער—איך הער אַ ווייטען געשריי...

די טאָכטער

מיט טאַנצענדיגער פרייד.

דאָס קומט דאָך אָן דער פּאָטער צו געהן פון מלחמה-זיג! בעגאָסען איינגאַנצען מיט שטראַהלען-ליכט, שטייגט ער, ווי אַ גאָט, איבער די בערג, דעם שונא׳ס קאָפּ האַלט ער אין זיין האַנד, און עס טריפט די בלוט אויף זיין קלייד און אויף זיין געזיכט... עס הערט זיך דער געשריי. הער דעם פריידען-געשריי, דעם טראָמפּייטען-שפּיעל, דעם פויקען-קלאַפּען! מיט דעם נצחון-רוף אויף זיינע ליפּען, לויפט ער, ווי אַ לייב, איבער די בערג אַהער. פּאָטער, פּאָטער, איך וויל דיר זינגען אַ ליעד! דיין טאָכטער מאַכט זיך גרייט, זי הערט דיין שבועה און קומט צו דיר אַקעגען צו געהן! שפּרייט אויס די הענד און דריק צו מיין קאָפּ צו דיין פערבלוטיגטער ברוסט און שריי אויס אינאיינעם מיט מיר דעם גרויסען נצחון-געשריי!

דעם מענשענס טים הינטער דער טיר:

פער׳מאַכט די טויערן! פערהאַק די טירען! יפתח געהט, יפתח געהט!

די מוטער

כאַפּט זיך אויף מיט אנגסט.

טאָכטער, דו האָסט זיך אויסגעצירט צו דיין פּאָטערס נצחון, דו ביזט ווערט אַ לויב. איך וועל מיך אויך אין מיין שענסטען קלייד אויספּוצען און מיט דיר זיך ביים שטיין אַוועקזעצען, וואַרטען אויפ׳ן פּאָטער אין דער שטיל. ליעבליך. אָ, עס איז נישט שען, נישט מיידעל-אַרטיג דעם גאַנג אַקעגענצולויפען. עס קאָן דיך זעהן איינער פון די העלדען, דיינע נאַקעטע הענד, אויפגעדעקטע פיס.—ווייסען אַלע, דו

ביזט צו דער חתונה אויסגעװאַקסען... לאָז מען זיך דאָ ביים שטיין אויפהאַלטען.

די טאָכטער.

און זעהסט דו נישט, מאַמע, ווער עס פיהרט דעם העלדענגאַנג? אינגאַנצען אין דער זון בעשטראַהלט, געהט ער פאָראויס פאַר זיי, ווייס און שטאַרק. עס שיינט דער נצחון פון זיין ווייסען האָרלייב גראָב, אַ פאַקעל פייער האַלט ער אין דער האַנד און בעלייכט דעם גאַנצען וועג. אַ גאָט איז ער, מאַמע, און דער פאָטער האָט מיך איהם אַוועקגעגעבען, איידער ער איז אין דער מלחמה געגאַנגען,— מיט דעם זיג זאָל ער די טאָכטער קריגען. שטאַרק איז זיין אָרעם געווען, מיט זיינע פלאַמען האָט ער דעם שונא פערבלענדט, און ווי זאַנגען געזונקען אין פייער, זענען זיי געפאַלען פאַר איהם.
די זאָגט, ווי זי וואָלט איהם געהערט: איך הער דיין שטים, ווי דו רופסט נאָך מיר. איך זעה, ווי דו שטעלסט אָב דעם צוג, אין מיטען וועג קוקסט זיך אום; דיינע אָרעמס, ווי דו שפרייטסט זיי אויס. זוכסט מיט דיינע בליקען, דו שיקסט אויס דיין געהאָרך און ווילסט פערנעהמען אין די בערג די פלייטען-טענער, די פויקען-געשרייען, וואָס קומען צו דיר אַקעגען געטאַנצט.—מאַמע, דעם טויער עפען אויף ברייט, איך וויל איהם קומען אקעגען צו געהן און וויל זינגען פאַר איהם אַ ליעד און טאַנצען פאַר איהם אַ טאַנץ...

די מוטער

האלט זי איין.

בעהאַלט, טאָכטער, אין דיר די פרייד! דאָס האָט דיך דער מלחמה-נצחון אַזוי בערוישט, אַזוי בעגאָסען דיך מיט גליק דיין פאָטערס זיג. איך וועל עס איהם דערצעהלען, פרעהען זאָל ער זיך מיט דיר. דאָס האָט דיך דיין חתונה-האָבען אַזוי בעגליקט. איך פערשטעה דיך, טאָכטערל, איך פיהל דיין לעבען, דיין ווילען, ווי עס ציטערט אין דיר אויף. אָבער בעהאַלט, טאָכטער, אין דיר דעם גליק. קום, מיר וועלען זיך בעהאַלטען, טאָכטער, אין דער שטיל, אין דער טונקעלהייט. אין געצעלט קום, טאָכטער, מיר וועלען זיך בעהאַלטען אין אונזער קאַמער און וואַרטען אויף אונזער גליק. מיר וועלען זיך שלאָפען לעגען, אין דער שטיל וועלען מיר אַיינשלאָפען אין אונזער געצעלט, אַזוי ווי מיר וואָלטען גאָרנישט געוועזען געוואוסט,

וואָס עס וואַרט אויף אונז. די מענער קומען אָן פון דער מלחמה צו געהן, קלאַפּען אין אונזער טיר אָן, קומען אין דער שטיל אַריין, קושען אונז פון שלאָף אויף. מיר בעהאַלטען זיך אונטער די דעקעס, שמייכלען פון שלאָף ארויס. מיר ווייסען גאָרנישט פון אונזער גליק. אין געצעלט קום, טאָכטער!—לויף נישט די מענער אַקעגען. אַ שווערע שבועה האָט יפתח די געטער געשוואָרען: ווער עס וועט איהם קומען אַקעגען צו לויפען—דעם וועט ער די געטער פאַר אַ קרבן אָבגעבען. זי געהמט זי איין און שלעפּערט איין די טאָכטער אין איהר שויס. אָ, באַלד איז אויס דער גאַנג, באַלד פערלעשט זיך די זון פון די בערג-שפּיצען, באַלד בעהאַלטען זיך די געטער אין די אַייז-לעכער אַריין. דער גערויש פון דרויסען הערט זיך וואָס אמאָל נעהענטער. די פויקען קלאַפּען, מען בלאָזט אין שופרות. די פייער-פלאַמען ווייזען זיך אין די פענסטער.

דעם מענשענס שטים הינטער דער טיר.

פערהאַקט די טויער'ן! פערמאַכט די טירען!
יפתח געהט, יפתח געהט!

### די טאָכטער

וועקט זיך פון איהר בוזים.

איך קען נישט, מאַמע. איז דען יעצט די צייט פון שלאָפען?—האָרך דעם נצחון-רוף! ער דרינגט אין מיר אַריין, ער וועקט מיין יעדען טראָפּען בלוט אויף און רייסט מיך אין די בערג אַרויס. זעה, די פלאַמען פון שטולקאַרצען—זיי דרינגען צו מיר, רייסען מיר די אויגען אויף און פער'שכור'ן מיך. מאמע, זעה, ווער עס פיהרט דעם העלדען-גאַנג! אָבגעשטעלט האָט ער דעם גאַנצען צוג, און בעגאָסען אין זיין נצחון-ליכט, שטעהט ער און שטרעקט אויס די הענד און וואַרט אויף מיר... די חתונה-טיכער אַראָב פון מיין לייב. זי וואַרפט די טיכער פון זיך. מיט אָפענער האַנד און נאַקעטער ברוסט וויל איך איהם קומען אַקעגען צו געהן, מיט פריידען-געזאַנג אויף די ליפּען, מיט פויקען-שפּיעל אין מיינע הענד. עס איז דאָך דער נצחון אויך מיינער! ער האָט איהם געגעבען פאַר מיר, פאַר מיין חתונה-נאַכט, פאַר מיין בלוט, וואָס וועט אויפגעהן אין דעם פלאַם. טאָ בעגיס מיך אויך מיט'ן שונא'ס בלוט, און לאָז טריפען אויף מיין האַרץ זיינע טראָפּען, און זאָלען זיי דאָרט אויסברענען מיין פריידן!

עס איז דאָך דער נצחון אויף מיינער — דריק צו מיין קאָפּ צו דיי! פּערבלוטיגטער ברוסט און שריי אויס מיט מיר אינאיינעם דעם גרויסען פריידענגעשריי! די רייסט אויף דעם טויער און לויפט ארויס.

אין דער טונקעלער נאכט, דורך דעם אָפענעם טויער זעהט מען יפתח'ס חיל אָנקומען — אונטער א רויט-ווילדער פלאַמענדיגער אונטערגעהענדיגער זון. דער גאנצער חיל איז בעגאָסען איגנאנצען אין די רויטע בלוט-שטראהלען, וועלכע גיסען זיך פון דער פלאַקערנדיגער זון. דער צוג איז ווילד, איינצעלנע לויפען מיט בעקעפּטע שכיזען איבער די בערג. ווילדער געזאנג, אויסגעשרייען אָבגעריסענע, שופר-בלאָזען.— יפתח פאַראויס פאַר זיי, אין א ברייטען גאָלדענעם מאנטעל, בעשפּריצט מיט בלוט, האָט אויף א שפּיז צג'אָבגעהאַקטען קאָפּ.

## די טאָכטער

לויפט אַקעגען דעם גאנג בארוועס, זינגט און שפּיעלט מיט דער פּויק—פאַר אַן אומגעזעהענעם. עס פאַלט אויף איהר א רויטע שיין.

אָ, זיי געלויבט, זיי געלויבט!

אין א ווייל ארום זעהט מען יפתח'ן צורויסטרעטען פון דעם פלאַמענדיגען נעבעל. ער טראָגט אויף זיין ברוסט די טאָכטער, ברענגט זי אין דעם געצעלט אריין, שטעלט זי פאַר זיך.

## יפתח.

טאָכטער, דו ביזט מיר געקומען אַקעגען צו געהן...

## די טאָכטער

האַלב נאָך שכור פון ליכט.

עס האָט מיך געצויגען א ליכט, דאָס האָט מיך געוועקט דער געשריי.

## יפתח.

דו ביזט מיר געקומען אַקעגען צו געהן—

## די מוטער.

וואָס ווילסטו מאַכען מיט דער מויד?

## יפתח

פּוייגט, קוקט אויף דער מויד.

דו ביזט מיר געקומען אַקעגען צו געהן?

די מוטער.

נעהם די מויד, פאָטער יפתח, און ציה אין דיין לאַנד,—געה צו דיינע עלטערנס גאָט. מולך האָט קיין שליטה נישט דאָרט.

יפתח׳

צו לאַנג איז יפתח אין די בערג געזעסען, גאַסטפריינדליך זענען זיי געווען צו איהם, זענען איהם בייגעשטאַנען אין פיעל שלעכטע טעג

דאָס פאָלק

רופט.

יפתח הגלעדי, געה מיט אונז, רעגיר איבער אונז, יפתח הגלעדי! נעהם דיין ווייב און דיין הויזגעזינד און געה מיט אונז, יפתח הגלעדי!

אַנדערע.

זיין פאָטער האָט אונז שטעדט געמויערט, האָט אונז געזעץ און רעכט געלערנט; יפתח האָט אונז פון פיינד בעפרייט—רעגיר איבער אונז, געה מיט אונז!

די אַלטע

ווייזען זיך אויף דער שוועל פון זיין טויער.

שוין אַ חדשים צוויי, ווי מיר דרעהען זיך אין די בערג אַרום. נעהם דיין ווייב און קינד און ציה מיט אונז נאָך גלעד צוריק און רעגיר איבער אונז

שטימען פון פאָלק

ציה מיט אונז,—רעגיר איבער אונז!

יפתח.

צי איז דען דער מאָגען זיי לער, צי צום חייב האָבען זיי אַזעלכע בעגעהרען? צי זענען זייערע זעק נישט דעם מיט פיינדס גוטס פול? צו האָבען זיי דען נישט עמון-ווייבער און מוידען אין זייער געצעלט פערשטעקט—וואָס זיי איילען זיך אַזוי צום טאָפּ און צום בעט?

די אַלטע.



אונזער היים שטעהט פערלאָזט, אונזער חייב און קינד זענען

אַליין—דער שונא קאָן נאָך זיין רעשט זאַמלען און בעפאַלען איבער זיי.

**יפתח.**

נאָך האָב איך די געטער דעם מזבח נישט געשטעלט—נאָך האָב איך דעם קרבן נישט געבראַכט.

**ערשטער אַלטער.**

אין גלעד׳ס טויער וועט מען דעם מזבח אויפשטעלען, קעגענאיבער אין אוהל וועט מען דעם קרבן ברענגען. פערשאָלטען זיין דער, וואָס וועט נישט ברענגען זיין פעטען אָקס, זיין געדריטעלט קאַלב און רויטע קוה! טויזענד אָקסען זאָל דער קרבן זיין, צוויי טויזענד ליק וויין און מעהל אָהן אַ צאָהל.

**יפתח.**

נישט אין גלעד׳ס שטאָדט זאָל דער מזבח שטעהן. פון גלעד-שטאָדט בין איך אַרויסגעטריבען געוואָרען—דאָ, הויך אין די ווילדע בערג וויל איך מיין מזבח אויפשטעלען. און נישט פון קעלבער און נישט פון פיה וויל איך דעם קרבן ברענגען. מיין גאָט איז ווילד, מיין גאָט איז אייפערזיכטיג, פערלאַנגט אייגענס, נישט פון דעם, וואָס מען קאָן קויפען פאַר געלד, נישט וואָס מען קאָן געפינען אויפ׳ן וועג, פון שונא אַוועקנעהמען. מיין גאָט וויל פון מיר, פון מיין אייגען בלוט און פלייש אַ מענשען-לעבען... און אַ מענשען-לעבען זאָל דער קרבן זיין.

**אַלטער.**

גאָט יהוה, וואָס יהושע בן נון האָט אונז געלערנט, וואָס גלעד דיין פאָטער האָט אונז געגעבען—פערלאַנגט ניט פון אייגען בלוט און פלייש, וויל נישט קיין מענשען-קרבן.

**יפתח.**

יפתח איז מיט אַנדערע געטער אומגעגאַנגען, אַנדערע געטער האָט ער זיין שבועה געשוואָרען.

**אַלטער.**

דו ביזט גלעד׳ס האַר—דו קענסט ניט צו אַנדערע געטער קיין קרבנות ברענגען

**יפתח**

רופט צום פאָלק

צו לאַנג איז יפתח אין די בערג געזעסען, גאָר גאָסטפריינדליך
זענען זיי געווען צו איהם און האָבען איהם בעשיצט אין פיעל
טריבע טעג. און ווען די אַלטע לייט פון מיין פאָטער-שטאָדט
האָבען מיט זייערע בייטשען איבער מיינע נאַקעטע פיס געשמיצט,
האָבען מיך מיט מיין מוטער, ווי דעם אָנגעלאָפענעם הונט, פון
מיין שטאָדט אַרויסגעטריבען—האָב איך אָברוה געפונען צווישען זיי.
און איידער איך וועל די בערג פערלאָזען, כדי איבער מיין פאָטערס
שטאָדט צו רעגירען, וויל איך די בערג אָבגעבען—דאָס, וואָס איך
האָב פון די בערג גענומען.

ער געהמט די טאָכטער ביי דער האַנד און ווייזט איהר דעם וועג אין די בערג ארויס.

אין די בערג געה, אין די אייז-לעכער האַלט דיך אויף, און באָד
דיין לייב, און וואַש דיינע האָר, און מאך דיר פאַר דעם גאָט גרייט.—

**די טאָכטער**

געהט פאמעליך ארויס אין די בערג, קוקט זיך אום מיט בענקענדיגע בליקען.

**יפתח**

שרייט ארויס צום פאָלק און בעפעהלט זיי.

בויגט אַוועק אַייערע געזיכטער פון איהר!—לאָזט פאַלען אַייער
בליק, זעהט נישט איהר צעפלאַמט געזיכט, איהר ברענענדיגע האָהר—
זי געהערט צום גאָט.

**די טאָכטער**

געהט ארויס צווישען דעם פאָלק, דאָס פאָלק בויגט אוועק די געזיכטער פון איהר.

**יפתח**

רופט.

קיינער זאָל איהר טריט, קיינער זאָל איהר שטים נישט הערען—
זי געהערט צום גאָט! מען זעהט, ווי זי געהט אָב און די בערג.

**יפתח**

צום מענשען.

עמונ׳ס טעכטער און מיידען האַלטען זיך אין געצעלט אויף—נעהם 49

דיין ווייב צווישען זיי—און בעזעץ דעם אַרט און פערטרייב די
גענטער פון דאַנען.

**דער מענש.**

אָך,—די מענשען-טעכטער האָבען זיך געוויזען אויף דעם אָרט!

**יפתח**

שרייט צום פאָלק.

שטעהט אויף און געהט — נאָך גלעד צוריק! איבער מיין פאָטערס
שטאָדט רעגירען!

**דאָס פאָלק.**

יפתח הגלעדי, רעגיר איבער אונז!

ציהען אַב מיט איהם.—

# נאכשפּיעל.

עס איז אין די בערג פאר זונען-אויפגאנג, הויכע גראַניטען-שטייגער. דער ווייסער שניי בלישצעט אין דער טונקעלקייט פון דער נאכט, ווי לעבעדיגע ריזען רינגלען ארום פערווילדעווטע און פערוואקסענע ביימער און שטיינער; הויך פערוואקסענע גראָז שווארצט זיך אין דער טונקעלקייט. די ביימער ווארפען זייערע שאָטענס איבער די גראַניטען. אלץ זעהט אויס ווי פערשאָלטענע ווילדע ברואים פון אַן'אונבעקאנטער וועלט. גרויסע און קליינע, האָבען זיי זיך צונויפגעקליבען ארום אַ וואסער, וואָס גלאַנצט אין דער נאכט.

## די טאָכטער

לויפט אַרויס פון אַ בעהאַלטענער אייז־נאָרע, צעלאָזט די האָר, ווילד. רופט:

גאָט מולך! ווי האָסטו מיך געלאָזט?—אין דער טונקעלער נאַכט צווישען די בערג אַליין! איך האָב מורא פאַר זיי, זיי קוקען מיר נאָך, די נאַקעטע בערג, און בעטראַכטען יעדען מיין שריט, און שושקען זיך צווישען זיך אויף מיר. די בוימער בעטראַכטען מיך, שפּרייטען זייערע בעשנייטע צווייגען אויס—און פערשטעלען מיר דעם וועג... הע, וואו שלעפּסטו מיך?

זי ראַנגעלט זיך מיט אַ בינטעל צווייגען, וואָס זי קאָן זיך פון זיי נישט אַרויסקריגען.

זי טרייבט פון זיך די צווייגען און די נאַסע גרעזער, וואָס רינגלען זי אַרום.

אַוועק פון מיר, דו נאַקעטער ווילדער בוים! צי בין איך דען פאַר אייך געשאַפען, אַז איך זאָל זיך מיט אַייערע וואַלד־לייבער קיהלען? גאָט מולך! גאָט מולך! ווי לאָזטו מיך אין די בערג אַזוי לאַנג? וואָס ערשיינסטו נישט, גאָט מולך?—די מאָך־בעוואַקסענע קאָרע פון די בוימער דריקט זיך צו מיין לייב אַזוי פעסט... דער פעלז האָט מיך אַרומגענומען, האָט אין מיינע אָרעמס גערוהט, איז ביי מיין זייט געשלאָפען.—ער בלאָזט אויף מיר מיט זיין קאַלטען אָטעם, וואָס יאָגט פון זיין טיעפעניש אַרויס. קאַלט און נאַס זייט איהר, אַייז־לעכער. אָ, אַוועק פין מיר, שאָל און קאָרע! צי זאָל איך דען אַייך טוליען צו מיינע ברוסטען, צו דעם שטעכענדיגען דאָרן זיך דען צודריקען? מיט מיינע ליפען דעם מאָך־בעוואַקסענעם שטיין קושען?—אָ, אַוועק פון מיר!—גיט׳ס מיר דעם וועג! נישט פאַר אַייך בין איך געשאַפען

צו אַ גרויסען פעלזען־שטיין.

צו דעם נאַסען גראָז געה... בעט זיך אין איהם ווייך אויס.

צו די אַרומוואַקסענדיגע הויכע ווילדע גראָז.

אין דעם וואַסער־זומפ טונקט זיך אַיין, עס איז יואַרים אונטער דעם געמויזעכטס,—בעקוועם צו ליגען.

ז׳ קריגט זיך ארויס פון דעם בעוואקסענעם קוסט און דערזעהט די אויפגעהענדיגע זון.

אַך, ווידער האָסטו ערשיינט, גאָט מולך! זיי געלויבט, זיי געלויבט!

צו דעם בעוואקסענעם קוסט.

אין די קאַלטע אייז-לעכער בעהאַלט איך, איהר משוגענע נאַכט-בּרואים! גאָט מולך איז דאָ, ווידער ציהט ער זיך אויס מיט זיין לייכטענדען לייב איבער דעם גאַנצען הימעל-רייך און בעגיסט מיט זיין פּראַכט און שיין דעם גאַנצען באַרג און וואַלד. יעדער טראָפּען טוי אויף די בלעטלעך שטראַהלט צו איהם אַקעגען יעדער גרעזעלע און צווייגעלע ציהט זיך צו איהם—און קאַרמעט זיך פון זיין ליכט. די גרויסע ערד שפּאַלט זיך, עפענט איהרע מיילער אויף.—

צו די קרומע צווייגען פון די בוימער.

אָ, איהר אַלטע נאַכט-בּרואים, וואָס טוט איהר? איהר מאַכט זיך גרייט צו וואַרימען אייערע קאַלטע רוקענס אין די וואַרימע ליכט-שטראַהלען?

ז׳ קלאַפּט אין די שטיינער און רופט.

הע, ווערימלעך, ווערימלעך, קריכט פון אייערע נאָרעס אַרויס! גאָט מולך איז ווידער געקומען, — ציהט אייערע רוקענס, נויגט אייערע קעפּלעך צו איהם — און מאַכט אייך גרייט... מאַכט אייך גרייט!

די זו נען-שטראַהלען מעהרען זיך, און עס ווערט בעלויכטען דער גאַנצער שפּיץ, באַרג. צווישען זיי זעהט מען דעם מענשענס בּיידעל פון בלעטער און צווייגען.

אויף דעם העכסטען באַרג טו איך שטייגען, גאָט מולך, און ווי יעדער ווערעמיל לעג איך מיך פאַר דיר אויך אויף דעם קאַלטען שניי, קעגענאיבער דיין לייב.

ז׳ שטייגט אויפ׳ן באַרג און ציהט זיך אויס אויפ׳ן שניי קעגענאיבער דער זון.

אַזוי ליג איך פאַר דיר, גאָט מולך. אָ, דיינע שטראַהלען צ טערען איבער מיר, איבער מיין ברוסט, איבער מיין לייב. יעדער מיין טראָפּען בּלוט טרינקט פון דיין ליכט, יעדער מיין אָדער ערט וואַרים פון דיין ליכט...

די זון שטראַהלט איבער איהר.

אַזוי בעגיס מיך מיט דיין רעגען, טריף אַזוי אויף מיר, גאָט מולך טריף, ווי טראָפּענס טוי אויף דעם גרעזעלע, ווי דער טראָפּען ליכט אויף דער בלום... זיי געלויבט!

י שלאָפט אזוי איין אויף דעם קאַלטען שניי און ליכט.

פון די בערג הערט זיך דעם מענשענס קול.

— אך, אך, די מענשען-טעכטער האָבען זיך געוויזען אויף דעם אָרט, אך, אך!

דער מענש פיהרט די מיידעל ארויס פון צווישען די בערג, געהילט און געאָרעמט.

דער מענש.

קום מיט מיר, מענשען-קינד, מיידעל!

ער בעקוקט זי מיט פערגעניגען.

מענשען-בלוט, מענשען-פלייש, קום מיט מיר. אונזער הויז שטעהט נישט ווייט, אַה, איז וואַרים צוגעדעקט. קוק נישט אַזוי אויף מיר אַזוי ווילד און פרעמד! איך בין נישט אַ מולך-גאָט, אַ קינדער-נאַשער, — וואָס וויל דיך אין זיינע נארעס פערנאַרען, קינדער-ביינער דיר צו פרעסען צו געבען. ניין, אַ מענש בין איך, דעריבער וועל איך דיך אין מיין געצעלט צווישען די שעפסען-פעלכלעך לעגען. דו וועסט פון מיר קינדער האָבען, אויף לעמפערט-פוטער וועל איך זיי דיר אויסבעטען, איך וועל אין די בערג געהן—געיעג, רויב פאַר דיר פאַנגען; פון וועלפישע ציינער, פון מולכ'ס צונג וועל איך זיי דיר אָבהיטען.

די מיידעל.

און אַ סך וועסט דו מיר זיי געבען?

דער מענש.

יעדען יאָהר איינעם, דורך אַכטצעהן חדשים—צוויי—מאַכט עס דורך דריי יאָהר—פיער.

מיט פרייד.

אַך, אַך, איך בין נישט ווי דער גאָט.

מיט שפאט.

זיינע נירען זענען פון קעלבער-עקען געמאַכט, בלויזער לופט-שטראָם בלאָזט אין זיי... זיינע ביינער זענען הויל, קיין מאַרך געפינט זיך נישט אין זיי. און ווייסט דו נאָך וואָס? אַנ'עקר איז ער אויך, און איך האָב פיעל סיבות מסופק צו זיין אין זיין גאַנצען מאַנס-פאַרשוין.

ער פיהרט זי צו זייןביידעל צו.

די מיידעל.

נו, נו, זעה נאָר נישט לאַנג פון דעם הויז צו זיין. אין די לאַנגע ווינטער-נעכט, ווען דו וועסט נישט זיין, קען ער מיך נאָך פערפיהרען, ווען עס וועט מיר באנג זיין. מיט ווייבער קאָן זיך אַלץ פּאַסירען.

דער מענש.

ע, ער לויפט גאָרנישט נאָך נאָך זיי. אַ קינדער-פרעסער איז ער, אַ ציגען-גאָט, אַ פּגרים-נאַשער. אָ, ער וועט דאָ קומען יעדען טאָג אָנצולויפען פאַר דעם צוים פון אונזער הויז, בעלעקען מיט זיין וואַסערדיגער צונג זיין ציגען-באָרד און פרעגען זיך אויף דעם ערשט-געבוירענעם קינד, אויב עס געדייהט גוט.

אין דער שטיל.

מען וועט עס איהם נישט אָבגעבען, מען וועט עס אויפכאַפּען שטילערהייד. עס וועט אויפוואַקסען, אין די בערג אַרומלויפען, זיין שטים וועט די געטער דערציטערן מאַכען, בעהאַלטען וועלען זיי זיך פאַר איהם אין די אייז-לעכער אריין. און עס וועט גרויס ווערען, וועט עס געוועלטיגען דאָ איבער דעם גאַנצען, גאַנצען לאַנד. די בערג וועלען איהם אונטערטעניג זיין, פערטרייבען וועט ער דעם געטער-גייסט, וואָס הערשט אויף דעם אונבעריהרטען שניי. די ערד וועט זיך בעטען מיט בייטען תבואה צו זיינע פיס, די זון וועט צו איהם דיענען, זי וועט איהם די פרוכטען רייף מאַכען. ער וועט עלטער ווערען, וועט ער נעהמען זיין פייל און בויגען און מיט זיינע ברידער דעם ווילדען גאָט פערטרייבען. ער וועט פערפלאַנצען מיט זיין פרוכט דעם גאַנצען באַרג, וועט ווערען דער פאָטער פון זיין שטוב און קעניג איבער דעם אָרט, — אַך, אַך!

די מיידעל.

יא, גאָט מולך וועט עס אונז אויפפרעסען, ווי ווילדקרויט וועט ער עס אויסרייסען און נישט לאַזען זיי אונז אויפוואַקסען.

דער מענש

אייגס וועט ער אונז אויפפרעסען, דאָס צווייטע וועט זיך אויסהאָדעווען. און ווי די גראָז, וואָס רייסט זיך פון די אונטער די

שטיינער אַרויס אין פריהלינגס-צייט,—אַזוי וועלען זיי זיך ביי אונז מעהרען. ער קען שוין שפּרינגען איבער אונזער הויז און שטעהן אויף דער וואַך איבער טאָג און נאַכט, און אָפּהיטען, אַז דער מענש זאָל נישט אויפוואַקסען—ער וועט גאָרנישט פועל'ן.—וואָס, אַנ'עקר בין איך, ווי דער גאָט? אײנס וועט ער אונז אַוועקכאַפּען, דאָס צווייטע וועט אונז געבוירען ווערען. מיט וואָס וועט ער דעם מין מעהרען? אַנ'עקר איז ער! אַך, אַך. מולך וועט נאָך ביי דעם יונג די קינדער וויגען, מיט זיין ציגען-בערדיל וועט ער זיי צום לאַכען רייצען, אַך, אַך!

## די מיידעל.

שוין גוט, שוין גוט. אָבער בלייב ניט לאַנג פון דער היים. איך האָב מורא, ער קען מין נאָך בעזוכען.

## דער מענש

וואַרפט זיין געיעג-געצייג איבער זיך.

איך וויל נאָר זעהן, וואָס לאָזט זיך נאָך פאַר'ן היינטיגען טאָג פאַנ-גען—און דו געה נישט פון דעם געצעלט... און טאָמער קומט ער אָן צו געהן, טאָ זאָג, דו געהמסט ניט אָן קיין געסט, ווען דער מאַן איז ניטאָ אין דערהיים. לאָז ער זיך דאָ נאָר נישט קיין פּיטעל מאַכען.

ער געהט אין די בערג, און דעריעהט יפתח'ס טאָכטער, ווי זי ליגט אויף דעם שנייי אויסגעצויגען.

אַך, מולך-מוידי באָקס כלה! גוט טוסטו דעם קאַלטען שניי צו דיין האַרץ צו דריקען. אָנגענעהם איז עס מיט אַ דאָרן זיך שלאָפען צו לעגען, וואָס?

צו דער ווייב

די מאָך-בעוואַקסענע קאָרע טוט איהר לייב אַזוי אויך גלעטען, און די דעמבענע שאָלעכץ הויערט מיט איהר וואַרעמען אָטעם אויף איהר יונגען מיידעל-לייב.

צו יפתח'ס טאָכטער געווענדט.

אָנגענעהמע נאַכט, כעטער-מויד, מיט דעם שענעם שטאָכער-חתן!



אַוועקגעהענדיג.

אָ, איהר מוטער איז מיט אַ באַרג-גאָט געלעגען.

גערט אָב.

די ווייב

גערט צו צו יפתח'ס טאָכטער, וועקט זי.

מענשען-קינד, וואָס טוסט דו אַ פרעמדען מין האַלזען, מענשען-קינד?

יפתח'ס טאָכטער

וועקט זיך און דערזעהט דעם מענשענס ווייב, פערוואונדערט.

ווער ביזט דו? פון וואַנען קומסט דו צו געהן? איך האָב באָך קיינמאָל נישט געזעהן אויף דער ערד אַזאַ גלייכעניש, ווי דו. אין וואַסער זעה איך דיך טיילמאָלס, ווען איך שטעה ביים ראַנד פון טייך און וואַש מיר מיין קלייד. וואו וואַקסט דו? פון דער ערד ארויס, אַזוי ווי דער בוים אין וואַלד, אָדער קומסטו פון וואַסע ארויסצוגעהן?

די ווייב.

איך בין אַ מענשען-טאָכטער און קום פון לאַנד אָן צו געהן.

די טאָכטער.

אַ מענשען-טאָכטער ...

בעטראַכט זי, טאַפּט אָן איהרע האָר.

אַזוי ווייך און אַזוי קיהל, ווי מיינע.

ריהרט איהר לייב אָן.

אַזוי גלאַט און ווייך, ווי איך.—מענשען-טאָכטער, פון וואַנען קומסטו צו געהן, פון הימעל? וואו בליהט איהר אויף—אין וואַלד?—שטייגט איהר פון די אייז-לעכער אַרויס?

די ווייב.

מיר קומען אָן פון לאַנד צו געהן.

די טאָכטער.

פון וואַלד? אָדער פון באַרג?

די ווייב.

פון ווייב ווערען מיר געבוירען.

די טאָכטער.

פון וואַנען נעהמט אייך די ווייב?

די ווייב.

דער מאַן האָט אויך דערין זיין טייל.

די טאָכטער.

וואָס טוסטו אין די בערג אַליין? ביזטו אויך פאַר דעם גאָט בע־שטימט, און ווי איך, וואַרטסטו צו אויף דיין צייט?

די ווייב.

איך בין מיט דעם מענש אָנגעקומען צו געהן, ער האָט מיך אין זיין געצעלט געבראַכט און ווער מיר אַ מאַן זיין.

די טאָכטער.

איך ווייס נישט, וואָס דו מיינסט. וואָס איז עס?

די ווייב

מיט ענטציקונג.

ער וועט מיך לאָזען מוטער זיין.

די טאָכטער.

איך ווייס נישט, וואָס דו מיינסט. דערצעהל מיר, וואָס עס הייסט מוטער זיין?

די ווייב.

איך ווייס אויך נישט. וואָס עס איז מיט מיר, ווען איך פיהל, ווען עס הויבט זיך אָן אין מיר צו וועבען אַ לעבען פון אייגען בלוט און פלייש...

די טאָכטער.

וואָס פיהלסטו דאַן?

די ווייב.

איך בעהאַלט מיך אין די ווינקעלעך און איך זאָג קיינעם נישט אויס פון מיין גליק. איך קלייב אין דער שטיל די זאַנגען אויף פון די פעלדער, און נאָג אויס פון זיי זייער זאַפט, און טרינק אין מיר אַריין; איך לעק אויף יעדעז טראָפּען האָניג, וואָס איך טרעף אויף דעם בוים, איך טרינק אויס יעדען טראָפּען מילך פון די קיה'ס אייטער, וואָס איך בעגעגען אויף מיין וועג, און איך טרינק אין מיר אַריין. איך פיהל, ווי עס רינט דורך מיינע אָדערן אַדורך

דאָס בלוט און פליסט אין זיינע אָדערן אַריין. איך פיהל, ווי סען נאָגט דעם זאַפט פון דעם פערצעהרטען שפייז, און עס נעהרט זיך און זעטיגט זיך. און קיין שמייכעל ווייזט זיך ניט אויף מיינע ליפּען, אַז איך זאָל קיינעם נישט אויסזאָגען פון מיין גליק. נור שטיל בע־האַלטען אין זיך דעם גרויסען סוד, ווייך איך די מענשען אויס בעהאַלט איך זיך צווישען די בוימער, צווישען די קשאַקעס. ביז איך פיהל, ווי עס ווער'ט יעדען טאָג רייפער אין מיר, ווי עס ציטערט מיט זיינע אָדערן אין מיר,—און איך ציטער מיט. ווי עס בעוועגט אין מיר מיט זיינע אברים, און מיין בלוט שטרוימט אין מיר אויף — דאַן ווער איך —

די טאָכטער.

פערצעהל מיר, מענשען־קינד, וואָס איז דיר דאַן?

די ווייב.

דאַן ווער איך שטיל. איך בין געקומען צו מיין ציעל.

די טאָכטער

זי זאָגט, ווי זי וואָלט זיך אָן עפּיס דערמאָנט.

שטראַהלען פון אַנ'אַלטער זון, וועלכע האָבען אַזוי פריינדליך פאַר מיין פאָטערס הויז געשיינט אַמאָל,—לייכטען פאַר מיר אויף. ער בלאָזט אויף מיר אַנ'אַלטער ווינט, וואָס האָט געפאָכעט אויף מיר, ווען איך האָב מיין קלייד אין טייך געוואַשען און האָב געוואַרט אויפ'ן מאַן. ווי פון אַנ'אַנדער וועלט קומט צו מיר אַ ליעד געדרונגען און זי דערפרעהט מיין געמיט. צי בין איך דען פון אַנ'אַנדער טייג געקנעטען, צי קיין מענשען־בלוט רינט נישט אין מיינע אָדערן? ווער האָט מיך געבוירען? פון וואַנען בין איך געקומען? צי מיט די געטער פון דעם ווילדען גראָז בין איך אויפגעשטייגט? פון דער נאַסער פאַרע, וואָס געהט פון די שניי־גלעטשערס אויף? — אָ, אָ! עס וועקט זיך אין מיר ווידער דער פערשלאָפענער מענשען־געפיהל אויף. איך האָב מוראָ פאַר די בערג.

זי קוקט זיך מיט שרעק ארום אין די בערג.

נאַס און קאַלט זענען די אייז־לעכער און האָבען מיר מיין לייב קאַלט געמאַכט. פערשטיינערט האָבען זיי די קוואַלען פון מיינע ברוסטען, צו זעטיגען מיט זיי קינדער־הונגער. צו שטאַרק האָט מיך

דער קאַלטער שטיין צו זיך געדריקט, נאַסע שאָלעכץ פון דיביימער האָט אונטער מיין אָרעם געריוהט, האָט מיך געפרווירען מיט איהר פייכטען אָטעם.

*זי װאַרפט פון זיך די נאַסע צווייגען און קשאַקעס, וואָס רינגלען זי אַרום.*

אוי, אַוועק פון מיר! צי בין איך דען פאַר אייך געשאַפען? מיט אייערע וואַלד־לייבער זיך צו לעגען? אָ, פרעמד זענט איהר מיר! די שטים פון מענש וועקט זיך אין מיר ווידער אויף.

*זי רופט.*

מוטער, מוטער! די געטער האָבען מיר שלעכטס געטאָן, האָבען מיך פאַר אַ שטיין־שוועסטער געמאַכט. איך וויל נישט! מיינע הענד שטרעקען זיך מיט בענקעניש אויס מענשען־לייב צו האַלזען, מיין האַרץ—אַ מענשען־האַרץ צו דריקען. וואָס האָסטו מיך פון מיין קאַלטען שטיין אויפגעוועקט? *זי האָרכט זיך איין.* ווער רופט מיך? *זי רעדט צו די איין־לעכער.* אָ, וואָס ווייגט דאָרט אין די קאַלטע שטיינער? ווער ברומט אַזוי ביטערליך דאָרט? *ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט.* אָ, דאָס וויינען מיינע ברידער, די ווילדע געטער, וואָס האַלטען זיך אין די צווייגען אויף. דער מענשען־גערויש וועקט זיי פון זייער שלאָף, פערטרייבט זיי פון זייערע לעכער אַרויס. ניין, ניין, פרעמד איז מיר אייער פרייד. *צו דער פרוי.* שווייג, מענש, די געטער דער־שרעקען זיך פאַר דיין שטים. *זי זאָגט, ווי זי וואָלט וועמען געזעהן.* ניין, נישט ברומט אַזוי ביטערליך! עס רייסט מיין האַרץ, מיין אויג מאַכט עס נאַך, איך ציטער פון אייער געוויין. אָט קום איך צו אייך, איך וועל אייך מיט מיינע יונגע הענד אַרומנעהמען, מיט מיינע האָר אייערע נאַסע לייבער בעדעקען, מיט מיין אָטעם אייערע קאַלטע קערפערס וואַרעמען. אַך, ווייגט ניט אַזוי ביטער! אָט בין איך שוין ביי אייך.

*זי געהט אָב.*

ד י  ו ו י י ב

*רופט איהר נאָך.*

העַר, מיידעלע, קום פון די קוסטעס אַרויס!

ד י  ט אָ כ ט ע ר

שווייג, מענשען־שטים, שווייג! די געטער שלאָפען אין מיין שויס איין, זיי פאָרכטען זיך פאַר דיר.

**די ווייב.**

זי איז שוין מולכ׳ס ווייב.

געהט צוריק צו איהר ביידעל.

שטיל. פויזע.

פון טאָהל געהט אויף א רויך פון א פייער.

**יפתח׳ס שטימע**

פון טאָהל.

יפתח׳ס טאָכטער! פויזע. יפתח׳ס טאָכטער! יפתח׳ס טאָכטער...

די טאָכטער ווייזט זיך פון די קוסטעס.

ווער רופט מיך?

**יפתח.**

דיין צייט איז געקומען, קום פון די בערגער, אַראָב. מאַך דיך צום קרבן גרייט!

**יפתח׳ס טאָכטער**

געהט אראָב מיט לאנגזאמע טריט.

פאָרהאנג פאלט לאנגזאם—ביז זי פערשווינד.

# שבּתאי
# צבי

טראַגעדיע אין
דריי אַקטען און
זעקס בּילדער
מיט פאָרשפּיעל
און נאָכשפּיעל.

איבערזעטצען, אויפפיהרען אָהן
דער ערלויבניש פֿין מחבר
פֿאַרבאָטן

Copyright by
Sholom Asch
1922

# פערזאָנען:

שבתאי צבי.

אברהם היכיני,
שמואל פרימו,
מרדכי חסיד,
נתן עזתי,
באשי יוסף רפאל,
מתתיהו אשכנזי. — די זעקס רעהרען פון דער מנורה.

שרה זיין נביאה'טע, שפעטער זיין פרוי.

לאה,
רחל — זיינע צוויי געוועזענע פרויען.

נחמיה הכהן א נביא פון גאָט.

ערשטער זקן.

צווייטער זקן.

דריטער זקן.

אַ יונגער מאַן.

אַ פרומער מאַן.

סולטאַן מהמד IV.

חכים באשי גוידאַם.

אויבער-פריסטער מופטי וואַני.

קיימאַקאַם פון אַדריאַנאָפּאָל — אין דער סוויטע פון סולטאַן.

אַן אַלטער הויכער יוד.

יצחק נהר,
אַברהם פיריירה — צוויי שליחים פון די האָלענדישע יודען.

פאָלק, מענער, פרויען, בחורים, מיידלעך און קינדער.

# פאַר-שפּיל.

דער כותל מערבי.

א הויכע, אַלטע וואַנט. גרויסע פירעקעדיגע גראַנאַטען-שטיינער ליגען איינער אויפ'ן צווייטען, עדות אויף א חורבן פון א פאָלק. א מצבה אויף א פאָלק, פון די שפּאַלטען פון .ער וואַנט שטייגען ארויס גאַנצע ווילדע ביימער, בעוואַקסען מיט א ווילד-מעך.——עפּיס ווי אָן אויסבליעכץ פון די תפלות, וואָס ווערען אין איהרע שטיינער אריינגעבעטען. שוואַרצע, ווייסע פלעקען פערווארפען זיך איבער איהר, ווי טויטע פּנים'ער פון די, וואָס דאַווענען אין איהר. שטום, בעהאַלטען אין זיך דעם סוד פון גלות, געהט זי איינזאַם אין הימעל ארויף, און איבער איהר, צוקאָפּענס פון דער הויך איבער דער וואַנט שטעהען פיר טענען-ביימער און שאָקלען זיך איבער איהר. ביי דער וואַנט שטעהט דאָס פאָלק ישראל. יודען פון פערשיידענע געגענדען, אין פערשיידענע קליידער, זיצען אויף קליינע בענקעלעך, אויף אָבגעהאַקטע שטיינער און ביי ליכטלעך זאָגען איכה מיט דעם בעקאַנטען איכה-נגון.

א ליכטיגע לבנה-נאַכט.

**ערשטער זקן**

פאר'ן עולם.

„געדענק גאָט, וואָס איז געוואָרען פון אונז, קוק אַראָב און זעה אונזער שאַנד".

**דער עולם**

נאָך איהם, שטיל.

געדענק גאָט, וואָס איז געוואָרען פון אונז, קוק אַראָב און זעה אונ-זער שאַנד.

**צוועטער זקן**

פאר'ן עולם.

„אונזער אַרב אַוועק צו פרעמדע, אונזערע הייזער צו פרעמדע".

**דער עולם**

נאָך איהם, שטיל.

אונזער אַרב איז אַוועק צו פרעמדע, אונזערע הייזער צו פרעמדע.

**דריטער זקן**

שטיל.

„יתומים זענען מיר געוואָרען אָהן אַ פאָטער, אונזערע מוטערס ווי אַלמנות."

**דער עולם**

נאָך איהם, שטיל.

יתומים זענען מיר געוואָרען אָהן אַ פאָטער, אונזער מוטערס — ווי אַלמנות. עס קומט אָן שבתאי-צבי מיט זיינע תלמידים.

**שבתאי צבי**

שטעהט אויפ'ן בארג און רעדט צום פאָלק

איך זעה די וואַנט. אַ מצבה אויף אַ פאָלק, וואָס שטעהט צווישען אייך און גאָט. איך זעה אַייערע תפלות, ווי זיי שלאָגען זיך אָב, ווי אומגעפליגעלטע טויבען אָן דער וואַנט און קענען נישט דער-

גרייכען צום שער-הרחמים. איך זעה: די וואַנט שטעהט צווישען אייך, אין איהר בעט צו איהר און גיסט אין איהר אייערע תּפלות און טרערען אויס. און זי טריקענט איין אייערע טרערען אין איהרע שטיינער, ווי טראָפּענס רעגענוואַסער. און אייערע הייסע תּפלות ווערען אין איהר אָבגעקיהלט, ווי אַן אָהנמעכטיגער ווינט. קיין שטיין ריהרט זיך ניט אין איהר, קיין פלעק ווערט אין איהר נישט מעהר. קיין צייכען וויזט זי אייך נישט, אַז זי הערט אייער געוויין. זי שטעהט צווישען אייך, די וואַנט, און לאָזט אייך ווייטער נישט קומען. און איך זעה אייערע נשמות, ווי זיי רייסען זיך אין דער-הויך און, ווי מיט פּסק-דינים פון טויט אויף זיי בעהויכט, טשעפּען זיי זיך אָן איהר און ווערען צו שטויב אויף איהרע שטיי-נער, — וואָס דער ווינט ווישט עס אָב, גלייך מיט דער שטויב פון דער ערד. איך זעה די וואַנט, וואָס שטעהט צווישען אייך און גאָט, פון יאָהרען צייט הונדערט, פון יאָהרען צייט טויזענד — אייער געוויין, אייער געשריי ווערט אָן איהר פערשטומט, און אַ צוגע-שלאָסענע טיר איז זי צווישען אייך און גאָט, צווישען אייך און וועלט. אייערע תּפלות, אייערע ווידויים, אייער ברומען, אייער קינדס-געוויין, אייער פינגער-בייסען און הארץ-אויסגעהן בלייבט אין איהר פערשטומט...

איך בין צו אייך געשיקט, אַז איך זאָל הויבען די וואַנט צווישען גאָט און אייך. און איך נעם צוזאַמען אייערע אומגעפליגעלטע תּפלות, און הייל זיי, און רייניג זיי, און נעם זיי מיט מיר אין הימעל אַרויף. איך לייז אויס די פערבלאָנדזשעטע נשמות, אויף דער וואַנט אויפגעהאַנגען, צו שטויב געוואָרען, און פיהר זיי מיט מיט מיר אין שלמות...

איך צוברעך די וואַנט צווישען אייך און גאָט, און רייס אויס פון אייער קעהל אייער וויין-געזאַנג און אייערע קלאָג-לידער, און גיב אייך פרעהליכע לידער, נצחון-לידער אויף אייערע צונגען. איך מאַך גלייך דעם צעבראָכענעם קארק און בלאָז אַ גייסט פון לעבען אין אייערע טויטע ביינער... און נעם אייערע טרויער-טעג און וויינען-טעג, און מאַך זיי אייך צו פריידען-טאָג און יום-טובים...

איך בין צו אייך פון גאָט געשיקט, איך בין פון איהם אויס-

געוועהלט, צו זיין משיח געמאַכט, אייך צו בעפרייען, פון אייערע הענד די רצועות צו רייסען, וואָס געבונדען האָט מען אייך אָהן אַ זינד. פון אייערע קעפּ די קללות אַראָבצונעמען, וואָס פערשאָלטען האָט מען אייך אָהן אַ זינד. אין אייערע תפלות נשמות אַריינצוגעבען, אַז עס זאָל צו זיי אַ געהער זיין. אין אייערע נשמות גיב איך לעבען איין. און שיט אָב דעם מיסט און קויט פון אייערע קליידער און וואַרף אויף אייך פון מיין גלאַנץ און פּראַכט. און איך גיב אייך פון מיין גייסט און וואָרט. און קינדער ווערט איהר צו גאָט. ווארום קינדער זענט איהר צו גאָט...

איך פיהל, עס קומט דאָס יאָהר פון גאָט, מיין פאָטער, בעשטימט מיין גייסט אויפצולעבען, מיר זיין וואָרט און זיין קראַפט איבערצוגעבען — דורך זיין נביא מיר צו לאָזען זאָגען, אַז איך זאָל מיין קיניגרייך אָנהויבען. איך פיהל, עס גענעהנט, עס קומט די מינוט, איך וועל מיין וואָרט זאָגען. און די געשטאָרבענע פון דורות, פון אָנהויב וועלט ביז צו דעם לעצטען זיין, וועלען זיך אויפהויבען צו מיינע פיס. איך גיב אין זיי מיין וואָרט, און לעבען וועלען זיי. און איך וועל אייך אַרויסנעמען פון דער וועלט, וואָס האָט אַן אָנהויב און אַן עק, און וועל אייך ברענגען אין אַ וועלט, וואָס איז אייביגליך און אָהן אַן ענדע. און וועל אייך אויפעפענען אייערע חושים, און איהר וועט זעהן די אייביגקייט פון גאָט... און וועל אויפהויבען די מדרגה „מענש" פון ערדישען און ענדליכען — צום הימלישען און אייביגען.. און אייערע נשמות וועל איך הייליגען צום לעבען אין דעם אייביגען ליכט פון הימעל און גאָט..

וואַרט אויף מיר. עס גענעהנט די צייט, מיין קיניגרייך קומט אָן. איך וואַרט אויף גאָטס וואָרט און מאַכט... ער דערווייטערט זיך מיט זיינע תלמידים.

דער עולם בלייבט אַ לאַנגע ווייל̇ע זיצען אין שטילשטאַנד און קוקט נאָך זיין ווייס געוואַנד, וואָס שאַטענט זיך איבער דעם אַבגעהענדען וועג.

ערשטער זקן.

ווער איז ער?

צווייטער זקן.


מען ווייס נישט, ווער ער איז, פון וואַנען ער קומט. שוין אַ צייט,

אַז ער ווייזט זיך, אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרט, און רעדט פון משיח, וואָס דאַרף קומען אָט באַלד אין יאָהר פינף טויזענד פיר הונדערט און אכט — איז ער פון גאָט בעשטימט...

**דריטער זקן.**

מען זעהט איהם נאָר, ווי ער בעהאַלט זיך אין די הייליגע קברים, אין די היילען, אין די מויערן, מיט זיינע תלמידים, און ווייגט און בעט, און פאַסט און טרויערט, און איז זיך טובל אין ירדן, און שטייגט אויף הר־הזיתים אויף, און קוקט נאָר צו גלעד־בערג אַהין.

**צווייטער זקן.**

ווער ווייס, אפשר איז די ישועה נאָהענט, גאָט האָט זיך אויף זיין פאָלק מרחם געווען. קרעכצט אָב. אין פוילין דער מדינה, זאָגט מען, האָבען זיך שוין לאַנג חבלי־משיח אָנגעהויבען.

**ערשטער זקן.**

צו אונז האָט זיך נאָך קיין צייכען נישט געוויזען, קיין נביא גע־וואָרען אַנטפּלעקט, מיר ווייסען נאָר, וואָס אונזערע חכמים האָבען אונז געהייסען. — היינט האָבען מיר יאָהר־צייט נאָכ'ן בית־המקדש, לאָזען מיר ווייטער אונזער איכה זאָגען. דער עולם ווייגט שטיל, נעמען די ספרים אין די הענד.

**צווייטער זקן**

זאָגט איכה.

„אונזערע עלטערן האָבען געזינדיגט, זיי זענען מעהר נישט דאָ — מיר 'טראָגען זייער זינד“.

פאָרהאַנג.

# ערשטער אקט.

## ערשטער בילד.

א לאנגער ברייטער הויף; די ערד אויסגע־
פלאסטערט מיט שטיינער; פון די ווענט, וועלכע
זענען אויסגעשטעלט פון שטיינער, געהען ארויס
גאנצע בוימער, ווילד בעוואקסען. לינקס פיהרען
אראב צו דער גאס ברייטע טרעפ. צופוסען די
טרעפ, אין דער וואנט, איינגעמויערטע צווי־
מקואות פון רעגען־וואסער, וועלכע קוקען ארויס
יי לעבער, שווארץ, ווי די נאבט. קעגען די
צושויער א טעראסע, אונטערגעשטיצט פון פיר
אלטע האלב־צעבראכענע זיילען. פון דער טעראסע
פיהרט אראב אין א טיפער הייל, בעשטעלט
מיט א שטיין. איבער דער הייל פון איבער דער
גאס שטעהען פיר טענען־בוימער.

עס איז פארנאכט. פון דער הייל הערט זיך
פון צייט צו צייט א גערויש און א זינגען פון
מיסטישע ליעבעס־ליעדער. אויף דער טעראסע,
ביי דער טיר פון דער הייל, זיצען רחל און לאה.

### רחל און לאה

זיצען ביידע ביי דער טיר פון אריינגאנג פון הייל אויף צוויי אבגעבראכענע שטיקער זיילען.

### שבתאי צבי'ס קול

הערט זיך פון דער הייל, זינגענדיג:

איך געה אויף אויפ'ן בארג,
איך נידער אראב אין טאל,
בעגעגען איך מעליסעלדא,
דעם קיניגס טאכטער.
פון באד קומט זי, איהרע האר געוואשען,
איהר געזיכט — ווי דער גלאנץ פון חלף,
איהרע אויגען — ווי פיילען-בויגען,
איהרע ליפען — ווי קרעלען,
איהר פלייש — ווי מילך

### לאה

ווי פאר זיך.

צו דער שווארצער קיניגין מיט דער שווארצער קרוין אויפ'ן קאפ טוט ער זינגען. די, וואס האט מיך פון זיין שלאף-בעט ארויסגע-טראגען אין דער ערשטער נאכט פון אונזער חתונה.

### רחל

ווי פאר זיך.

זיין לייב-געשמאק טו איך שמעקען. אין ים טוט ער זיך באדען, אויף די בערג טוט ער שטייגען, — פיהל איך ים-געשמאק און בערג-געשמאק, אומבעמערקט בין איך פאר איהם פארבייגעאנגען.

### לאה

בעמערקט זי.

וועր ביסטו, מיין קליינע שוועסטער?

### רחל.

פון מארגען-לאנד קום איך איהם נאכצוגעהן, פון איזמיר דער

שטאָדט. פערצעהן יאָהר בין איך אַלט געווען, אַז מען האָט מיך מיט איהם אונטער דער חופה געפיהרט. מיין לייב האָט מיר די מאַמע אין ציגען-מילך געבאָדען. די אויגען האָב איך מיר אין בוימעל געוואַשען. ער האָט מיך נישט בעמערקט. ער האָט מיך נישט געזעהן. אין ים האָט ער זיך געבאָדען, אויף די בערג האָט ער געשטייגט. פאַר וואָס האָסטו מיין שווארץ אויג נישט געזעהן? פאַרוואָס האָסטו מיין ווייס לייב נישט בעמערקט? דו ביסט דאָך מיט מיר אונטער דער חופה געשטאַנען, דו האָסט דאָך מיר מיט'ן חופה-טוך מיינע האָר צוגעדעקט?

**לאה.**

קום צו מיר, מיין קליינע אָרימע שוועסטער; איך פיהל דיין לייד, לעג דיין קאָפּ אויף מיינע קניהען.

**רחל.**

ווער ביסטו? איך האָב מורא פאַר דיר

**לאה.**

האָט נישט מורא פאַר מיר. אַזוי ווי דו, האָב איך מיט איהם חופה און בעט געטיילט... פון איין גלאָז האָט מען ווייז געטרונקען, און מיט חופה-וקדושין בין איך זיינע געוואָרען, דאָך נישט זיינע—מיט ליעבע און לעבען.

**רחל.**

ווי בוימעל, אַזוי האָט זיין קערפּער געשמעקט, ווי די לולב-הדסים, וואָס דער טאַטע נעמט אין סוכות-צייט, אתרוגים-געשמאַק און בשמים-געשמאַק האָב איך פון זיינע הענד געפיהלט. איך האָב איהם נישט זוכה געווען, איך בין איהם נישט ווערט געווען.

**לאה.**

איך האָב איהם נאָר ביינאַכט בעטען געהערט, איך האָב נאָר ביי-נאַכט זינגען געהערט.

**רחל.**

ביסטו אויך זיין ווייב געווען? ווער ביסטו דען, אַז דו האָסט צו דעם זוכה געווען?

**לאה.**

שמואל טורודי איז מיין פאָטער, פון דער שטאָט סאַלאָניקי. אונזער שטאַם קומט פון פאָרטוגאַליען אַרויס. מיט די אַראַבער פון די ברעגען פון פּרת און חדקל נאָך הישפּאַניען זענען מיר איינגעוואַנדערט. אַז ירושלים איז דורך טיטוס קיסר פון רוים איינגענומען געוואָרען, זענען מיר דאָרט צו זיי געקומען. נישט אין גאָלד, נישט אין פּאַלאַצען בעשטעהט אונזער רייכטום, נאָר אין אַ בריעף אויף פּאַרמעט געשריבען, מיט אונזער בלוט איינגעווייהט. אַ קליינער יחוס־בריעף, געמען אויפגעשריבען, דור נאָך אַ דור, ביז צו דוד, דעם הירטען־קיניג, דעם קיניג יונג. מיט דוד׳ס בלוט אין אונזערע גלידער אייגעפּליסט — וואַנדלען מיר, טורויודי די משפּחה, פּרינצעסין־קינדער, פּרינצעסין־וואַנדלער, פון לאַנד אין לאַנד, פון טייך צו טייך. קוק אויף די ווענט — ווייזט אויף די ווענט — אונזער יחוס שטעהט אויף זיי געשריבען; זעהסט די פלעקען שווארץ און ווייס? — דאָס האָבען זיי די העלדען אונזערע, פאַנצער און בויגען אַרומגעהאַנגען, מיט טליתים פערהוילען, אויף זייער קיניג׳ס קבר. דוד׳ס בלוט האָב איך איהם אין נדן געגעבען. צו דודס שטאַם האָב איך איהם קינדער געוואָלט געבוירען, — האָט ער מיך אָבגעשטויסען, האָט ער מיך אַוועקגעוואָרפען.

**רחל**

לינט אויף איהרע קניה.

נישט פון דודס שטאַם קום איך אַרויס, דאָך בין איך אַ קיניגס־קינד — אַ יידיש קינד. נישט דוד׳ס בלוט האָב איך איהם נדן געגעבען, נישט גאָלד און נישט פּאַלאַצען. מיין יוגענד האָב איך איהם צו די פיס אַנידערגעלעגט, מיין אייגען בלוט און לעבען. האָט ער מיך אָבגעשטויסען, האָט ער מיך אַוועקגעוואָרפען.

**לאה.**

מיר זענען איהם נישט ווערט געווען.

**רחל.**

פאַרוואָס זענען מיר איהם נישט ווערט געווען?

**לאה.**

איך ווייס נישט, אויב דו וועסט מיך פערשטעהן. גרויס איז זיין

נשמה, און זי געהט יעדע נאַכט אין הימעל אויף. גאָט האָט איהם מיט זיין לייטזעליגקייט בעשאָנקען. פאַר אונז איהם אַן אויסלייזער געשיקט. לייכט מוזען אונזערע נשמות זיין, אַז מיר זאָלען מיט זייער מיט אין הימעל קענען אויפגעהן. זיי זענען צו שווער.

ר ח ל.

איך האָב איהם נאָר בייטאָכט לערנען געהערט, איך האָב איהם נאָר ביינאַכט זינגען געהערט. מיט'ן פּנים איז ער צו דער וואַנט געווען פערקעהרט. און ער האָט מיט ווען׳ שטיל און ליעב גערעדט; איך האָב קיין מענש נישט געזעהן, נאָר זיין פּנים איז שען געווען, און געלויכטען האָט עס, ווי די זון, אין די אויגען האָט ער אַ ליכט געהאַט.

ל א ה.

דאָס האָט ער מיט גאָט גערעדט.

ר ח ל.

איך בין איהם צו די פיס געפאַלען, און איהם זיי מיט מיינע האָר צוגעדעקט, — האָט ער מיך לייכט פון זיך אַוועקגענומען און איז פון דער שטוב אַרויסגעגאַנגען.

ל א ה.

האָט ער גאָרנישט צו דיר געזאָגט?

ר ח ל.

ער האָט מיר נאָר אין די אויגען געקוקט און האָט געזאָגט: „דו ביסט נישט די"... און איז אַרויסגעגאַנגען. איך בין איהם נאָכגעגאַנגען. ווייט איז ער אין די בערג אויפגעגאַנגען. איינזאַם און שטיל אין גראָהען נעבעל איינגעהילט, אין נאַכט-טוי איינגעטונקט, איז ער פון מיינע אויגען פערשוואונדען געוואָרען.

ל א ה.

האָסטו איהם שוין מעהר נישט געזעהן?

ר ח ל

דער טאַטע האָט איהם געגוויט, אַז ער זאָל זיך מיט מיר שיידען, וואָרום שבת און ראש-השנה איז ער אין דער שול געגאַנגען און

אויסגערופען, אַז די וועלט איז שוין דערהויבען, און גאָט און מענש אויסגעלייזט. און האָט גאָטס נאָמען, ווי דער כהן-גדול יום-כפור אין בית-המקדש, אויסגערופען. האָבען זיי איהם פון שטאָדט אַרויס-געטריבען.

לאה.

פון אייך איז ער צו אונז געקומען נאָך סאַלאָניקי מיט זיבען הונדערט זיינע תלמידים. זיי האָבען זיך ביינאַכט אין מאַרק אויסגעשפרייט. ווי אַ כהן-גדול אַ יונגער איז ער געווען אין זיין ווייס געוואַנד, און ער האָט געפּרעדיגט איבער מענש און גאָט. אין די הייזער האָט ער אַריינגעקלאַפּט, מיר און לאָדען האָט ער אויפגעריסען און יונג און אַלט אין גאַס געמופען, און האָט געוועקט און געזאָגט, אַז ער איז פון גאָט אויסגעוועהלט, מענש און וועלט אויסצולייזען און צו דערהויבען און אָנצוגרייטען. עס איז נאָהענט די צייט, עס געגעהנט דאָס יאָהר פינף-טויזענד-פיר-הונדערט-אַכט, אין תשרי אין ערשטען טאָג פון חודש—פון גאָט איז ער בעשטימט, משיח׳ן פון די קייטען צו בעפרייען און איהם אויסצודערוועהלען. פאַקלען האָבען זיי גע-ברענט, טיכער אין אייל אָנגעצונדען און גאָט׳ס נאָמען אויסגערופען און זיין הייליגקייט געלויבט.

רחל.

ווי האָט ער אויסגעזעהן?

לאה.

ווי אַ כהן-גדול האָט ער אויסגעזעהן אין זיין ווייס געוואַנד. איך בין איהם צו די פיס געפאַלען. איך בין פון דוד׳ס שטאַם. ער האָט מיך אונטער זיין חופה געפיהרט, דאָך האָט ער מיך נישט צו ווייב געמאַכט.

רחל.

עס איז דיר באַנג, שוועסטער לעבען?

לאה.

מען האָט מיך אין זיין בעט שלאָפען געפיהרט, אין חופה-קלייד, אין חופה-טוך. די מאַמע האָט אין אויער געררומט: „הייליג דיין לייב, הייליג דיין זעל, טאָכטער לעב, טאָכטער לעב“... די קנויט

האָט געצאַנקט אין איילגעשיר, די מוזיק האָט געשפּיעלט אונטער דער טיר... האָט זיך געוויזען צו מיר די שוואַרצע קיניגען ווי די נאַכט, אין קרוין און גאָלד, מיט שוואַרצען שלייער, און זי האָט מיך געטראָגען פון בעט צו טיר. די קנויט האָט געצאַנקט אין אייל-געשיר, די מוזיק האָט געשפּיעלט אונטער דער טיר...

ר ח ל.

אָרים שוועסטער לעב, אָרים שוועסטער לעב...

ל א ה.

ער איז אַוועק פון מיין טאַטענס הויז: ער האָט געקוקט אויך מיר און געזאָגט „וואָס האָב איך צו דיר, וואָס האָסט דו צו מיר? דו ביסט נישט ד י, דו ביסט נישט ד י. זי וועט קומען צו מיר פון גאָט בעשטימט, מיין נשמה מיט איהרער זענען שוועסטערן-פּאָר, פון איין ליכט בעהאָהנט, פון גאָט בעגנאהנט". עס הערט זיך שבתאי-צבי'ס קול פון דער הייל.

שבתאי צבי'ס קול.

וואו זאָל איך זי זוכען, מיין כלה-פּאָר?
איך געה זי זוכען, ווען די זון געהט אויף,
ווען די זון געהט אונטער.
און פרעג דעם טאָג,
און פרעג די נאַכט,
צי איז נאָך נישט די צייט,
איך זאָל מיר שטעלען מיין חופה-שטאַנג,
איך זאָל מיר וועבען מיין חופה-פאָרהאַנג,
און זאָל מיר מאַכען מיין בעט בערייט.
איך זאָל זיך מאַכען צו חתונה אָנגעגרייט.

ל א ה.

דאָס מיינט ער „זי", דאָס מיינט ער „זי". אָבער זעה, זעה דעם אַלטען זקן, וואָס בעטרעט אין שטרומף און טלית דעם הויף, ווי א וויים געשפּענס. ווער איז ער?

**נחמיה הכהן**

ער איז אין ווייסע זאָקען און טלית אָנגעטאָן, מיט אַ ברייטער, לאַנגער, ווייסער באָרד. בעטרעט דעם הויף מיט זעהר לאַנגזאַמע טריט און רופט.

וואו ביסטו, שבתאי מיין זוהן? וואו ביסטו, שבתאי מיין זוהן?

**רחל.**

שוועסטער לעבען, איך האָב מורא!

**לאה.**

קום, לאָזען מיר זיך בעהאַלטען הינטער דער מויער — גאָט טוט איהם רופען. לאה און רחל בעהאלטען זיך הינטער אַ מויער.

**נחמיה הכהן**

רופט ווייטער

שבתאי מיין זוהן, שבתאי מיין זוהן, וואו ביסטו?

**שבתאי צבי'ס קול**

פון דער הייל.

דאָ בין איך. ווער רופט מיך?

**נחמיה הכהן**

רופט אין דער הייל

איך רוף, איך בין פון גאָט געשיקט. אַזוי טוט ער זאָגען: שבתאי מיין זוהן, וואָס בעהאַלטסטו דיך אין גריבער און היילען? שיט אָב דעם אַש פון דיינע קליידער און וואַרף אַראָב די קייטען פון דיינע הענד און ווער אַנטפּלעקט. און בוי, וואָס דו האָסט צו בויען, און צעשטער, וואָס דו האָסט צו צעשטערען.

**שבתאי צבי'ס קול.**

איך הער, גאָטס שטים געהט אַרום איבער דער טיר פון הייל; איך בין גרייט. ער קומט אַרויס פון דער הייל, ער איז אין ווייסען אָנגעטאָן, אין לאַנגע, שוואַרצע האָר, ער בלייבט שטעהן אין דער טיר פון הייל, אַרומגערינגעלט מיט זיינע תלמידים, וואָס האלטען וואַקסענע ליכט אין די הענד, אין שוואַרצען אָנגעטאָן. קוקט אויף נחמיה־הכהן. ווער ביסטו?

**נחמיה הכהן.**

איך בין צו דיר פון גאָט געשיקט.

## שבתאי צבי.

### רעד, אין בין גרייט.

**נחמיה הכהן**

געהט צו איהם צו.

און עס איז געווען די פערציגסטע נאַכט, צו מאָרגענס איז אַ שטיל־קייט געוואָרען איבער דער וועלט און אַ פינסטערקייט. און עס דערהערט זיך גאָטס שטים, און זי האָט פון ימים געשאַלט, פון בערגער גענידערט, און טוט אַזוי זאָגען: אין דעם יאָהר פינף־טויזענד־פיר־הונדערט און אַכט, און אַ זוהן איז געגעבען געוואָרען צו מרדכי פון דער שטאָדט איזמיר, וואָס ליגט אין מאָרגען־לאַנד ביים ים, און איך האָב גערופען זיין נאָמען שבתאי צבי; ער וועט אונטערטעניג מאַכען די גרויסע ים־פיש, וואָס זענען אין די טייכען; נישט מיט אייזען און נישט מיט שטאָל וועט ער געהן מלחמה פיהרען, נאָר מיט מיין וואָרט, וואָס איז מיט איהם, און מיט מיין כבוד, וואָס רוהט איבער איהם. און עס איז געווען דערנאָך, ווען די זון איז אויפגעגאַנגען, און דאָס קול האָט געזאָגט צו מיר אַזוי: נעם דאָס קריגעל מיט בוימעל אין דיין האַנד און דעם שופר מיט דיר, און געה צו שבתאי מיין זוהן און זאַלב איהם פאַר אַ פאָטער און אַן עלטסטען איבער מיין פאָלק, און פאַר אַ פאַסטוך פאַר מיין הייליגער טשערעדע. וואָרום איך האָב מיך בעדענקט און האָב געזעהן זייער פיין און שאַנד, און איך האָב מיך בעדענקט איבער מיין נאָמען, וואָס ווערט גערופען איבער זיי.

און איך האָב געזאָגט: גאָט פון מיינע אבות! וואו זאָל איך מיך ווענדען, און איך זאָל געפינען דיין אויסגעוועהלטען? — און אַ קול האָט מיר געענטפערט:

געה אין דעם לאַנד פון די יהודים, אין ירושלים דער שטאָדט, אין די קברים פון די מלכים, וואָס זענען פון צפון־זייט דער שטאָדט, און שטעל דיך אַנידער ביי דער טיר פון הייל, אָבער אַריינקומען זאָלסט דו נישט אין איהר. און דו וועסט דאָרט טרע־פען זיינע צוויי פרויען, וואָס געהען נאָך די טריט פון זיינע פיס, און זאָלסט רופען אַזוי: „שבתאי מיין זוהן! מיין גלאַנץ איז גע־קומען איבער דיר, געה זין פער[illegible]ליך מיין נאָמען! עס איז שוין

געקומען די צייט, וואָס זי איז פון מיר בעשטימט". — און עס איז געווען אין מיין רופען צו דיר, און דו האָסט זיך געוויזען אויף דער שוועל פון הייל.

און איצט, געלויבט זאָל זיין גאָטס נאָמען אויף אַלע וועלטען און אויף תמיד און אויף אייביג, וואָס ער האָט וואָהר געזאָגט דורך זיין קנעכט, צו מאַכען דיך טרעפען אין דעם היינטיגען טאָג, און אויסגעלייזט זיין פאָלק ישראל, אום צו זאַלבען דיך פאַר זיין משיח, צו הערליכען זיין נאָמען׳

שבתאי צבי

וואַרפט זיך אויף די קניה.

אָ! לאַנג האָב איך געוואַרט אויף גאָטס וואָרט. געלויבט זאָל ער זייז, וואָס ער האָט מיך אויסגעוועהלט פאַר אַ היטער איבער זיין סטאַדע, און עס זאָל זיין זיין כבוד און גלאַנץ אויף מיר, און ער זאָל זיין מיט מיר אויף אימער און אייביג — פון וועגען מיין פאָטער דוד׳ס הויז. און ער זאָל וואָהר מאַכען, וואָס ער האָט געזאָגט צו מיינע עלטערן, אברהם, יצחק און יעקב.

נחמיה הכהן

נעמט דעם האָרן אייל און גיסט אויף שבתאי׳ס קאָפּ און רופט.

איך זאַלב דיך, אין דעם נאָמען פון גאָט פון אברהם, יצחק ויעקב פאַר אַ קעניג-משיח איבער דעם אויסגעוועהלטען פאָלק ישראל, און גיב דיר גאָטס-וואָרט זיבער אין דיין מויל, און גאָטס שווערד אין דיין האַנד; זיין קראַפט איז אין דיר. געה און טו אין גאָטס-נאָמען.

ער בלאָזט שופר. עס זאָל לעבען דער מלך-משיח, עס זאָל לעבען דער מלך — המשיח!

די תלמידים

הויך אויפ׳ן קול.

עס זאָל לעבען דער מלך-המשיח, עס זאָל לעבען דער מלך-משיח!

נחמיה הכהן.

און גאָטס וואָרט איז געווען צו מיר אַזוי: געה צו מיין זוהן און זאָג איהם אַזוי: איצט האָסט דו מיין וואָרט, און מיין מאַכט איז מיט דיר, און די גבורה איז ביי דיר, אויסצולייזען די וועלט דורך

מצוה אָדער דורך עברה, דורך ריינקייט אָדער דורך זינד. נאָר איך קען דיין הארץ, זאָגט גאָט, און דיין געהן נאָך מיר אַלע דיינע טעג. נאָר צו הייליגען מיין נאָמען און גרויס צו מאַכען מיך צווישען די גויים אויף דער גאַנצער וועלט, ווערסט דו זיך בע־נוצען מיט מיין וואָרט, וואָס איז ביי דיר, און מיט מיין מאַכט, וואָס איז מיט דיר, כּדי דער מענש און וועלט זאָל קענען דער־הויבען און אויסגעלייזט ווערען אין מיין הייליגקייט און מיין ריינקייט. נחמיה הכהן געהט אַב.

**שבתאי צבי**

וועגדט זיך ארום.

איך בין פון גאָט אויסגעוועהלט. אין מיר לעבט זיין וואָרט, אין מיר איז זיין מאַכט, און איך בעפריי אַלץ פון אונטערטעניגקייט. איך דערהויב די וועלט פון איהר געפאַלענקייט צום הימעל אויף און ריייניג און הייל דאָס פערפלעקטע און פערשוועכטע, און מאַך פולקומען דאָס אומפולקומענע און דערהויב דאָס נידעריגע. און איך בעפריי נשמות פון זייער געפאַנגענשאַפט און הייליג זיי און דערהויב זיי. ענדיגען זאָל זיך דאָס שלעכטס, און קומען זאָל דאָס גוטס! איך האָב עס בעפוילען, און אַזוי זאָל עס געשעהן

**די תלמידים.**

רבי, מיר זעהען ליכט!

**שבתאי צבי.**

און איך גיס אויף אייך מיין גייסט, און טייל אייך אָב פון מיין הייליגקייט, און זאַלב אייך צו מיינע נביאים, אַז איהר זאָלט טראָגען מיין וואָרט און געבאָט אויף אַלע פיר עקען וועלט און מבשר זיין מיין בשורה דעם פערשטויסענעם פאָלק ישראל, אַז עס איז געקומען איבער זיי זייער פּראַכט און גלאַנץ. און איך וועל זיי צוזאַמענגעמען פון אַלע פיר עקען וועלט און וועל זיי ברענגען אין לאַנד אַריין, וואָס גאָט מיין פאָטער האָט פערשפּראָכען צו אַברהם יצחק און יעקב, און איך אַליין וועל רעגירען איבער זיי.

**די תלמידים.**

רבי, מיר זעהען ליכט! רבי, מיר זעהען ליכט!

שבתאי צבי.

אַברהם היכיני, דער זוהן פון יצחק, דער זוהן פון אַהרן! איך זעה אין דיר די נשמה פון נתן, דעם נביא פון דוד מיין פאָטער, און איך מאַך דיך צו איינעם פון מיינע יונגען, און דו זאָלסט שטענדיג זיין ביי מיין זייט.

אברהם היכיני

בוקט זיך.

דער קיניג-משיח האָט עס בעפוילען, אַזוי זאָל עס בלייבען, לעבען זאָל דער קיניג אייביג! געהט אָב אן א זייט, צווישען זיינע תלמידים.

שבתאי צבי.

זאָל אַרויסגעהן פון מיינע יונגען שמואל פרימו, דער זוהן פון דוד, דער זוהן פון זרח.

שמואל פרימו

שטעלט זיך בוקענדיג פאר איהם.

בעפעהל, מיין קיניג-משיח, איך בין גרייט צו טון דיין שליחות.

שבתאי צבי.

איך זעה אין דיר די נשמה פון יהושפט, דער זוהן פון אַחילוד, דער מזכיר ביי דוד מיין פאָטער. מאַך דיך פאַר דעם מזכיר פון מיר. געה, נעם די פעדער אין האַנד און נעם פאַפיר און שרייב וואָס איך וועל דיך הייסען.

שמואל פרימו

בוקט זיך.

דער קיניג-משיח האָט עס בעפוילען, אַזוי זאָל עס בלייבען. לעבען זאָל דער קיניג אייביג! ער געהט אָב. ברענגט פון דער הייל טאָוועל און גריפעל זעצט זיך אויף א זייל, צווי תלמידים לייכטען איהם מיט קארצען.

שבתאי צבי

דיקטירט איהם.

אין דעם ערשטען טאָג פון אויפלעבען מיין גייסס און ליכט, דאָס איז דער צוויי און צוואַנציגסטער טאָג פון תמוז אין חודש, דעם

לייב פון די חדשים, אין סדר מיר האָבען גערייזט פון איזמיר און גערוהט אין סאַלאָניק. מיר האָבען גערייזט פון סאַלאָניק און האָבען גערוהט אין דער שטאָדט ירושלים, ביי די קברים פון די מלכים, פון דוד, דעם זוהן פון ישי, דער דערהויבענער פון די קיניגען פון דער וועלט, געזעצט אויף דער ברכה און לויב. דער משיח פון גאָט פון יעקב, שבתאי צבי, צו זיין אויסגעוועהלט פאָלק ישראל, וואָס איז פערשפרייט אין די לענדער פון דער וועלט. צו יעדען לאַנד, וואו זיין שריפט און געבאָט וועט דער־גרייכען.

אייער ליכט איז געקומען, און אייער זון איז אויפגעשיינט. איך, אייער האַר און קיניג, פון גאָט אויסגעוועהלט, געזאַלבט צום משיח פון גאָט פון יעקב, בין געקומען. איך טו זיך דער־באַרמען אויף אייך און וועל מיך אָנקליידען מיט קנאה, און וועל נקמה נעמען אייער נקמה, און וועל אייך טרייסטען, ווי אַ מוטער טוט טרייסטען איהר קינד, און וועל אייך צוזאַמענעמען פון די ערטער, וואו איהר זייט פערשפרייט און צעוואָרפען, אין דעם גוטעז לאַנד אריין, אין כנען. גלויבט אין מיר און האָפט אויף מיר, וואָרום ער וועט נישט ליגען זאָגען, דער שטיצער פון יעקב און דער העלפער פון ישראל. און עס וועט זיין, אין אייער לוי־בען גאָט, יעדען פריהמאָרגען און פאַרנאַכט, בעט׳ס צו אין אייער געבעט אַ ברכה אויף מיין קיניגרייך. און אַזוי זאָלט איהר זאָגען אין אייער געבעט: געלויבט איז אונזער האַר, געלויבט איז אונ־זער קיניג, געלויבט איז אונזער העלפער, דער משיח פון גאָט פון יעקב, דערהויבען זאָל ווערען זיין שענקייט, און דערהויבען זאָל ווערען זיין קיניגרייך, און זיין האָרן זאָל הויך זיין אין כבוד, און זיין שטול זאָל זיין גרייט און שטאַרק, פון היינט ביז אייביג.

שמואל פרימו האָט געענדיגט שרייבען.

נעם דעס בריעף און חתמ׳ע מיט מיין חתימה־„שלאַנג״, אַז איך וועל נקמה נעמען פאַר זיי, ווי אַ שלאַנג. שמואל פרימו חתמ׳עט דעם בריעף.

## שבתאי צבי

צו אברהם היכיני.

קום דו מיט אויפ׳ן כתב.

**אַ ב ר ה ם   ה י כ י נ י**

שרײַבט צו און לײענט הויך.

פון דעם קנעכט פון זײַן האַר, איך, יונגער אַברהם היכיני.

**ש ב ת א י   צ ב י**

גיט איבער דעם בריעף זײַנע תּלמידים.

טו״אָגט׳ס מײַן וואָרט אין אַלע פיר עקען וועלט און פערשפרײט׳ס מײַן כּבוד און גלאַנץ און זײַט מבשׂר די הײליגע בשׂורה. מיט אײַך איז מײַן גײַסט. און איך גיב אײַך צו הײלען און צו בויען, צו קראַנקען און צו צעשטערען. און זאָגט זײ: פאַר מײַן ער־שײַנען וועל איך לײַדען פאַר זײ, צו דערהויבען זײערע נשמות, און כּדי עס זאָל מקוים ווערען דעם נביא׳ס וואָרט: „המלך אָסור ברהטים״, וועל איך מיך לאָזען בינדען. נאָר אײַערע הערצער זאָ־לען נישט שרעקען און ווײך ווערען. איך וועל אויפשטעהן, ווי אַ לײב פון זײַן נאָרע, און ווי אַ לעמפּערט וועל איך מיך שטאַר־קען, און מײַן נקמה איבער מיר און איבער אײַך. מתתיה בלאָך, מרדכי חסיד און נאָך צוויי תּלמידים נעמען בריעף אין די הענד.

**מ ת ת י ה   ב ל אָ ך.**

מיר געהען טראָגען דײַן וואָרט און געבאָט צו די פעלקער פון דער וועלט, אַז די זאָלען דערקענען דײַן גלאַנץ און פּראַכט, און זאָלען דינען צו דיר, אונזער קיניג־משיח און רבי!

**ש ב ת א י   צ ב י.**

געהט, מײַן גײַסט איז מיט אײַך. מתתיה בלאָך, מרדכי חסיד און נאָך צוויי תּלמידים געהען אָב, הינטערהײלעכס, מיט׳ן פּנים צו שבתאי־צבי.

**ש ב ת א י   צ ב י.**

נתן מײַן נביא, יהושפט מײַן מזכּיר, זײַט שטענדיג גרײט בײַ מײַן זײַט! — קומט, מיר וועלען געהן נשמות מעלה זײַן. געהט אָב מיט זײַנע תּלמידים.

**ר ח ל   און   ל א ה**

קריכען בײדע אַפויר פון הינטער דער וואַנט, וואַרפען זיך פאַר זײַנע פיס און קושען דעם זוים פון זײַן קלײד.

קיניג און מאַן, גיב אויף אונז פון דײַן הײליגקײט!

ש ב ת א י   צ ב י

צו שמואל פרימו.

ווער זענען דאָס די?

ש מ ו א ל   פ ר י מ ו

דאָס זענען דיינע צוויי געוועזענע פרויען, וואָס געהען ווי אַ שאָטען נאָך דיינע טריט און קושען די טריט, וואָס דו האָסט געשטעלט, מיין קיניג און רבי.

ש ב ת א י   צ ב י .

וואָס ווילען זיי?

ש מ ו א ל   פ ר י מ ו .

זיי ווילען דיך זוכה זיין.

ש ב ת א י   צ ב י .

איך זעה אין זיי די נשמות פון די בנות-צלפחד. צו שמואל. זאָלען זיי אויך האָבען אַ טייל, דערהויב זיי, ווייל זיי האָבען זוכה געווען צו קושען די זוימען פון מיין קלייד. און מאַך זיי צו דינעריגס פאַר דער, וואָס וועט קומען נאָך זיי און איז בעסער פאַר זיי.

ער געהט אָב מיט זיין סוויטע, רחל און לאה נאָך זיי.

פֿ אָ ר ה אַ נ ג

# ערשטער אקט.

## צווייטער בילד.

א בית-עולם. עס איז נאכט. נעפלען שוועבען איבערן הימעל, דא פערשטעלען זיי, דא ענדיגען זיי דעם הימעל מיט שטערן. ווייט אין הינטערגרונד אויף א פינסטערן פאן שניידט זיך אויס א ווייסער הויכער קלויסטער, אין טייל פענסטער פלאמט רויט ליכט. א תפלה-געזאנג פון מנישקעס. באלד דערויף ווערט עס פערשטומט.

הינטער הויכע מצבות, וועלכע בלייכען זיך, אין דער נאכט בע-האלטען, שטעהען גרופעס יודען. זיי ווערען געזעהן דורך די ווייסע קיטלען, אין וועלכע זיי זענען אנגעטאן: טיילמאל ווייזט זיך א שטראל ליכט פון א ברענענדיגער לאמטערן פון די גרופעס ארויס. אפטמאל ווערען די גרופעס דורך קלאמבען קרושאקעס פער-ביטען, וועלכע, בעוועגענדיג זיך, מאכען זיי דעם איינדרוק, ווי א מנין צוזאמענגעבונדענע לצים. הינטער א מצבה ביי אן איינזאמען בוים שטעהט נחמיה-הכהן. עס ווייזט זיך נאר זיין ווייסער קיטעל ארויס, וועלכער בעוועגט זיך רעגעלמעסיג אהן ווערטער אהין און אהער.

דורך דער צייט, ווען עס הערט זיך דאס געזאנג אין דער קירכע, און דאס פייער דערזעהט זיך אין די פענסטער פון קלויסטער איז דער בית עולם אומבעוועגליך. דאס קול ווערט באלד פער-שטומט, די ליכט ווערען אין קלויסטער פערלאשען. דאן הויבען זיך אן איינציגווייז ארויסצושלייכען איינצעלנע געשטאלטען פון הינטער די מצבות, ווארפענדיג א שאטען-בליק אויף א מצבה. וואס אמאל עפטער גרופירען זיך.

פון גאנץ ווייט זעהט זיך אן אויסגעהענדיגע פלאם פון א פער-ברענטער שטאדט.

ערשטער יוד

קיקט ווייט.

זעהט, זעהט, די פלאַם פערלעשט זיך שוין אין אונזער שטאָדט. דאַכט זיך, דער שונא געהט שוין אַוועק, מיר וועלען מיט גאָטס הילף ניצול ווערען.

צווייטער יוד.

מיר קענען נישט וויסען, די רציחה פון די קאָזאַקען ברענט אויף אונז, ווי אַ פייער. מיר מוזען צו אַלץ גרייט זיין.

אַ פרומער מאַן.

ודוי דאַרף מען זאָגען, אָנגעגרייט דאַרף מען זיין צום טויט.

אַ פרומער מאַן.

אָנגעגרייט זיינען מיר אַלע, און תכריכים טראָגען מיר שוין.

אַ דריטער יוד.

עס קען אפשר קומען צום נסיון. — ער ווייזט אויפ'ן קלויסטער. דאָס, אָדער דער טויט. בני אברהם, יצחק, יעקב, זייט גרייט!

אַ טייל פון עולם.

מיר זענען גרייט, מיר זענען גרייט, טאטע אין הימעל! עס ווערט שטיל צווישען עולם. דער עילם לאָזט אראָב די קעפּ, ווי זיי וואָלטען געמאכט צווישען זיך אַ חשבון הנפש פאר'ן טויט. דאָס שווייגען געדויערט אַ לאנגע סע-קונדע. פּלוצלונג דערהערט מען פון גאנץ ווייט, ווי ברענענדיגע פלאמען פון שטורקאצען געהען דורך ווייט אין דער נאכט.

איינער

מיט פערשטיקטען פריידענגעשריי

זעהט, זעהט, די קאָזאַקען געהען אָב. דער עילם ווארפט זיך אין איין כוואליע קוקען.

עטליכע

געלויבט...

**אַן אַנדערער**

האַסטיג.

בעהאַלט אַייך, זיי וועלען בעמערקען אונזער ווייס געוואַנד. דער עולם אין ווייסען בעהאַלטען זיך הינטער מצבות. טייל ציהען זיך אויס אויף דער ערד, רופענדיג מיט אַ פערשטיקטער שטים. געלויבט ביסטו, השם יתברך!.. אַ לאַנגע ווײַלע דויערט עס אַזוי, דער עולם ליגט, ביז די ליכט פון די שטולקאַצען פון דעם דורכציהענדיגען חיל ווערט פערלוירען. זיי הויבען זיך אויף אייַנציגווייז, קריכען אַרויס פון פערשיידענע קאַנטען און מצבות. עס הערט זיך אַ געמורמעל.

**דער פרומער מאַן.**

דאָך מוז מען נאָך זיין גרייט. מען ווייס נישט, וואָס עס קאָן זיך מאַכען. דער עולם ווערט ווייטער אַ מינוט שטיל.

**ערשטער.**

פערשיידען זענען זיינע וועגען, קיינער קען זיי נישט פערשטעהן. גאָט, דו ביזט גערעכט, און דיין משפט איז גערעכט! דער עולם ווערט שטיל אויף אַ ווײַלע, קרעכצט ביטער אָב.

**אַ יונגער מאַן**

זיצענדיג אויף דער ערד.

די דעכער האָבען זיי איבער אונזערע קעפ צעבראָכען, דאָס בעט-געוואַנד האָבען זיי אונז צעריסען. נאַקעט און בלויז, וואַלגערן מיר זיך אין די פעלדער אַרום.

**דער פרומער מאַן.**

אין אונז מוזען מיר זוכען די זינד.

**דער יונגער מאַן.**

אונזערע ווייבער האָבען זיי געשענדט, אונזערע טעכטער האָבען זיי פאַר אונזערע אויגען פערקויפט. אונזערע בחורים האָבען זיי צו זייערע פערד געשפאַנט.

**דער פרומער מאַן.**

איבער אונזערע זינד, איבער אונזערע זינד.

**דער יונגער מאַן.**

צו שאַנד און שפּאָט זענען מיר געוואָרען אין גוים׳ס אויגען. דריי

טעג און דריי נעכט האָבען מיר געפאַסט צו איהם, דריי טעג און דריי נעכט האָבען מיר גערופען צו איהם, און קיין קול, קיין ענטפער,—זיין פּנים האָט ער אָבגעקעהרט פון אונז, אומבעשיצטע זענען מיר אין גוי׳אישקע הענד געוואָרען איבערגעגעבען.—אַזוי ווי מיר וואָלטען זיך, חלילה, צו האָלץ געבוקט, ווי מיר וואָלטען צו שטיין געבעטען, שטעהען מיר אַליין אין דער וועלט.

## דער קליינער יוד

צום ארומיגען עולם.

אין אונז מוזען מיר זוכען די זינד. ווייבלעך אין דער קימפּעט שטאַרבען נישט אומזיסט, עס האָט געמוזט אודאי זיין אַ חטאת-הקהל. ווייבעלעך טראָגען די אייגענע האָר. אָדער אין טהרת-הנדה איז נישט דאָ קיין זינד? מילכיג און פליישיג אָבגעהיטען? טאָמער איז דער ערוב צעריסען? אָדער פּאַפּיר, שטאָט׳ס די קריאת-שמע און די תפילין? האָט עס, יודען, איינער מזוזות באָכגעקוקט? אָדער כשר די חלה פון טייג גענומען? ווער ווייסט? מען מוז נעמען שופרות אין די הענד, די שול מיט שוואַרצע ליכט בעצינדען, און קללות און חרמות אויסרופען. עס איז געקומען אַן עת-צרה אויף יודען, מען מוז עס אין די שולען אויסרופען.

## דער יונגער מאַן.

אין די הימלען קוקען מיר אויס גערעכטיגקייט. קיין מזרח זענען אונזערע אויגען געווענדט. פאַר אַ שטומער וואַנט שטעהען מיר, דור אַיין, דור אויס. אונזערע געזיכטער זענען געווענדט צו איהר ביי אונזער געבעט. אונזערע קעפּ לעגען מיר צו איהר נאָך אונזער טויט. אונזערע טרערען ווערען אין איהרע שטיינער איינגעזאַפּט. אונזערע קרעכצען, אונזערע תפילות—אין איהרע שפּאַלטען.—און זי שווייגט תמיד... עס ווייזט זיך נישט איבער אונז קיין אות פון השגחה. מען ווייזט אונז נישט קיין וועג. מען זאָגט אונז נישט קיין וואָרט דורך דור-דורות. אונזערע נביאים זענען אויסגעשטאָרבען. אונזער אָרון-קודש איז אַוועקגענומען געוואָרען, און אַליין שטעהען מיר אין דער וועלט אָהן אַ וואָרט... אָהן גאָט...

## דער פרומער מאַן.

רעד נישט אַזוי, וועסט דיך, חלילה, פערזינדיגען. מיר לעבען אין אַ דור פון גרויסע רבנים.

### דער אַנדערער.

פון טויטע אותיות זוכען זיי אונז פשטים. פון טויטע אותיות, דורך געשטאָרבענע געקריצט, זוכען זיי אונז פשטים אויף דעם לעבעדיגען היינט פון דעם געשטאָרבענעם נעכטען. קיין וואָרט ווערט אונז נישט איבערגעגעבען, קיין צייכען, קיין ווינק. צי זענען מיר נאָר אויס־קראַצעכטס פון פערגאַנגענע דורות? און יאָהרען שוין הונדערטער לעבען מיר, אַפאָלק, אויף פשטים פון אַמאָליגע ווערטער, פון אַמאָליגע מענשען. פאַרוואָס ווייזט זיך אונז נישט היינט דאָס וואָרט? צי האָבען נישט אונזערע קינדער ליעבער די העלזער צום חלף געשטרעקט—איידער די קעפ פאַר דעם קרייץ געבויגען? צי האָבען זיך נישט אונזערע טעכטער אין וואַסער געוואָרפען—איידער די לייבער דורך די ערלים צו פערשמוצען? צי זענען מיר נישט עפענטליך אין פייער געשפרונגען, און זיין נאָמען אויף אונזערע ליפען געלויבט? פאַרוואָס שווייגט ער, דאָרט אויבען? פאַרוואָס בע־האַלטען ער זיך אין די וואָלקענס אַזוי שטום? און מיט זיין נאָמען אין אונזער האַרץ, בעהאַלטען מיר זיך—אויף בית־עולמות. ווי מיר וואָלטען אין טויטע אויערן געררופען. ווי מיר וואָלטען צו אוממעכ־טיגע הענד געבעטען—צו שאַנד און שפּאָט פאַר אונזערע קינדער!

### דער פרומער מאַן.

טרעט אַרויס פון זיינע פיר איילען, ריהרט זיין קלייד נישט אָן!—פערשטאָפּט אַייך די אויערן און הערט זיין וואָרט נישט!—וועה איז צו אונז, ער טוט גאָטס נאָמען לעסטערן! צווישען עולם ווערט א בעוועגונג.

### אַנדערע.

לאָזט איהם אָפּ! לאָזט איהם אָפּ. דאָס רעדט ער פון טרויעריגען געמיט, פון צעבלוטיגטען האַרץ.

### ערשטער מקובל.

איבער ענוי־הגוף קלאָגט נאָר זייער מויל.—גאָט, הייליג דיין נאָמען! ער איז ווי מיר אין גלות, וואַלגערט זיך אַרום און געפינט קיין רוה. ער, ווי מיר—הינטער דעם פּרוכת פון ארון קודש, און וויינט מיט אונז, און ליידט מיט אונז—און מיט אונז צוזאַמען בעהאַלט ער זיך דאָ, צווישען די קברים, און וואַרט, ביז מיר וועלען קומען

אויף אַ מדרגה. — הייליגט אַייך, די שעה איז נאָהענט, שנת־הגאולה גרייכט אָן! ווער ווייס, אפשר זענען עס חבלי משיח? דער עולם רינגעלט איהם ארום.

אַ צווייטער מקובל.

צו אונז איז געקומען אַ יוד צו געהן פון ווייט, אין ווייסע קליידער נעהט ער אַנגעטאָן, און ארץ־ישראל־ערד האַלט ער אין דער האַנד, און האָט פערצעהלט, אַז אויף ימים פאָהרען שיפען מיט זיידענע לייוועגטער, אויף זיידענע פענסטער שטעהען געשריבען די נעמען פון די עשרת־השבטים, מאַטראָסען האָבען זיי געטראָפען — לשון־קדש איז זייער שפראַך, און אַ גאַנצע וואָך איז שבת. אַזוי פאָהרען די שיפען און נייגען זייערע פענסטער קיין מזרח... איבער ירושלים איז אויפגעגאַנגען אַ שטערן גרויס, ווי אַ פנים, און לייכט איבער איהר ווי אַ זון. בת־קולות געהען אַרויס פון קברים, אַז ערגיץ וואו האָט זיך משיח אַנטפּלעקט.

*

אַ דריטער.

ביי אונז איז ער אויך געווען און האָט געזאָגט. מען ווייס נישט, פון וואַנען ער איז געקומען — וואוהין ער איז געגאַנגען.

אַ פערטער

דערזעהט נחמיה־הכהן.

ווער איז דאָס, וואָס שטעהט דאָרט ביים בוים אין די תכריכים? איז ער פון אונזער קהלה? דער עולם קוקט אויף נחמיה'ן.

איינער.

איך קען איהם נישט.

אַ צווייטער.

איך אויך נישט.

אַ דריטער.

איך האָב איהם שוין לאַנג בעמערקט — ער שטעהט די גאַנצע צייט און דאַווענט.

אַ פערטער.

איך בין דורכגעגאַנגען פאַר איהם, ער בעט נאָר איין וואָרט: „רבונו של עולם, הייליג דיין נאָמען אויף דער גאַנצער וועלט!“

**אַן אַנדערער.**

דאָס פּנים האַלט ער בעהאַלטען אין זיין טלית, מען קען איהם נישט זעהן.

**צווייטער מקובל.**

איך וועל אַהין געהן צו איהם.

**אַנדערע פון עולם.**

געהט נישט!

**צווייטער מקובל**

געהט אַהין צו ר׳ נחמיה׳ן

שלום-עליכם!

ר׳ נחמיה ענטפערט נישט.

**צווייטער מקובל.**

זאָג אונז, ווער ביסטו? ר׳ נחמיה ענטפערט נישט. ווער ביסטו פון אונ-זערע, צי ביסטו פון זייערע? מיר זענען גוזר אויף דיר, זאָג אונז, ווער דו ביסט

**נחמיה הכהן.**

ווער וועקט מיך פון מיינע כּונות?

**צווייטער מקובל.**

רבי, מיר זענען אין אַן עת-צרה!

**נחמיה הכהן.**

פיהלט איהר דען נישט גאָטס נאָהנטקייט צו אַייך? און די מדת-הרחמים, וואָס שוועבט איבער אַייך? ער האָט אַייערע תפלות צו-זאַמענגענומען, — פּגימות זענען אין זיי—ער האָט זיי אין וואַסער געטובל׳ט און פון יעדען שלעכטען געדאַנק זיי געלייטערט. ער האָט זיי אין זיין האַנד צום שער-הרחמים געטראָגען, ניין מעלות איז ער אויפגעגאַנגען, ביים צעהנטען שער האָט ער אַ מלאך גע-טראָפען. — ווער האָט מיך פון די כּונות געוועקט?

**צווייטער מקובל.**

רבי, מיר זענען אין אַן עת-צרה.

נחמיה הכהן.

און אָהן תקון זענען טייל פון אַייערע נשמות געוואָרען, און וואַל־גערן זיך אַרום צווישען די קברים, און קאָנען צום בית־דין של־מעלה נישט אָנקומען. און אָהן תקון וואַלגערן זיך די תפלות אַרום, און שלאָגען זיך, ווי אומגעפּליגעלטע טויבען, אין שערי־רחמים. און עס כאַפּען זיי אויף די רוחות־רעות און טראָגען זיי צום סמאל אַהין... און שווער ווערען די קייטען פון משיח. ער ווערט פלוצלונג שטיל.

צווישען עולם.

ווער איז צו אונז!

ערשטער מקובל.

איך דערקען איהם — דאָס איז דער יוד, ביי אונז איז ער געוועזען, פון משיח'ן האָט ער פערצעהלט.

דריטער מקובל.

ער ברענגט אונז אַ בשורה פון גאַנץ ווייט.

נחמיה הכהן.

עולמי עולמות ווערען אויסגעלייזט, פון טמאים'ס הענד ווערען זיי בעפרייט, און שטייגען אויף מדרגות, מדרגות. פערוואָגעלטע נשמות קומען צו זייער רוה... פערבלאָנדזשעטע תפלות דערשלאָגען זיך זייער וועג צום כסא הכבוד. און הימלען דערהויבען זיך, און די ערד דערהויבט זיך, און אַלץ ווערט אויסגעלייזט, אַלץ ווערט בע־פרייט און קומט צו צו זיין גאַנג. הערט דאָס געזאַנג! — דאָס זינגט דאָס שלמות פון בריאַת־העולם. אַזוי האָט עס גאָט געמיינט.

צווישען עולם

איינער צום צווייטען.

עפּעס איז ער מבשר — איך ווייס נישט, וואָס ער מיינט.

דער יונגער מאַן,

וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסען אונטער אַ מצבה און מיט שרעק זיך איינגעהאָרכט, שפּרינגט אויף.

איך הער ווערטער, יודען, איך ווייס וואָס ער מיינט!

ערשטער מקובל

קוקט איהם אין די אויגען.

רבי, מיר זענען אין אַן עת־צרה.

נחמיה הכהן

געהט אַראָב פון זיין בערגיל, געהט אריין אין עולם.

גרייט אייך אָן, יודען, אויף דער ריכטיגער מינוט! עס איז נאָהענט, עס גרייכט דאָס יאָהר. איך הער די קייטען פון משיח — זיי רייסען זיך... די וועלט וואַרט אויף אַ תקון. דער הימעל וואַרט, די ערד וואַרט, אַלץ וואַרט... פערלירט נישט די ריכטיגע מינוט. ער איז צווישען אונז... ער וואַרט הינטער אונזער טיר... אַז מען זאָל איהם העלפען מעלה זיין... גובר זיין דאָס בייז... אַז די וועלט זאָל קומען צום שלמות הבריאָה... גאָט זאָל זיך קענען מיט דער שכינה מיחד זיין.

אַ טייל פון עולם.

רבי, וואָס זאָלען מיר טון?

נחמיה הכהן.

לייטערט אייערע נשמות פון פגימות, לייטערט אייערע תפלות, און זייט אַייך אַלע מכון יחד צו איין געדאַנק, צו איין גרויסער כונה... אַז מיר זאָלען איהם קענען מעלה זיין... יודען, זייט אַייך מכון צו איין גרויסער, גרויסער כונה!... וואָס מעהר עס איז נעהנטער די גאולה — אַלץ שטאַרקער ווערט סמאל... זייט גובר דאָס בייז... יעצט קומט דער נסיון... יודען, דער נסיון קומט.

דער עולם שטעהט אַרום אין שרעק.

פלוצלונג דערהערט זיך אַ שאַרען צווישען גראָז אין די מצבות — עס הערט זיך אַ קול פון אַ מיידעל.

שרה'ס קול.

די מאַמע האָט מיר די שוואַרצע פלעכט געוואַשען,\
צו דער חופה מיך פערקעמט —\
איך בין משיח'ס כלה געוואָרען —\
יום־כפור וועט די חתונה זיין.

קולות פון עולם —

**הערט, אַ קול הערט זיך צווישען די מצבות!**

פון די גרעזער קומט אַרויס

נתן עזתי,

ביהרענדיג די האַלב נאַקעטע שרה, רופט.

**הע, יודען! דאָ, קומט אַהער! — אַ נביאָה איז אויפגעשטאַנען.**
**האָרכט, האָרכט!**

די יודען ווערען דערשראָקען, רוקען זיך אָב, לאָזען אַריין נתן עזתי מיט שרה׳ן.

נתן עזתי

צו שרהן,

**פערצעהל, יודישע טאָכטער, פערצעהל די יודען, ווער דו ביסט.**

שרה

האַלב אין חלום,

**פון קלויסטער קום איך צולויפען. זיי האָבען מיך געכאַפּט אין דער מלחמה־צייט, טרפה־חזיר האָבען זיי מיר געגעבען צו עסען, דעם צלם האָבען זיי מיר געגעבען צו קושען. ווי אַזוי קען איך טרפה חזיר עסען? ווי אַזוי קען איך אַ פרעמדען גאָט קושען? איך בין דאָך משיח׳ס כלה. די הענד האָבען זיי מיר געבונדען, מיט שטריק האָבען זיי מיך געשלאָגען, די ליפּען האָב איך טיף פערביסען, מיט מיינע צעפּ האָב איך מיר די אויגען פערבונדען, אַז איך זאָל טרפה־חזיר נישט עסען, אַז איך זאָל אויף אַ פרעמדען גאָט נישט קוקען.**

נתן עזתי.

**אַ גרויסע נבואָה זאָגט זי אונז. דאָס האָט זי אונז גאָט געשיקט אין דער שווערער צייט. איך האָב זי דאָרט הינטער דעם קלויסטער געפונען, — זי האָט זיך בעהאַלטען פון זיי.** צו שרה׳ן. **זאָג, קינד, פון וואַנען קומסטו צו געהן? ווער האָט דיך פון קלויסטער אַרויס־גענומען?**

**שרה.**

מיין געשטאָרבענער טאַטע איז ביי נאַכט געקומען, ער האָט מיך געשלאָגען, בלויע פלעקען האָט ער מיר געמאַכט, אָבער פון קלויסטער האָט ער מיך דאָך אַרויסגענומען. — משיח, זאָגען זיי, איז שוין געקומען, אַהין צו זיי, און פערגעבען זיי די זינד און די וועלט אויסגעלייזט. — צו זיי איז ער געקומען — אונז — האָבען מיר איהם פערטריבען, זענען מיר פון דרויסען געבליבען. משיח איז שוין געקומען, און זיי — הייליגען און לויבען זיין נאָמען אויף אַלע פיר עקען וועלט. — און טראָגען זיין וואָרט איבער ימים, צו ווילדע פעלקער, איבער וועלדער, איבער פעלדער, און קושען די פיס פון זיין בילד, און בויגען זיך אין די קניה, און לעקען די שטויב פון זיין קלייד, און טרינקען זיין בלוט, און עסען זיין פלייש. משיח איז שוין געקומען. און זיי האָבען מיר די הענד גע־בונדע' און האָבען מיך געהייסען געהן אויף די קניה פאַר איהם! און פאַר איהם מיין תפלה זאָגען, און פאַר איהם מיין שטערן אויף דער פאָדלאָגע שלאָגען. — ניין! די הענד בייסט מיר, די אויגען ברענט מיר, מיט נאָדלען שטעכט מיך, — איך וועל מיך צו איהם נישט בוקען — איך וועל מיין תפלה איהם נישט זאָגען! — נישט צו אייך האָט זיך משיח בעוויזען, נישט צו אייך איז ער געקומען. צו אונז וועט ער זיך בעווייזען — פון מאָרגען־לאַנד קומט ער אָן צו אונז. איהם, איהם וויל איך דינען, זיין שטויב וועל איך קושען, ליכט פאַר איהם אָנצינדען, פּרוכת׳ער וועל איך איהם אויסהאַפטען. איהם וויל איך די פיס וואַשען, און מיט מיינע האָר זיי ווישען. פאלט אויף דער ערד און קוקט ערגיץ ווייט מיט די אויגען.

**נתן עזתי**

צו די פערוואונדערטע יודען.

אַ נבואה זאָגט זי אונז. אפשר האָט זיך שוין ערגיץ וואו משיח בעוויזען? אַ צווייטע מרים אויפגעשטאַנען. זעהט, יודען: זי קוקט ערגיץ וואו ווייט, אַ נבואה בעווייזט זיך צו איהר. צו שרה׳ן. זאָג, קינד, וואָס זעהסטו דו?

**שרה**

ליגענדיג אויף דר׳ערד, קוקט ערגיץ מיט די אויגען און זאָגט אין דער שטיל.

עס געהט אויף צו מיר אַ ליכט פון מאָרגען־לאַנד, איך זעה

אַ שטאָדט, זי ליגט ביים ים. הויך געהען אויף איהרע בערג און בעהאַלטען זיך אין וואָלקענס ליכט. ער שטייגט אויף זיי און באָדט זיך אין די טונקעלע נעכט אין וואָלקענס ליכט. מאַמע, טו מיר אָן מיין חופה־קלייד, פלעכט מיר די צעפּ! איך האָב מיין חתן געזעהן, ער איז פון גאָט אויסגעוועהלט. הערט די שופרות, זיי בלאָזען פון נאָהענט און פון וויים. איך האָב איהם אויסגעוועהלט, שבתאי הייסט זיין נאָמען, איזמיר הייסט די שטאָדט.

נתן עזתי.

איהר הערט, יודען? שבתאי הייסט זיין נאָמען, איזמיר הייסט די שטאָדט. — אַ נביאה, אַ נביאָה איז אויפגעשטאַנען.

דער יונגער מאַן

פאַלט צו דר׳ערד.

דורך אַזוי פיעל דורות האָסטו געשוויגען, יעצט רעדסט דו צו אונז, יעצט האָסט דו אונז דאָס וואָרט געשיקט! אָ, זיי געלויבט זיי געלויבט!

נתן עזתי.

שווייגט יודען! זעהט, די נביאָה קוקט ערגיץ וואו מיט די אויגען, ווידער האָט זיך צו איהר גאָט בעוויזען, — שווייגט, זי איז עפּעס מבשר.

שרה.

איך זעה אַ לאַנד — טאָל און באַרג ליגט אויסגעשפּרייט, ווי אויף גאָטס האַנד. יעדעס זעמדעל פון גאָט געקושט, יעדע וועלט האָט איהר שטערן איבערן לאַנד שטעהן, יעדע נשמה דאַרף איהר ליכט, און זיי טוליען זיך צו איהר ברוסט און וואַשען זייער ליכט אין איהר לופט. אויף דעם באַרג ציון שטעהט ע ר, און די גאַנצע וועלט זאַמעלט זיך אונטער זיין באַרג איין, און ער לייזט אויס און דערהויבט — משיח איז זיין נאָמען, ציון הייסט די שטאָדט.

נתן עזתי.

משיח איז זיין נאָמען, ציון הייסט די שטאָדט... יודען! משיח קומט צו געהן. — די חבלי משיח זענען דאָ! יודען! אַ נביאָה איז געקומען

צו אונז! צו שרה'ן. זאָג, נביאָה, וואָס זאָלען מיר טון? וואו האָט זיך משיח בעוויזען?

שרה.

הערט איהר נישט זיין שטים רופען? איבער ימים שווימען שיפען. איבער שטעגען, איבער וועגען, פון לענדער און פעלקער קומען יודען צו געהן, מיט ליכט בעגאָסען, אין הייליגקייט דערהויבען, אין גאָטס געצעלט אריין.

דער עולם

צווישען זיך.

משיח איז זיין נאָמען, ציון הייסט דאָס לאַנד...

נתן עזתי.

און ווער ביסטו?

שרה.

איך בין משיח'ס כלה, צו אייך געשיקט, איך זאָל אייך צוזאַמענ. נעמען און צו איהם פיהרען. זעהט, מיינע הענד זענען שען, מיינע האָר גיסען זיך אראָב, ווי א קוואַל וואַסער איבער מיין לייב. — קומט מיט מיר, משיח איז געקומען! דאָס געזעץ איז אויפגעגעבען, עס איז שוין נישט מעהר דאָ קיין „יאָ" און קיין „ניין", אלץ איז פריי. אייערע נשמות זענען ארויס פון דער קנעכטשאַפט; אייערע קערפערס, געבונדען מיט די רצועה פון געזעץ, זענען ארויס פרייע, קומט און קושט אויף די ליפען מיר,—איך בין צו אייך געשיקט צו טויטען דאָס געזעץ און צו בעפרייען דעם ווילען.

ערשטער מקובל

רוקט זיך אָב.

אַ שטן רעדט פון איהרע ליפען ארויס, איך וויל נישט זיין דער־ביי.—רוקט זיך אָב

אַ צווייטער.

אויך מיין חלק נישט מיט זי.

נתן עזתי.

פיהלט איהר דען נישט, אז משיח איז געקומען? זי איז געשיקט

צו אונז אַריינצובריינגען אונז אין העכערן גייסט—צוזאַמען צו בע־ העפטען לייב מיט לייב, כדי דורך דעם אונזערע נשמות גאַנצע צו מאַכען. די גאַנצע וועלט איז איינס, מיר זענען פעראייניגט אין איין יחוד. אַלץ איז מיט אַריין. און די חיות און די בהמות זע־ נען אויסגעלייזט געוואָרען און האָבען צוריק געקראָגען זייער גאַנצקייט. מיט אונז זענען זיי פעראייניגט געוואָרען. די גאַנצע ערד, יעדער יחיד איז געוואָרען צו איין גרויסען אחד. און זיין כלה האָט אונז דער משיח געשיקט צו פערבינדען אונז אין דעם „אחד", אַז מיר אַלע זאָלען זיין איינס. געשטאָרבען איז דאָס אַל־ טע גערעץ, וואָס האָט אָבגעשיידט יעדען בעזונדער און צעטיילט. מיר זענען אַלע געוואָרען צו איינס—בעהאָפטען דורך איהר. טאַנץ פאַר אונז, משיח'ס כלה, נעם אונז אַלע צונויף!—קומט, יודען, מיר זיינען פרייע, דער אָסור איז מותר—די שטריק אויפגעלאָזט. טאַנץ פאַר אונז, משיח'ס כלה און בעהעפט אונז אינאיינעם! קומט לאָמיר זיך אָן איהרע הענד אָנגעמען! קומט, לאָמיר זיך אָן איהרע האָר בעהעפטען, אָנריהרען זיך אָן איהר לייב און קריגען פון איהר ליכט! ריהר אונז אָן, בעגיס אונז מיט דיין שיין, בעהעפט אונז צוזאַמען! משיח'ס כלה, טאַנץ פאַר אונז!—רייס דאָס קלייד פון דיר, צייג אונז דיין לייב, שיק די שטראַלען פון דיין קערפער אַרויס, פון דיינע ברוסטען, פון דיינע האָר, און בעהעפט אונז אינ־ איינעם; טאַנץ פאַר אונז, משיח'ס כלה, אָט אַזוי—יודען! העפט זיך אָן איהר, זי פאַראייניגט אונז אין איין יחוד!

שרה טאַנצט פאַר זיי, זי רייסט דאָס קלייד פון זיך—ריהרט יעדעס מאָל אַן אַנדערן אָן מיט איהרע האָר. אַלע בעהעפטען זיך אַרום איהר און זי טאַנצט פאַר זיי אין מיטען ראָד.

פאָרהאַנג.

# צווייטער אקט.

## ערשטער בילד.

אין קאאירא. אין סאלאן ביים סאריף־באשי יוסף־רפאל, איינגעארדענט אין רייכען אריענטאלישען סטיל. די ווענט בעהאנגען מיט רייכע דיוואנעס, אויסגעהאפטען אויף זיי סצענעס פון „רות" און „שיר השירים". עס שטעהט א מיסטישער טראָן. אויף דער טרעפ, וועלכע פיהרט ארויף צו איהם, זעקס לייבען פון איין זייט, זעקס לייבען פון דער צווייטער זייט. רעכטס נתן הנביא, לינקס יהושפט המזכיר. ארום איהם אויף דיוואנען נביאים און נביאה'טעס, יונגע און אלטע, מענער און פרויען, מיידלעך און בחורים. הינטער זיי צוויי שבת־גוים, מיט ליכט־שערער אין די הענד אויף א הויכער גאלעריי זיצען פרויען.

שמואל פרימו

צו באשי יוסף רפאל.

גליקליך ביסטו, נגיד, וואָס דו האָסט זוכה געווען, אין דיין הויז זאָל דער מלך־המשיח זיין חופה זיך שטעלען, מיט זיין געליעבטער כלה, גאָטס טאָכטער, די תורה.

באַשי יוסף רפאל.

איך דאַנק און ליב זיין נאָמען פאַר דעם כבוד, וואָס ער האָט מיר אָנגעטאָן. דער סולטאַן האָט מיך פאַר זיין הויף־קאַסירער געמאַכט, מיך מיט גענאָד בעשאָנקען. דאָך ווי קומט דאָס צום כבוד, וואָס אונזער מלך־משיח האָט מיר געוויזען—אונטער מיין באַלקען זיין כלה אונטער דער חופה צו פיהרען?

שמואל פרימו.

דיינע זיהן וועט ער זיך פאַר קיניגען מאַכען,—וואסער אויף זיינע הענד צו גיסען. דיינע טעכטער האָט ער אינאייגעם מיט זיינע צוויי געוועזענע פרויען, וואָס האָבען זוכה געווען זיין קלייד צו בעריהרען, פאַר די פרינצעסען פון זיין כלה, דער תורה, בעשטימט.

באַשי יוסף רפאל.

מיינע אוצרות האָב איך איהם געעפענט, מיינע געלדער, מיינע פאַ־לאַצען. שיקט שלוחים אויף דער גאַנצער וועלט, וואו יודען זענען פערשפרייט, זאָגט אָן די גליקליכע בשורה, אז גאָטס כבוד האָט זיך איבער אונז געוויזען.

שמואל פרימו.

שלוחים האָבען מיר געשיקט, בריעף האָבען מיר צעשפרייט, זעהט נגיד, אומעטום. מען האָט געוואַרט אויף זיין וואָרט—ווי אויף אַ רעגען נאָך זון, ווי אַ ישועה נאָך אומגליק. זעה, וואו זיין וואָרט האָט דערגרייכט, איז זיין גייסט געקומען איבער יונג און אַלט, איבער

קינד און קייט—ער ווייזט אויף די נביאים—און זיי האָבען נביאות געזאָגט, אַז זיין קיניגרייך איז געקומען.

באַשי יוסף רפאל.

געלויבט זאָל זיין גאָטס נאָמען אויף אייביג!

שמואל פרימו

ווייזט אויף די שבת-גוים

און אויף גוים, וואָס ניט פון יודען קומען זיי אַרויס, האָט ער אויך פון זיין גייסט אָבגעטיילט, צו מאַכען ווייזען די פעלקער זיין מאַכט און זיין פראַכט, און מבשר צו זיין זיין נאָמען צו די פעלקער, וואָס זענען אונטער'ן הימעל. וועגדט זיך צו די נביאים. אָ, איהר הייליגע קינדער פון נביאים! ווייזט אונז דעם וועג, אין וועלכען מיר זאָלען געהן, און דאָס ליכט, אן וועלכען מיר זאַלען זיך האַלטען.

די נביאים

זינגען.

ער איז אונזער האַר, ער איז אונזער מלך, ער איז אונזער היילער, שבתאי צבי, דער מלך משיח!

באַשי יוסף רפאל.

געלויבט איז ער אויף אייביג, וואָס ער האָט נישט אָבגעטאָן פון אונז זיין חסד, פערפאַלען אונז צו לאָזען צווישען די גוים! דאַך וואו איז דער קיניג משיח? אַלץ איז שוין גרייט.

שמואל פרימו.

ער איז מיט זיך אַליין פאַר דער חופה, אין היילּיגקייט, מיט גאָט זיין פאָטער.

אברהם היכיני

דערהויבט זיך פלוצלונג און רופט אין דער טיר, וואו שבתאי צבי איז:

עס איז געקומען די צייט, געה קיניג-מאַן,
שטעל דיר דיין חופה-שטאַנג,
דעק דיר דיין חופה-פאָרהאַנג,
מאַך דיר דיין בעט גרייט!—
אַלץ איז צו דער חתונה גרייט.

עס הערט שטיל צווישען עולם, די נביאים מיט די נביאה'טעס זעצען זיך אויף זייערע ערטער און זינגען.

## נביאים, נביאה'טעס.

בלאָזט מיט שופרות פון נאָהנט און ווייט!
עס קומט דער, וואָס איז פון גאָט אויסגעוועהלט.
ער איז אונזער האַר, ער איז אונזער מלך,
ער איז אונזער היילער, שבתאי צבי, דער מלך המשיח!

עס הערט זיך שופרות בלאָזען. פון דער טיר קומען אריין זיבען בתולות, אלע אין ווייסען אָנגעטאָן, צווישען זיי רחל און לאה, אין דעם סטיל פון יודיש-בוכאריש אָנגעטאָן.

## די מיידלעך

זינגענדיג,

קומט אַרויס און זעהט,
טעכטער ציונ'ס,
שלמה דעם קיניג
אין דער קרוין,
וואָס די מאַמע האָט איהם אָנגעטאָן,
אין זיין חתונה-טאָג,
אין זיין פריידען-טאָג.

עס קומט אריין שבתאי-צבי, אין ווייס-אטלאסען געוואנד, אין א ווייסען מיט גאָלד געשטעפּטען טורבאן אויפ'ן קאָפּ, און זעצט זיך אויף זיין טרוין. עס הערען זיך שופרות בלאָזען. עס קומען אריין זיבען בחורים, אין שווארצען סאמעט אָנגעטאָן, בעפּוצט מיט גאָלד, און זינגען.

## די בחורים

זינגען.

שען איז זיין פריינדין,
ווי א טייבעל אין שפּאַלט פון שטיין.
איהרע האָר ווי סטאַדעס שאָף—
קייקלען זיך פון די בערג גלעד אַראָב.
איהרע ציין—ווי געוואַשענע שעפּסען,
פון באָדען קומען זיי צו געהן.
איהר האַלז,—ווי דוד'ס טורעם.

איהרע ברוסטען—הינדען־צווילינג,
ווײדען זיך אין די רויזען.

נאָך זיי געהט אַ בתולה, אין ווייסען אָנגעטאָן, און טראָגט אַ גרויסע ספר־תורה, בעצירט מיט אַ גרויסער גאָלדענער קרוין, אַ גאָלדענעם ברייטען שער אויף דעם שווארצען סאַמעט־מאַנטעלע, וואָס איז מיט שטערן בעזעצט. זעצט זיך מיט׳ן ספר־תורה נעבען שבתאי־צבי.

## אברהם היכיני

שטעלט זיך פאר שבתאי צבי און זאָגט איהם.

חתן משיח! אַזוי טוט גאָט זאָגען: איך האָב חרוב געמאַכט מיין בית־המקדש, מיין קדשי־קדשים צעשטערט. און מיט אײַך בין איך אין גלות פערטריבען. — און איך האָב געוואַרט אַלע טעג, ווען וועט קומען דער מענש, וואָס וועט אָננעמען מיין שטעל,—ווי איך אויבען, אַזוי ער אונטען, גאָט אין מענשליכער געשטאַלט, און מיך און וועלט פון גלות אויסלייזען. אין שבתאי צבי מיין זוהן האָב איך געזעהן דעם מענש, זאָגט גאָט. איהם דער־הויב איך און מאַך איהם צום הייליגען־קיניג, צום ערהויבענעם מענש. און איך פער־קניפ מיך מיט איהם און פערבינד מיך מיט איהם אין הייליגען באַנד. און גיב איהם מיין טאָכטער, די תורה, צום מאַן. און ער זאָל זיך בעהעפטען אָן איהר און זאָל זי טון ווי אַ שטעמפעל צו זיין הארץ, ווי אַ ברודער צו זיין שוועסטער, וואָס האָבען געטאָן זויגען פון איין מוטער־ברוסט, וואָס ער טרעפט זי אין גאַס און טוט זי קושען, און שעמט זיך נישט.

מען שטעלט אין מיטען סאַלאָן אַ חופה מיט גאָלדענע שטאַנגען און אַ ליכטיגען פאָרהאַנג. שבתאי צבי געהט פון זיין שטול אונטער דער חופה ארונטער. ביי זיין געהן בלאָזען די נביאים אין די שופרות, די מוזיק שפּילט, די זיבען מיידלעך, וואָס געהען פאָראויס, זינגען.

## די מיידלעך.

שען איז דער קעניג שלמה אין זיין חופה־קלייד,
אין טאָג פון זיין פרייד!
אָ זינגט,
אָ זינגט, הימעל און ערד, זינגט איהם אקעגען
צו זיין חופה־גאַנג!
דער חתן־קיניג פיהרט זי׳ן כלה

אונטער זיין חופה־האַנג.
די שטאַנגען געהאַקט פון בוקסען־בוים,
דער פאָרהאַנג געוועבט פון שטראַלען־ליכט,
זיין געלעגער געוועבט מיט
ירושלים׳ס טעכטערס ליעבע.

שבתאי צבי שטעהט אונטער דעם פאָרהאַנג. די שופרות בלאָזען. די זיבען בחורים געהען פאָראויס, זינגענדיג. דאָס מיידעל מיט דער תורה נאָך זיי.

## די בחורים

זינגען.

אַ הייליגט און לויבט
זיין נאָמען ברייט
אין טאָג פון זיין פרייד!
גאָטס טאָכטער איז די כלה זיין,
גאָט איז דער מחותן אַליין.

דאָס מיידעל גיט איבער די תורה שבתאי צבי, וועלכער נעמט זי אויף דער האַנד. דאָס מיידעל געהט אָב. עס בלייבען שטעהן, אין צוויי רייהען אויסגעשטעלט, די זיבען בחורים, די זיבען בתולות אַרום די נביאים. פון דער טיר, פון וואַנען שבתאי צבי איז אריינגעקומען—קומט אריין אַ פּראָצעסיע פון קליינע קינדער, יונגלעך און מיידלעך, האַלטען זיך ביי די הענד, אין אַ לאַנגער רייה. טייל האַלטען לאַנגע לולבים אין די הענד און שאָקלען זיי אויף אַלע זייטען.

## שבתאי צבי

נעמט דעם ספר און דערהויבט עס אין דער הויך. זאָגט הויך אויפ׳ן קול.

איך בין דיך מקדש צו מיר אויף אייביג. און איך בין דיך מקדש צו מיר מיט די פיר מדות: רעכט, דין, גענאָד און דערבאַרימונג. און איך בין דיך מקדש צו מיר מיט אמונה. פון די נביאים פאַלען טייל אויף דער ערד און זאָגען נביאות.

## אַ טייל.

אָ, איך זעה ליכט!—וועלט און וועלט גענעהנט זיך צוזאַמען,
הימעל געהט אַראָב צו דער ערד, ערד צו הימעל,
ים צו לאַנד, לאַנד צו ים,
נשמה צו נשמה, מענש צו מענש!

אַלץ איז זיך משדך אין פערבאַנד,
אין אייביגען באַנד, אין אייביגען באַנד.

שבתאי צבי

בעמט די ספר־תורה אין דער הויך.

איך האָב מיר גאָטס טאָכטער אויסגעוועהלט—די הייליגע תורה! מיט איהר וועל איך מיין פערבינדען צום אייביגען באַנד, איהר ליעבע וועל איך היטען. אין איהרע וועגען וועל איך געהן, צו הייליגען זיך אין איהר הייליגקייט. און איך בין משפיע אויף דער וועלט פון איהר הייליגקייט. די הימלען זאָלען צוריק קריגען זייער ליכט און פראַכט, און די ערד זאָל דערהויבען ווערען צום הימעל אויף, זיי זאָלען קענען שען ווערען אין איהר הייליגקייט. און ענ־דען זאָל דאָס שלעכטס ביים מענש. גאַנץ מאַך איך זיין נשמה, ערהויבען מאַך איך זיין גייסט, אַז ער זאָל קענען שען ווערען אין איהר הייליגקייט, אַז אַלץ זאָל דינען צו איהר און זיין אין איהר, און זי אין אַלעם. אָמן

אלע.

אָמן!

עס דערהערט זיך פּלוצלונג פון דרויסען אַן אָנקומען, ווי גאַנצע חיילות זעלנער וואָלטען אָנגעקומען. וועגען פאָהרען, פראַכטען ברעכען, קיה, אָקסען שרייען. פערד קאָפּיען. מענ־שען רופען, שאַלען. דאָס אַלץ ווערט איבערגעהילכט פון א שאַלענדיג ווילדער מוזיק פון שופרות, טראָמפּייטען און פויקען.

נתן עזתי

פאַלט אריין מיט רעש.

אָ הייליגער קיניג, משיח פון יעקב! דיין וואונדער איז געקומען, דיין וואָרט איז געשעהן! זי קומט צו דיר, דיין קיניגין, מיט פראַכט אין שענקייט! פלאַמען ברענען אין איהרע אויגען, פלאַמען ברענען אין איהרע האָר. און איהר פייער האָט הערצער דערוואַרימט. פון שטאָדט צו שטאָדט, פון לאַנד צו לאַנד איז זי געגאַנגען, האָט אָנגעזאָגט און מבשר געווען דיין אויפשטעהן, וואו זי איז געקומען,—און מתים זענען מענשען געוואָרען. איהר וואָרט, איהר פלאַם — האָט שטויב פון הערצער געשיט. זי קומט צו דיר, דיין קיניגין, דיין אויסגעוועהלטע, פון גאָט בעשטימט! —

וואו זי איז געקומען — האָט זי מיט איהרע הענד, ווי הויפּענס, דאָס פאָלק צוזאַמענגענומען. איהר אויג האָט געפלאַמט, איהרע האָר האָבען געצויגען, און געגאַנגען איז דאָס פאָלק נאָך איהר, ווי נאָך ליכט נאָך, ווי נאָך רעגען נאָך. דעם הימעל האָט זי זיך אונטערטעניג געמאַכט. דונער און בליץ האָבען צו איהר געדינט. — דיין וואָרט אין איהר מויל איז צו גאָט געוואָרען, און עס האָט וואונדער געוויזען. — און זי האָט דאָס פאָלק אונטער דיינע פענס־טער פון דיין געצעלט צוזאַמענגענומען, זי איז דיר צו דינען גרייט... אָט קומט צו דיר דיין קיניגין, זעה, פון גאָט דיר בע־שטימט, אין פראַכט און שענקייט!

דורך דער גאַנצער סצענע הערט מען פון דרויסען א בעשטענדיג רוישען און זינגען פון דעם לאַגערענדען פאָלק.

אין דער טיר ווייזען זיך צוועלף בחורים, אנגעטאַן אין שווארצע סאמעט־פלאשען. און אין מיטען זיי שרה אין א שווער, לאַנג, שווארץ סאמעט קלייד, בעזעצט מיט גרויסע גאָל־דענע שטערן. צום ראַנד פון קלייד איז בעהעפט א ברייטע, גאָלדענע עטרה, פון וועלכער עס ווייזען זיך ארויס באָרוויסע פיס. אויפ׳ן שטערן א זילבערנע בלעך. אויפ׳ן הארץ אָנגע־האנגען אויף א גאָלדענער קייט א ברייטע בלעך, אויסגעזעצט מיט בריליאַנטען און פערל די נעמען פון די צוועלף שבטים.

שרה.

זעהט אייער קיניג און גאָט! זי ווארפט זיך צו שבתאי צבי׳ס פיס און קושט דעם זוים פון זיין קלייד. אָ דעקט׳ס מיר די האָר צו, איך האָב מיין קיניג געזעהן! זי ווייזט מיט דער האַנד. קומט און זעהט אייער האַר און קיניג!

שבתאי צבי.

איך האָב דיך נישט געזעהן ביז איצט, נישט אין מיין נשמה, נישט אין מיין גייסט. ווער ביסטו דען?

שרה.

איך קום פון דיר, און בין אין דיר, מיין נשמה מיט דיינע איין צווייגען־פּאָר. דו — דאָס לעבען, איך — דער טויט; וואָס איז מצוה אָהן זינד? מיר האָבען ביידע פון איין ברוסט מילך געזויגען. און איך

בין געקומען צו מיין נשמה־פּאָר, טויט און לעבען, זינד און מצוה מישען.

**שבתאי צבי**

דערמאַנט זיך.

איך האָב מיט דיר דעם באַנד צעריסען, מיין ערדישעס פון מיר געוואָרפען, אָבגעשניטען און אויסגעראָט די וואָרצלען, וואָס בינ־דען אונזערע נשמות צוזאַמען. ער ווייזט אויף די תורה. זי איז מיין כלה־פּאָר, מיט איהר האָב איך זיך פערבונדען.

**שרה.**

דו האָסט זיך נישט געקאָנט פון מיר בעפרייען, דו בענקסט נאָך מיר, נאָך שטעקען אונזערע נשמותביידע טיף אין וואָרצעל צו־זאַמען.

**שבתאי צבי.**

איך האָב מיך בעפרייט, דאָס מענשליכע פון מיין לייב געריסען און בין צו גאָט געוואָרען

**שרה.**

וואָס איז גאָט אָהן מענשליכען?—ניין, עס קוקט דאָס מענשליכע פון דיין אויג, און דו בענקסט דערנאָך. דיר שמעקט טאָל און באַרג, און די זון, ווען זי געהט אויף, און דער טוי, ווען ער פאַלט. ווער האָט דיר דאָס פאָלק געזאַמעלט אונטער דיין פענסטער? דער מענש. ווער האָט זיי דאָרשטיג געמאַכט נאָך דיין וואָרט?— דאָס מענשליכע. מיין אויג האָט זיי געברענט, מיינע האָר האָט זיי געצויגען. מיט מיין תאוה האָב איך זיי צוזאַמענגענומען, ווי זאַנ־גען, און צו דיינע פיס דיר געלעגט. מיר זענען מענשען, פון איין פאָר קומען מיר אַרויס — דאָס בלוט רינט אין דיין האַנד און מיינער.

**שבתאי צבי**

הויבט זיך אויף און רופט.

אברהם היכיני, מיין נביא שמואל פרימו, מיין מזכיר!

אברהם היכיני און שמואל פרימו.

בעפעהל, האַר, מיר זענען דאָ!

שבתאי צבי.

געהט אַרויס און צעטרייבט דאָס פאָלק פון הינטער מיין פענסטער! איך וויל קיין פאָלק, וואָס איז געקומען צו מיר, געצויגען פון תאוה-קראַפט, געברענט פון אויג און האָר. ער גיט איבער די ספר-תורה. געהט אַרויס צום פאָלק, דערהויבט די תורה איבער איהם. זי זאָל מיר דאָס פאָלק רופען, געליטערט אין איהר הייליגקייט, געהען זיי נאָך איהר הימעל-ליכט, און איהר געטליכען וועג. איך בין צו גאָט פון יעקב געזאַלבט, איהם וויל איך דינען, אָן זיין תורה וויל איך מיך בעהעפטען.

שרה

צו אברהם היכיני און שמואל פרימו.

קומט צום פאָלק — זאָלען מיר זעהן, נאָך וועמען וועלען זיי נאָכגעהן, נאָך וועמענס קראַפט זיי וועלען געצויגען ווערען: נאָך איהר, — אָדער נאָך מיר. זי איז הייליג אָבער טויט! ריין — אָבער שווייגט. נאָך מיר געהט נאָך דאָס פאָלק, פון מיין פלאַם געצויגען, נאָך מיין זינד געבענקט... לעבט עס אין מיין טויט.

אברהם היכיני און שמואל פרימו געהען ארויס מיט דער תורה.

שרה געהט אַרויס נאָך זיי.

פון דרויסען הערט מען, ווי דאָס פאָלק שאַלט.

שבת צבי

דערהויבט די הענד צום הימעל, פערגלייסט די אויגען.

איך בין מיט זיי. איך הויב זיי אויף, איך לייטער זייערע נשמות — שטייגט אויף, שטייגט אויף! — איהר זאָלט קענען דערהויבען ווערען —... זי ציהט אַראָב. — זייערע נשמות זענען שווער, פערפלעקט, עס ציהט זיי נאָך דער ערד. — דאָס פאָלק איז מיט איהר, נויגט צו איהר. זיי געהען נאָך איהר, עס ציהט זיי איהר זינד... ווי וואָלקענס בליי, נידערן זיי אַראָב אין איהר ים... עס ציהט זיי איהר טויט... עס פלאַמט זיי איהר אויג... איך וועל אייך הויבען... איך וועל אייך רייניגען... צום הימעל וועל איך אייך נעמען... איך

רוף אייך מיט גאָטס וואָרט... איך וועל אייך גאָטס לויטערקייט צייגען... איך וועל אייך אין די הימלען פיהרען!... ניין, זיי הערען נישט... זיי ווענדען אָב זייער קאָרק פון גאָטס וואָרט, צו זיי גע־ווענדט... און געהען נאָך אויגען-גלאַנץ... — נאָך האַרצען-לוסט.

ערשטער נביא.

איך זעה, ווי עס פאַלען אַראָב מחנות נשמות, שוואַרץ ווי נאַכט, פון הימעל אַראָב, אין כף הקלע אַריין.

צווייטער נביא.

איך זעה, די זכיות געהען, ווי ליכט אין הימעל אויף, די שערים ווערען פערשלאָסען, און די ערד פאַלט... פאַלט...

דריטער נביא.

די הימלען ווערען דערהויכט און בעלעגט. אין שווער און פינסטער ווערט די ערד, און סמאל צעשיקט זיינע שדים שוואַרץ ווי נאַכט, און זיי פאַנגען נשמות פערבלאָנדזשעטע און תפלות געפאַלענע...

אברהם היכיני און שמואל פרימו

קומען אריין צו לויפען.

דאָס פאָלק געהט איהר נאָך, ווי אַ ליכט, — זי איז זייער וועג, זייער וואָרט!

שרה

קומט אריין, געהט צו צו שבתאי צבי, קוקט איהם שטאָלץ אין די אויגען.

דו געהערסט צום מענשליכען.

שבתאי צבי.

איך בין אַ קנעכט צום גאָט פון יעקב, אָן זיין תורה וויל איך מיך בעהעפטען...

שרה.

דו ביסט נישט דער דינער פון געטער-הימלען. דו ביסט דער מענש־גאָט! די הימלען זענען צו גאָט — די ערד, די ערד איז צום מענש איבערגעגעבען געוואָרען. דו האָסט די מאַכט, דו ביסט דער האַר, אונזער גאָט אויף דער ערד. דיר וויל מען דינען, און דו האָסט איבער אונז די קראַפט און מאַכט!

די נביאים

*קניהען צו דער ערד.*

דיך האָט מען געגעבען צו אונז צום מענש־גאָט, אונזער קיניג און בעשעפער! געלויבט זאָל זיין דיין נאָמען אויף אייביג, אָמן סלה!

שרה

*צו אברהם היכיני און שמואל פרימו.*

דו מענשען־נביא, בעט צו דיין גאָט, לאָז ער אונז פון געטער־הימלען בעפרייען! ער איז דער מענשען־גאָט. זעהט — דאָס פאָלק איז הינטער זיין פענסטער פערזאַמעלט און וואַרט אויף דיין וואָרט. עס וויל גישט צו געטער דינען, עס וויל צום מענשליכען לעבען.

אַברהם היכיני

*קניהט פאַר איהם.*

געלויבט און געהייליגט זאָל זיין דיין נאָמען, אונזער גאָט און אונזער האַר, אויף אייביג, אָמן! אַזוי ווי די אַלטע הייליגקייט איז געזעצט איבער די הימלען אין דער הויך, אַזוי ביסטו, הייליגער קיניג, געזעצט איבער דער ערד אונטען. דו ביסט גאָט אין מענשליכער אַרט, אין מענשליכער געשטאַלט, אין דיין קומען איבער אונז, קומט די וועלט צום ריכטיגען בעשטאַנד. אין דיר איז די קראַפט אונז צו בעפרייען פון געזעץ און דין, — דו האָסט די מאַכט, בעפריי אונז פון געזעץ!

שמואל פרימו

*געהט צו, פאַלט פאַר שבתאי־צבי.*

דאָס פאָלק האַרט פאַר די פענסטער פון דיין געצעלט, און וואַרט אויף דיין בעפרייאונג. וואָס זאָל איך זיי זאָגען?

שבתאי צבי.

געה אַרויס און זאָג זיי, אַז איך בין אַ קנעכט צום גאָט פון יעקב צו איהם זאָלען זיי דינען.

שרה.

דורך איהר אָדער דורך מיר! *זי ווייזט אויף דער תורה.* זי האָט אונז געבאָט און געזעץ געגעבען, האָט אונז צייכען געקריצט און וועגען

געשטעלט, „ניין" און „יאָ" אונז געזאָגט, אין צוימען אונז אַרומ־געצוימט, און אונז פערוועריט און אונז פערבאָטען וועגען און לעבען. בעפריי אונז פון געזעצען און וועגען, דורך פרעמדע גע־טער אונז געגעבען! דו קענסט אונזער ווילען, דו ווייסט אונזער האַרץ. אונזער בלוט — דיין בענקען, אונזער בענקען — דיין בענקען. דו זאָג דיין וואָרט, און צעשטער און צעברעך די צוימען, וואָס מען האָט אונז אַרומגעצוימט מיט זיי! און צעפיהר און צעלעג די געזעצען און די דינים, פון פרעמדע אויף אונז געלעגט! צערייס די רצועות, פון גאָטס קנעכט אויף אונז געבונדען! *שטיל.* ווער שטעהט צווישען מיר און דיר? *זי ווייזט אויף די תורה.* — אַ געזעץ, אַ וואָרט, פון אַ פרעמדען גאָט געזאָגט, וואָס מיר קענען איהם נישט, וואָס ער וואוינט אין די הימלען אין דער הויך. אין מיר האָסטו די זינד, טויט, פערדאַרבונג, תשובה און תחית־המתים, ברוגז און חבר, אַליין און מיט, איך וויל און וויל נישט; איך צעוואַרים דיין לייב, ווי אַ זון, און בין קאַלט — ווי אַ שטיין. קלייב אויס, דו מענשען־גאָט, צווישען מיר און איהר!

שבתאי צבי

*שטעהט אויף פון זיין שטול, בלייבט אַ לאַנגע ווײַלע שטעהן, קלערט.*

דורך מצוה אָדער דורך עבירה? דורך לעבען אָדער דורך טויט? וואָס איז די מצוה אָהן דער עבירה? וואָס איז דאָס לעבען אָהן דעם טויט? — הייסט עס אויסלייזען נאָר, כדי צו געטער־קנעכט ווערען, פון זיך דאָס מענשליכע בעפרייען — נאָר בכדי פונם געט־ליכען אויף זיך דעם יאָך צו נעמען. איהר קענט נישט דעם מענ־שענס האַרץ, פערהוילען איז עס פון אייך, ווי אַייערס פון אונז. איך בין מענש, ווי זיי, און מיין ברוסט וואוינט ווילען, און מיינע אָדערן — בלוט! ווילען — מיר טוען נאָר אונזער פליכט!

שרה

*קוקט איהם אין די אויגען שטאַרק, שטיל.*

זיי אַ גאָט, דו מענש!

שבתאי צבי.

נתן מיין נביא, יהושפט מיין מזכיר! געהט אַרויס צום פאָלק און זאָגט, שרייבט׳ס בריעף און צעשיקט׳ס יעדען לאַנד און לאַנד, יעדע

שטאָדט און שטאָדט, וואו דעם קיניגס וואָרט ווערט דערגרייכען. איך, אייער גאָט און הייליגער קיניג, שבתאי־צבי, געזעצט אויף דער ערד אונטען, ווי גאָט אין די הימלען, לאָז אויף יעדעס געזעץ און געבאָט, צעברעך יעדען צוים און שטאַנג, ביינד אויף יעדען באַנד און פערבאָט, אויף איך געבאָטען, אויף איך געגעבען פון אַ פרעמדען גאָט, פון גאָט פון הימעל. איך, אייער גאָט שבתאי־צבי, געזעצט אויף דער ערד, ווי גאָט אויפ'ן הימעל, לייז איך אויס צו אייביגער אויסלייזונג און בעפריי איך צום אייביגער פרייהייט, און צערייס יעדען באַנד, אויף איך געבונדען. איך נעם אייערע טרויער־טעג און מאַך זיי איך צו פריידען־טעג, — עס איז נישטאָ קיין „יאָ" און „ניין" אויף איך. נאָר, דער צווייי און צוואַנציגסטער טאָג פון דעם חודש תמוז, דער טאָג פון שלום מאַכען צווישען גאָט, אייער גאָט, מיט זיין קיניגין, די שכינה, שרה, די טאָכטער פון ישי — דער טאָג זאָל איך זיין הייליג, מיט קיין מלאכה זאָלט איהר איהם ניט שטערען, נאָר פרעהען זאָלט איהר זיך דעם טאָג, מיט געזאַנג און ליד; ליכטיג זאָל זיין אין אייערע געצעלטען אין דעם טאָג, וואָרום עס איז דער הייליגער שבת, דער גרויסער שבת פון אייער קיניגין, שרה, די טאָכטער פון ישי.

די נביאים

פאַלען צו דער ערד.

געלויבט זאָל זיין גאָט, אונזער גאָט־מענש, אונזער הייליגער קיניג, אונזער דערהויבענער מענש, וואָס ער האָט געעפענט די שטריק פון אונזערע זינד, ערלויבט דאָס פערבאָטענע, אויפגעבונדען דאָס געאַסר'טע, און צעשטערט דאָס געזעצטע און אויסגעקריצטע, פון היינט־מאָל אָן ביז אייביג, אמן!

נתן און יהושפט געהען ארויס.

שרה

פאַלט איהם צו זיינע פיס.

פון דרויסען הערט מען שופר בלאָזען, דאָס פאָלק שאַלט.

# צווייטער אקט.

## צווייטער בילד.

אין גאַליפּאָלי אין פעסטונג „מגדל עוז“. א צי-
מער, פערהילט אין א טיפען טונקעלן שאָטען
בעלויכטען דאָ און דאָרט מיט קליינע אייל-לעמפּ-
לעך, וועלכע הענגען אין דער הויך. אין די ווינק-
לען שטוב ברענט זיך אין כלים ווייהרויך, פון וועל-
כע עס שטייגען אויף גאַנצע וואָלקענס רויך און
שוועבען אין דער לופט ארום איבער מענש און
קאָפּ. אויף א טונקעלן זיץ רוהט שרה, געהילט
אין א טונקעלן שלייער, א קרוין אויף איהר קאָפּ.
נעבען איהר זיצט שבתאי צבי. ארום — די
„זעקס רעהרען פון דער מנורה“: אברהם
היכיני, שמואל פּרימו, מרדכי חסיד, מתתיהו
אשכּנזי, באשי יוסף רפאל, נתן עזתי, מקובלים,
נביאים און ערהויבענע. צווישען זיי רחל און
לאה, וועלכע שטעהען פוןביידע זייטען נעבען
שרה'ן.

אַ ל ע

קניהען און בויגען זיך פאַר שבתאי צבי.

געלויבט איז אונזער גאָט, געלויבט איז אונזער האַר, דער הייליגער קיניג, דער ערהויבענער מענש פון היינט ביז אייביג!

ש ר ה

שטעהט פאַר איהם.

עס גענעהנט דאָס יאָהר פינף טויזענד פיר הונדערט און אַכט פון גאָט בעשטימט, אין זיין היילינגען „זהר“ אָנגעזאָגט—דיין מלוכה איז נאָהנט, דיין הערשאַפט איז גאָהנט, דיין הערשאַפט קומט. דו ווערסט קומען איבער זיי, ווי אַ ווינט, דו ווערסט זיי אין דיין וואָלקען-קנאה איינפעסען.—מלכים, זאַמעלט אייך אונטער זיין באַרג איין! — גאָט וויל אייך דאָס קיניגרייך צעטיילען.

ש ב ת א י צ ב י

הויבט זיך אויף פון זיין שטול, דער עולם בויגט זיך צראָב.

איך, שלמה דער זוהן פון דוד, דער געזאַלבטער קיניג פון גאָט פון ישראל, רעגירער אין די הימלען אין דער הויך, אויף דער ערד אונטען, דער פאַרכטבאַרער, ערהויבענער איבער די קיניגען פון דער ערד—מיין אייביגער זיץ אין דער הייליגער הויך-געהויבענער שטאָדט ירושלים, בעשטימט צום רעזידענץ פון דער גאַנצער וועלט, אום צו גענעהנען דאָס יאָהר פינף טויזענד פיר-הונדערט אַכט, בעשטימט פון מיר איבערצונעמען די רעגירונג אויף דער ערד, און אויסצולייזען די וועלט פון פרעמדער געטליכער און קיניגליכער הערשאַפט, צו געמען אונטער מיין האַנד און מיין דערבאַרעמונג—צעטייל די קיניגרייכען פון דער וועלט צווישען מיינע אויסגעוועהלטע.

יוסף, מיין ערשטען ברודער, זאָלב איך צום קיניג איבער די ניינצעהן מלכים פון יודישען לאַנד, זיין אייביגער זיץ איז אין פעסטונג שומרון—געמאַכט צום רעזידענץ איבער די מלכים פון ישראל, און די גרויסע גאָלדענע קרוין אויף זיין קאָפּ.

יוסף צבי

פאלט צו די פיס.

זיי געלויבט. גאָט און ברודער.

שבתאי צבי.

אלי מיין צווייטער ברודער, אין איהם גיב איך די נשמה פון חזקיה דעם קיניג, און בעשטים איהם צום קיניג איבער די קיני־גען פון יהודה.

אלי צבי

פאלט צו די פיס.

זיי געלויבט, גאָט און ברודער!

שבתאי צבי.

רב משה, מיין ערשטען לעהרער פון סמירנאַ די שטאָדט, איהם קרוין איך צום קיניג איבער די שבטים ראובן און שמעון, וועלכע זענען אויף יענער זייט טייך.

די שומרים

פון דער טיר, קומען אריין, פאלען צו די פיס.

הייליגער קיניג, ערהויבענער מענש! אַ נביא איז צו דיר געשיקט, ער שטעהט אויף דער שוועל פון דיין טיר—און וויל דיך מאַכען הערען גאָטס וואָרט.

שבתאי צבי

האלב דערשראָקען.

אַ נביא פון גאָט, גאָטס וואָרט אין מויל?!

די שומרים.

פון גאַנץ ווייט איז ער געקומען צו דיר, פון דער מדינה פוילין־ ער האָט דיין ממשלה צווישען פעלקער און לענדער אָנגעזאָגט. יעצט שטעהט ער אונטער דער טיר פון דיין געצעלט, גאָטס וואָרט אויף זיין צונג. ער זאָגט, ער איז פון איהם צו דיר געשיקט.

שבתאי צבי.

איך וויל קיין נביאות נישט הערען, פון פרעמדע געטער צו מיר

געשיקט. איך האָב דעם באַנד צעריסען מיט דעם הימעל. דער הימעל— צו גאָט, די ערד—צום מענש. איך וויל זיין וואָרט ניט הערען!— מיינע אייגענע נביאים האָב איך.

אברהם היכיני.

מיר קענען ניט קיין אַנדערן גאָט אויסער דיר. זיין וואָרט און זיין מאַכט איז צו דיר געוואָרען איבערגעגעבען.

שבתאי צבי.

פערשליסט די טויערן, פערהאַקט די פענסטער! — איך וויל קיין פרעמדע ווערטער נישט הערען. — איך וויל יעצט אַליין זיין, די קיניגרייכען פון דער וועלט וועל איך אַן אַנדער מאָל צעטיילען, פערלאָזט מיך. אלע, אויסער שרה, פערלאָזען די שטוב.

שבתאי צבי

בעהאַלט זיין פּנים אין די הענד.

מיר טוט באַנג, איך האָב גאָטס וואָרט פערטריבען פון מיר.

שרה

נעמט איהם איין אין זיך.

דו האָסט די מאַכט, דיין פאָרכט איז געפאַלען אויף וויט און ברייט, דיין כבוד געהט, ווי אַ נביאות, איבער די וועלט אַרום, און עס בויגען זיך קעפּ פאַר דיר. דיין קומען איז די האָפּענונג פון פאָלק,—וואו דיין נאָמען האָט דערגרייכט, האָט עס ליכט אין הימ-לען געצונדען... מיט דיר איז די מאַכט, דו האָסט די קראַפט, דו ביסט צום גאָט פון די ערד געוואָרען,— דאָס פאָלק בעט צו דיר.

שבתאי צבי.

מיר טוט באַנג, איך האָב גאָטס וואָרט פערוואָרפען, דעם הימעלס טאָכטער פערשטויסען. זענען מיר די הימלען געוואָרען פערמאַכט, איך קאָן מעהר צו זיי נישט דערגרייכען.

שרה.

איך בין די ערד-טאָכטער, איך האָב דיר די ערד צו נדן געגעבען. קום—איך וועל דיר מיינע הערליכקייטען ווייזען.

שבתאי צבי.

איך בענק,—דער הימעל איז הויך און ריין, די ערד איז נידעריג און שמוציג. איך בין דער חתן פון גאָטס טאָכטער געווען—איך האָב מיין כלה פון אונטער מיין חופּה פערוואָרפען, איך האָב איהר בעט מיט אַן אַנדערער געטיילט. איך בענק—דער הימעל איז הויך און ריין...

שרה.

די ערד איז נידעריג, אָבער שען. איך בין איהר טאָכטער, דו האָסט מיך אונטער דער חופּה געפיהרט, פון דיין וויין מיר געגעבען צו טרינקען—קום, איך וועל דיך אין מיינע פלעצער פיהרען! פון אתרוגים וועל איך דיר וועלדער פלאַנצען. אויף מיינע האָר וועל איך דיר אויסבעטען. מיט מיין ברוסט וועל איך דיך וואַרימען. דער קוואַל, פון שטיינער געגאָסען, וועט דיר צום שלאָף איינזינגען, די וועלדער וועלען דיך צום שלאָף איינוויגען.—איך וועל אין דער וועלט געהן, מאַן און ווייב מיט מיין קול פאַנגען און דיר אונטערטעניג מאַכען.

שבתאי צבי

ליגט אין איהרע אָרעמס.

איך בענק,—דער הימעל איז הויך און ריין. מיין כלה וועבט איהר קלייד פון הימעל־שטאָף,—און בעהאַלטען זיך אין די וואָלקען טיף הינטער איהר פאָטערס כבוד־שטול

שרה.

פון די טרערען־גלעזער, אין די קברים בעהאַלטען, וועל איך דיר פּאַלאַצען מאַכען, און רויזען־פעלדער, און טענען־וועלדער. איך וועל אין מיין טאַטענס גאָרטען געהן, די ציגען עסען די טרויבען, דער וויין רינט איבער זייער מויל, מילך רינט פון זייער ברוסט,— וועל איך מיך אין מילך און האָניג וואַשען, אין פעדערן וועל איך מיך פוצען, אין פערלען וועל איך מיך שמוקען.—ווי דער ים זענען זיי אויף מיין האַלז. ווי די שטערן אין די ארץ־ישראל־נעכט זענען זיי אין מיינע האָר. ווי דער שוים פון ים שימערן זיי אין מיינע נאַקעטע פיס. אויף די בערגער וועל איך מיט דיר שטייגען, אין די וועלדער וועל איך מיך מיט דיר בעהאַלטען, אין דער טונקעלער

נאַכט, אין ברויזענדען ווינט. אַ פערשלאָסענער גאָרטען, אַ פערשלאָסענער קוואַל איז דיין כלה־שוועסטער. קום, מיר וועלען זיך אין די גערטענער בעהאַלטען,—די טרויבען זענען צייטיג, דער פייגענבוים שמעקט. מיר וועלען זיך קלייבען קליינע, פיקטעלעך כאַפּען...

**ש ב ת א י צ ב י**

אין איהרע אָרעמס.

מיין כלה האָט זיך אין די וואָלקענס בעהאַלטען... ציה מיך,—איך געה נאָך דיר! האַרץ מיך מיט איין דיין אויג, האַרץ מיך מיט איין דיין צאָפּ! ליגט אין איהרע אָרעמס.

**ש ר ה**

האַלב זינגענדיג.

איך שלאָף—מיין האַרץ איז וואַך, די שטים פון מיין פריינד קלאַפּט אין טיר: „מיין שוועסטער, עפען מיר, מיין טייבעלע, מיין פריינדין! מיין קאָפּ איז פול געוואָרען מיט טוי, מיינע לאָקען מיט נאַכט־טראָפּענס".—כ'האָב אויסגעטאָן מיין העמד, ווי אַזוי קאָן איך עס צוריק אָנטון? כ'האָב אָבגעוואַשען מיינע פיס,— ווי אַזוי קאָן איך זיי צוריק פערשמוצען?

**ש ב ת א י צ ב י**

וועקט זיך פּלוצלונג אויף.

ווער בעטרעט מיין געצעלט? כאַפּט אָן שרה'ן פאַר די הענד. דו הערסט?— גאָטס וואָרט געהט אַרום אין מיין שטוב. פערשליסט די טויערן, פערהאַקט די פענסטער,—איך וויל גאָטס וואָרט נישט הערען!

עס יאָגט אַ ווינט פון אַלע פיר זייטען—עס לעשט די ליכט אויס, אין שטוב הערשט אַ טונקעלהייט.

**נ ח מ י ה ' ס**

קול פון ווינט געיאָגט.

בחנם טוסטו דיינע טויערן פאַר גאָטס וואָרט שליסען! וואו וועסטו זיך בעהאַלטען פאַר גאָט? אין דעם שפּאַלט פון שטיין וועל איך דיך געפינען, אין דער טיפעניש פון הייל טו איך מיך געפינען, זאָגט גאָט!

**ש ב ת א י צ ב י.**

איך האָב מיך פון דיר בעפרייט, איך האָב הימעל פון ערד געשיידט, איך בין צו גאָ[illegible]...

## נחמיה הכהן

ערשיינט אין זיין ווייס געוואנד.

אַזוי טוט גאָט זאָגען: איך נעם פון דיר די קראַפט, איך נעם פון דיר אָב מיין וואָרט, איך האָב מיך בעדענקט איבערצוגעבען מיין וואָרט דעם מענש. וואָרום ערדיש איז דער מענש, און צום ערדישען איז זיין פערלאַנג, פון דער ערד קומט דער מענש, און צו דער ערד געהט ער צוריק...

פאַרהאַנג.

# דריטער אקט.

## ערשטער בילד.

אַ גרויסער ברייטער פּלאַץ אַרום דער פעסטונג „מגדל עוז“. עס איז ראש השנה פון דעם אָנקומענדיגען משיח-יאָהר פינף טויזענד פיר הונדערט און אכט. יודען פון פערשיידענע געגענדען און לענדער, ספרדישע, תימנ׳ער און פויליש-דייטשע. די אָנהענגער פון שבתאי צבי בעלעגען אַרום דאָס פעלד און די הויכע גרויע מויער פון פעסטונג. אַן עדה יודען, אין ווייסע קיטלען און טליתים אָנגעטאָן, שטעהען אויף איין אָרט, ווי אַ וואַלד ווייסע בוימער, און דאַווענען שטעהענדיג אויף איין אָרט און שאָקלען זיך. אַן אַנדער עדה רייניגען זיך פון די זינד, אום צו געגעהנען דאָס קומען פון משיח׳ן. אַנדערע זענען איינגעגראָבען אין דער ערד ביז צום האלז און זינגען מיט אַ מיסטישען און טרויעריגען נגון: „שוכני בתי חומר“. אַנדערע ווייטער ליגען אויף דער ערד און לאָזען זיך שלאָגען פון זייערע חברים מיט אַ פּאַסיק די ארבעים מלקות, זאָגענדיג ודוי, און קלאַפּען זיך אין די הערצער. דאָ און דאָרט זעגען גרופּעס יודען פערזאַמעלט אַרום אַ נביא אָדער אַ נביאה׳טע, וואָס איז מבשר אין משוגענער בעוועגונג דאָס קומען פון משיח. אַ הויכע בימה פאַר דער פעסטונג איז אָנגעגרייט פאַר משיח און זיין סוויטע.

דער עולם זינגט.

שוכני בתי חומר,
למה תשאו עין,
ומותר לאָדם מן הבהמה אָין.
טוב יש לדעת,
כי אַנחנו תולעת,
גב חומר גבנו.
ואיך יגבה לבנו?
מה יתרון לגבר
ואחריתו לקבר.

די יודען, אין ווייסע טליתים געהילט, שטעהען און דאוונען, שאָקלען זיך אַהן ווערטער, דער חזן מיט משוררים זינגען פאַר זיי.

אלהינו ואלהי אֲבותינו. תקע בשופר גדול לחרותנו, ושא נס לקבץ גליותנו, וקרב פזורינו מבין הגוים ונפוצותינו כנס מירכתי אָרץ, עד בואנו לציון עירך ברינה, ולירושלים בית מקדשך בשמחת עולם.

דאָ און דאָרט ליגען יודען און לאָזען זיך שלאָגען פון זייערע שמייסערס מיט פּאַסקעס, קלאַפּענריג זיך אין די הערצער.

אוי, רבונו של עולם! הייליג דיין נאָמען, בעוויז דיין גלאַנץ!

א גרופּע פּוילישע יודען שטעהען אַרום.

צוויי משולחים

פון לעמבערג לעזען א בריעף.

„אַזוי ווי איהר פרעגט און פאָרשט נאָך איבער וועגען די ציגע-לעך, וואָס רב ישראל דער ירושלמ׳ער, דער זוהן פון אַברהם נ״י פה קאָנסטאַנטין האָט געקויפט, און עס איז אַריינגעפאַלען אַ מחלוקת צווישען די קרובים, וואָס זיי זאָגען, אַז די מכירה איז געוועזן אַ שלעכטע, און דער מקח איז אַ מקח-טעות, זאָלט איהר וויסען זיין, אַז די סחורה איז אַ חשוב׳ע סחורה. און זי געהט אין יעדער מדינה, און ווער עס לאָזט אַרויס אויף איהר אַ שלעכטען שם, דער איז עתיד לתן את הדין, און אַזוי ווי עס האָבען זי אָבגעשאַצט

מענשען סוחרים, גרויסע בקיאים אין משא ומתן, איז בטוח, אַז עס וועט זיין אַ גרויסער ריוח. מען דאַרף נאָר אָבוואַרטען, ביז עס וועט קומען דער גרויסער יריד אי"ה דאָס יאָהר, און מען וועט זי פערקויפען פאַר גוט געלד"...

אייגער צום אַנדערן.

פערשטעהסט, ר' ישראל דער ירושלמ'ער, דער זוהן פון אַברהם!

אַן אַנדערער

שטעקט אריין דעם קאָפּ.

וואָס מיינט ער דאָס אַזעלכעס „די ציגעלעך"?

דער זוהן פון בעל טורי זהב

ביט זיי צו פערשטעהן מיט אַ גמרא-נגון.

נו עס איז דאָך בדרך רמז. ר' ישראל מיינט ער דעם משיח'ן שיחיה; די ציגעלעך, דאָס זענען מיר, יודען. און אַזוי ווי עס האָבען טייל אַרויסגעלאָזט, אַז דער מקח איז געווען אַ מקח-טעות, מיינט ער, אַז דער משיח איז חלילה אַ פאַלשער, זאָגען עדות אַנשים בקיאים במשא ומתן, מיינט ער, גרויסע גוטע יודען, חסידים ויראי שמים, אַז די סחורה איז אַ חשוב'ע סחורה, נאָר מען דאַרף נאָך אָבוואַרטען דעם גרויסען יריד — וואָס וועט אי"ה אין דעם יאָהר, מיינט ער, אַז עס וועט קומען די ריכטיגע מינוט — פון זיין ממשלה, וועט זיין אַ גרויסער ריוח. פערשטעהסט דו שוין?

דער ערשטער

פערשטעהט.

אהאַ! געהען דורך.

אַן אַנדער גרופּע

אַ נביא צום פאָלק.

דער טאָג איז געקומען, דאָס אָנהויב יאָהר, פינף טויזענד פיר הונדערט און אַכט — דער קיניג געהט זיין מלוכה איבערנעמען. היינט איז זיין טאָג, היינט קומט צו איהם זיין מאַכט!

אַ גרופּע יודען

שלאָגען זיך אין די הערצער, ליגענדיג אויף דער ערד.

לאָזען מיר רייניגען אונזערע לייבער, לאָזען מיר לייטערן אונזערע נשמות! משיח'ס טאָג קומט — זיין טאָג איז דאָ, זיין טאָג איז דאָ!

עס קומט אָן אַ לאַנגע פּראָצעסיע פון יונגלעך און מיידלעך, געפיהרט דורך אַ לאַנגער חופּה, מחותנת'טעס און מחותנים טאַנצען פאַראויס פאַר די קינדער. זינגען.

פיהרט די קינדער אונטער דער חופּה, מאַכט'ס די נשמות רייך, וואָס געפינען זיך נאָך אונטער דעם כסא הכבוד! משיח קומט, — די מתים שטעהען פון די קברים אויף, עס קומט דער טאָג, פון גאָט בעשטימט. ער לעבט, אונזער קיניג, ער לעבט, אונזער האַר —

געהען דורך.

## אַן אַנדער גרופּע

געפיהרט דורך אַ האַלב נאַקעטער פרוי, טאַנצען ארום איהר דורך האַלב פערווילדט. זינגען.

רייסט די דעכער פון די הייזער, פערברענט האָב און גוטס! גאָט האָט זיך אין די הימלען צוריק געצויגען, וועלט און מענש משיח'ן איבערגעגעבען. רייסט די בענדער, שניידט די רצועות, געשטאָרבען איז דאָס געזעץ, געמעקט דאָס וואָרט, פריי דאָס פערבאָטענע, אָפען דאָס גע'אַסר'טע!

לויפען דורך, אָב.

אויף דער ביהנע ווייזט זיך נתן עזתי און שמואל פרימו.

דאָס פאָלק.

שווייגט'ס, דער נביא ווייזט זיך, נתן הנביא! אָ, גרויסער לעהרער— זאָג אונז, וואָס גאָט האָט צו דיר געזאָגט!

נתן עזתי.

גאָט האָט מיך צו אייך געשיקט. ער לאָזט אייך זאָגען: שוין באַלד וועט איהר נישט דאַרפען אייערע לייבער פּייניגען! היינט איז דער טאָג ראש השנה פון יאָהר פינף טויזענד פיר הונדערט און אַכט, פון מיר בעשטימט — מיין געוועלטיגקייט איהם איבערצוגעבען. עס וועט קומען איבער איהם זיין גייסט, ער וועט בלאָזען מיט דעם גרויסען שופר — אייך צוזאַמענעמען פון אַלע פיער עקען וועלט און איינזאַמלען אייך אונטער דעם הייליגען באַרג ירושלים. ער וועט נעמען פון דעם סולטאַן זיין קרוין און אָנטון זי אויף זיין קאָפּ. לויבט זיין נאָמען!

עס ווייזט זיך שבתאי צבי אין בגדי מלכות אין א גרויסער קרוין אויף זיין קאָפּ, גע-צווּנגען פון שרה׳ן, זעצען זיך ביידע אויף דעם שטול. דאָס פאָלק יובעלט זיי אקעגען.

## דאָס פאָלק.

גלעליבט איז אונזער האַר, געליבט איז אונזער קיניג, געליבט איז אונזער העלפער, דער געזאַלבטער פון גאָט צו יעקב! עס זאָל ווערען דערהויבען זיין שענקייט, דערהויך זיין קיניגרייך, זיין האָרן זאָל ווערען דערהויבען אין כבוד, און זיין שטול זאָל זיין גרייט ביז אייביג!

עס קומט אַן א דעפּוטאַציע פון אַמסטערדאַמער ספרדישע יודען, אַן דער שפּיץ יצחק נהר און אברהם פּירייראַ. קניהען און בוקען זיך פאַר שבתאי צבי און לעזען איהם פאַר אַן אדרעסע.

## יצחק נהר

עפענט אויף דאָס פּאַפּיר און לעזט.

צו דער זייט פון דער דערהויבענער הייליגקייט, דער שענקייט פון די יודען. מיר אַלע, ווי איינער, צייכענען מיר זיך אויף א וואָהרען שריפט, אַז מיר גלויבען אין דעם, וואָס מען האָט אונז מבשר געווען, און מיר נעמען אויף זיך מיט ליבשאַפט דעם יאָך פון דיין געטליך, הייליג קיניגרייך. נאָר איינס פערלאַנגען מיר פון אונזער האַר, דעם קיניג, וויז אונז דעם וועג, אין וועלכען מיר זאָלען געהן: צי זאָלען מיר איילען אויפשטעהן און אויפצוגעהן נאָך בית־אל, אָדער מיר זאָלען וואַרטען אויף גאָטס הילף, ביז דער טאָג פון איינזאַמלען מיט זיין שופר אונזער פערטריבענע-שאַפט? מיר ווייסען נישט, וואָס צו טון, — צו דיר זענען אונזערע אויגען געווענדט. אין דעם סוף פון אונזערע ווערטער איז צו זאָ-גען, אונזער האַר, אַז נישט בלויז אויף אונז אַליין שיקען מיר און פרעגען און בעטען, נאָר אויף אַלע יודען, דיינע קנעכט פון די אויסגעטריבענע פון הישפּאַניע, וואָס זיצען היינט דאָ מיט אונז. אַלע, אַזוי ווי איינס, בוקען מיר זיך און קניהען פאַר דעם בכבוד׳ען שטול פון דעם קיניג אונזער הירט, און אויפ׳ן הייליגען באַרג אין ירושלים זאָל ווערען געליבט דיין נאָמען אויף אייביג, אונזער קיניג!

נתן עזתי

צו שבתאי צבי.

זעה, דאָס פאָלק וואַרט אַרום דיר. עס האָט דערגרייכט דיין טאָג. נעם דעם שופר אין דער האַנד און בלאָז! בלאָז אויף מזרח, בלאָז אויף מערב! און זאָג אָן, אַז דער גרויסער טאָג איז געקומען — טו אָן ־יי קרוין אויף דעם קאָפּ. — דאָס פאָלק ליגט פאַר דיינע פיס און וואַרט אויף דיין וואָרט.

שבתאי צבי.

איך האָב דעם פאָלק קיין וואָרט ניט צו זאָגען, ניט קיין מאַכט איהם שופר צו בלאָזען. איך האָב געהאַט אַ גאָלדענע קרוין, פון מיין כלה דער תורה געשענקט — האָט מען מיר זי אַוועקגענומען. איך האָב געהאַט אַ גאָלדענעם שופר — מזרח און מערב צוזאַמענ־צובלאָזען — איז ער מיר אַוועקגעקומען, איך ווייס נישט, ווי איהם צוריק צו געפינען.

שרה.

איך האָב דיר די מצוה אַוועקגענומען — דיר די עברה איבערגע־געבען. איך האָב דיר דאָס אייביגע לעבען געראַבט, אָבער פאַר דעם דיר דעם טויט געשענקט. דיך פון דעם הימעל אַראָבגעצויגען — אָבער דיר די ערד צו פוסען געלעגט. דעם הייליגען גייסט פון דיר פעריאָגט — דער שטן שטעהט דיר צום דינסטען. זי ווייזט אויפ׳ן פאָלק. זעה די נשמות, וואָס ער האָט דיר געזאַמעלט. עס יאָגט נאָך דיר, עס בענקט נאָך דיר. וואַרף דיין וואָרט אין זיי, און דאָס וועט שטורעמען, ווי בלוט אין פייער געצונדען!

שבתאי צבי.

צעטרייבט דאָס פאָלק, צעיאָגט דעם המון! — איך האָב דעם פאָלק ניט קיין וואָרט צו געבען, ניט קיין מאַכט איהם צו צייגען. — איך האָב גאָטס וואָרט פערגעסען, פערלוירען. איך ווייס נישט, וואָס זיי צו זאָגען.

שרה.

דער שטן האָט דיר אַן אַנדער וואָרט אין מויל געגעבען, דיך צו גאָט פון דער וועלט געמאַכט. צו נתן עזתי. נעם דעם שופר אין דער האַנד, בלאָז אויף רעכטס און לינקס, גאָטס קומען זאָג אָן! גאָט

איז געקומען צו אונז אין מענשליכער געשטאַלט צו הערשען. פאַלט צו די קניה, יונג און אַלט! שרה און שמואל פרימו פאלען פאר איהם אויף די קניה. שרייען אויס, אָט איז אונזער קעניג און גאָט! זיי ווייזען אויף שבתאי צבי. נתן עזתי בלאָזט א לאנגע תקיעה.

## דאָס פאָלק

יובעלט.

דער שופר של משיח, דער שופר של משיח!

## נתן עזתי

ער ווייזט אויף שבתאי צבי.

זעהט אײַער פּראַכט! יעצט איז געקומען זיין צייט, זיין ממשלה!

## שבתאי צבי

שטעהט אויף און שרייט.

איך האָב געהאַט אַ גאָלדענע קרוין, איך האָב זי פערלוירען. איך האָב געהאַט גאָטס וואָרט, איך האָב עס פערגעסען. איך האָב ניט קיין וואָרט פאַר אַיך, איך האָב ניט קיין מאַכט!

## דאָס פאָלק

שרייט איהם איבער.

העלפער און געזאַלבטער צו גאָט פון יעקב, זיי געלויבט, זיי געלויבט! אין פאָלק איז ווי א ווינט פון צעלאָזענקייט און ווי אַן אויסגעלאסענקייט וואָלט אריינגעקומען אין איהם. טאנצען אין ווילדען עקסטאז, עס מישען זיך אויס גרויס און קליין, מענער און ווייבער, יונג און אלט, כאפען זיך ביי די הענד, רייסען די קליידער פון די פרויען. טייל פאלען צו דער ערד און רעדען פון ענטוזיאזם און היץ. טייל נעמען זיך אָן ביי די הענד און טאנצען ארום נאקעטע ווייבער. עס יאָגען זיך מענער נאָך פרויען, כאפען זיי ביי די הענד און זינגען הויך אויפ'ן קול. ווייסט די דעכער פון די הייזער, פערברענט האָב און גוטס! גאָט האָט זיך אין די הימלען צוריקגעצויגען, וועלט און מענש משיח'ן איבערגעגעבען. שניידט די רצועות, רייסט די בענדער! געשטאָרבען איז דאָס געזעץ, געמעקט איז דאָס וואָרט, פריי דאָס פערבאָטענע, אָפען דאָס גע'אסר'טע! זיי געלויבט, זיי געלויבט!

**נחמיה הכהן**

ווייזט זיך פלוצלונג אויף א בערגעל צווישען עולם. רופט.

יעהט איהר דען נישט, אז ער איז האָלץ און שטיין? גאָטס וואָרט איז פון איהם גענומען געוואָרען. וועה צו אייך, צו וועמען טוט איהר בעטען, אויף וועמען קוקט איהר נאָך הילף אויס? נאָך אַ פער־גאַנגענעם מענשען! זיינע טעג זענען געצעהלט — אָט, זעהט, וואָס אייער האָפענונג ווערט! ער ווייזט זיי אויף די טערקישע סאָלדאטען, וואָס קומען אָן צו געהן. דאָס פאָלק אין אויפרעגונג.

**נתן עזתי**

שרייט.

ער וועט דעם שונא טויטען מיט זיין בליק — אָט ווייזט ער אייך זיין וואונדער. צו שבתאי צבי. נעם דעם שופר אין דער האַנד — דאָס פאָלק וואַרט!

**שבתאי צבי**

רופט ארויס.

איך האָב קיין וואָרט, איך האָב קיין מאַכט. איך ווייס נישט, וואָס אייך צו זאָגען. וויל אראָב פון די בימה, — דאָס פאָלק אין גרויסער אויפרעגונג. דאָס טערקישע מיליטער רינגעלט ארום די בימה, — דאָס פאָלק ווארט אויף א נס. שבתאי צבי גיט זיך אונטער —

**דאָס פאָלק**

שרייט אויס א גרויס ביטער געשריי.

אונזער האָפענונג איז פערלאָרען!

פארהאנג.

# דריטער אקט.

## צווייטער בילד.

אַ ריכטער־צימער ביים סולטאן מחמד IV. שבתאי צבי, חכים באשי גוידאם.

## חכים באַשי גוידאַם

*צו שבתאי צבי, וועלכער שטעהט אין דער וואך פון צוויי טערקישע זעלנער.*

ווער ביסטו? פון וואָס שטאַמט דיין קראַפט? אונזערע זעלנער זענען פאַר דיר דערציטערט געוואָרען. די שטריק אין זייערע הענד, צו דיר געבערענגט, דיך צו בינדען, זענען ווי אין פלאַמען פייער פערברענט געוואָרען. דעם סולטאַנס טשאַאָטש׳ס, צו דיר געשיקט, דיך אין געפענגניש צו נעמען, — אויף דיין פנים געבליקט, זענען זיי דיר צו די פיס געפאַלען, זייער געביטערס וואָרט פער־לוירען און דיך בעטען אָנגעהויבען. דיין געפענגעניש אויף דיר — האָבען זיי דיר צום פאַלאַץ איבערגעמאַכט — און ווי נאָך אַ גאָט זענען נאָך דיר נאָכגעגאַנגען קליין און גרויס. און מיט אַמאָל איז דיין קראַפט גענומען געוואָרען. ווער האָט געלאָשען גאָטס ליכט פון איבער דיין פנים? ווער האָט דיינע אויגען פערשלאָפען געמאַכט? דיינע הענד, ווי שמשון — נאָך די האָר געפאַלען פון דלילה׳ס האַנד? — ווער ביסטו? צי האָט זיך אפשר גאָט אָן זיין פאָלק דערמאָנט, און דיך צו זיי פאַר אַן אויסלייזער געשיקט? זאָג, — איך בין פון דיין שטאַם, איך בין צו אַן אַנדער גאָט איבערגעגאַנגען, צום סולטאַנס דאָקטאָר געוואָרען, אָבער מיין האַרץ איז נישט פערדרעהט געוואָרען, מיין בלוט געענדערט, ניט מיין הויט געטוישט. איך הענג אָן מיין שטאַם, ווי אַ בוים אין אַ פרעמד לאַנד גע־פלאַנצט — בענק נאָך זיין וואַלד, נאָך זיין הימעל און ערד. איך בין גע־קומען דיר דאָס זאָגען. דער גאַנצער הויף ציטערט פאַר דיר, דער סולטאַן פרעגט נאָך דיר, זיינע אונטערטאַנען דערצעהלען פון דיר, ווי פון אַ גאָט. בעוויַיז דיין קראַפט נאָך אַמאָל! ווי שמשון, כאַפּ אָן די זיילען פון דעם הויז מיט דיינע הענד און שטאַרב איינאייגעם מיט זיי; ציַינד אָן נאָך אַמאָל דאָס געטליכע ליכט און דיינע אויגען, און זאָל שיינען נאָך אַמאָל גאָטס שכינה איבער דיין געזיכט. בע־פעהל — און עס געהאָרכט דיר קרוין און דינער! עס בלאָזען טרומייטען. דאָך, איך הער שוין די טרומייטען בלאָזען, דער גע־

ביטער פון לאַנד קומט צו דיר—זיי אַ גאָט, דו מענש! ער דערוואַ־
טערט זיך פון שבתאי צבי.

שבתאי צבי
אליין.

איך האָב דיך דערציטערט, אָ דו מענשען-שעפער! דו האָסט געזעהן מיין הערשאַפט, וואָס איז אַרויסגעוואַקסען פון דער קראַפט, וואָס דו האָסט מיר איבערגעגעבען. און מענש האָט אָן דיר פערגעסען און זיך זיין גלייכענס צו בעשעפער געמאַכט. עס איז דיר וועניג די הימלען אויבען—די מלאכים מיט זייער אייביגען לויב-געזאַנג, דו ווילסט די ערד, דו ווילסט דעם מענש מיט זיין טויט. דיך רייצט דעם מענשענס ווילען, און דו ווילסט, אַז ער זאָל דיר די עברה צום קרבן ברענגען... דיך ציהט נישט דעם מלאכס גוטסקייט, דיר קלינגט נישט דעם מלאכס לויב—קיין ווילען איז אין זיין האַרץ, קיין שלעכטס איז אין זיין מאַכט נישט צו טון. ער האָט קיין זין ניט פאַר ווידערשפעניגקייט, נאָר פרומקייט אין צדקות—דאָס איז זיין בערוף. דיך רייצט, ווי דעם מענש, אַ ווילען. דו האָסט אַ יצר־הרע צו דעם מענשענס יצר־הרע. דיר ווידערצושפעניגען איז זיין פערלאַנג—דו ווילסט אָבער זיין לויב. צו שלעכטען ציהט זיין האַרץ, דו ווילסט פון איהם דאָס גוטע. און דו האָסט איהם די מצוה און עברה געגעבען, פאַר דער מצוה דאָס אייביגע גן-עדן, פאַר די עברה דאָס אייביגע גיהנם מבטיח געווען... און דו האָסט מיר די קראַפט געגעבען דיר נשמות צו געווינען, מענשען-טויטס דיר אונטערטעניג צו מאַכען, און מיט מענשען-געזאַנג דיך צו לויבען.
און אַז דו האָסט געזעהן, אַז דער מענש דערהויבט זיך פאַר די מענשען צו גאָט, האָסטו פון מיר דיין קראַפט גענומען. מיר דיין ליכט פון מיינע אויגען געלאָשען, דיין גלאַנץ, אויף מיין פנים געלויכטען, פערמונקעלט,—און דו ווילסט מיך אין דעם מענשענס האַנד איבערגעבען, מיך אין זיינע אויגען צום שאַנד און שפּאָט צו מאַכען, דערמיט צו דערהויכען דיין נאָמען?—ניין! אויף מיין הויט איז דיין זאַלב געווען, איך וועל מיך נישט לאָזען פון דיר אין מענשענס אויגען צו שאַנד און שפּאָט מאַכען. דאָס געטליכע האָסטו פון מיר גענומען—אָבער דאָס מענשליכע איז מיר נאָך געבליבען.
די מצוה האָסטו מיר גערויבט, די הייליגקייט פון אויגען גערויבט—

אָבער די עברה איז מיר נאָך געבליבען, און מיט איהר וועל איך דינען דעם, וואָס האָט די מאַכט איבער דעם מענש היינט און איך דער וועלט!

עס קומט אריין דער סולטאַן מחמד IV מיט זיין סוויטע. דער אויבערפריסטער, מופטי וואַנני, חכים באשי גוידאם, דער קיימאַקאַם פון אדריאַנאָפּאָל. זיי האַלטען זיך אַלע פאַרזיכטיג קעגען שבתאי צבי, און מען דערקענט אין זיי אַ געוויסע אומבעוואוסטע פאַרכט פאַר איהם.

דער קיימאַקאַם פון אדריאַנאָפּאָל

שטעלט פאַר שבתאי צבי דעם סולטאַן.

דאָס איז דער מענש, וועלכער האָט אויפגערודערט דיין קיניגרייך, גרויסער סולטאַן. זיך פאַר אַ הערשער געמאַכט אין דיין קיניגרייך, זיך אַליין פון די מענשען צו דינען געהייסען, אויסער דיר, גרויסער סולטאַן.

סולטאַן מחמד

פון דערווייטען צו שבתאי צבי.

ווער ביסטו דאָס אַזעלכער, וואָס דו האָסט געהאַט די קראַפט צו ציהען מענשען נאָך דיר, זיי זאָלען גלויבען אין דיר און זאָלען דיך פאַר אַ קיניג מאַכען? — וואָס דו האָסט געהאַט די קראַפט צו־צוציהען צו דיר די גלויביגע אין אַלאַ און אין מחמד זיין נביא, זיי זאָלען אין דיין כשוף גלויבען? אין וואָס בעשטעהט דיין קראַפט — אין הייליגקייט, אָדער אין דער טומאה?

שבתאי צבי

עס דערוועקט זיך אין איהם פלוצלונג זיין פריהערדיגע קראַפט.

ווער איך בין? איך בין צום גאָט פון דער ערד געגעבען, איך בין צום בעפעהלער איבער מענש און זיין קיניג געשטעלט. מיין צייט איז געקומען, עס האָט זיך געענדיגט מיין אונטערטעניגקייט. — מיין הויט איז געוואָרען געזאַלבט פון דוד׳ס זאַלב — דורך דעם נביא פון גאָט פון יעקב, צו מיר געשיקט, בין איך דער משיח פון גאָט גע־וואָרען. צו מיר געהערט די וועלט, און איך בין געקומען צו דיר די קרוין פון דיר אַראָבנעמען. אלע ווערען דערשראָקען פאַר איהם, רוקען זיך אָב מיט כבוד פון איהם. טייל לאָזען זיך שוין אויף די קניה פאַר איהם. שבתאי צבי פערלירט זיין קראַפט. ער ענדערט זיין שטים, בעטענדיג זיך

און אײנקאָרטשענדיג זיך פאַר דעם סולטאַן מיט תחינה און בקשה. גרויסער גע־ביטער, מײן האַר און קיניג! זײ מיר מוחל, איך בין אַן אָרים, אַן אָרים יודעל, וואָס לעבט נאָר אין דעם זכות פון דײן גוטסקײט, וואָס וואַלגערט זיך אַרום ווי אַ שטרוי אין דײן הערשאַפט, גרויסער סול־טאַן! און לעבט פון דעם, וואָס דו טוסט מיט דײן חסד שענקען דײן זון איבער איהם. אַן אָרים, אָרים יודעל בין איך, וואָס איך בין נישט ווערט, אַז דער קיניג זאָל דערויף זיך אַרומקוקען. בין פון ארץ־ישראל געפאָהרען געלד פאַר אָרימע יודעלעך צוזאַמענצו־נעמען, וואָס לעבען אין דײן קיניגרײך, גרויסער סולטאַן... ער קוקט זיך מיט אַמאָל אום, ציהט שטארק אויס די הענד און קוקט אַרום אויפ׳ן עולם. דער עולם ווערט בלײך. ער פערלירט ווידער זײן כח. איך קען קײן אַנ־דער געביטער, קײן אַנדער האַר נישט, אויסער דיר, מײן גרויסער קיניג! דײן גלויבען איז מײן גלויבען, דײן גאָט איז מײן גאָט: בעפעהל, — און איך וועל קושען די פיס פון דײן הײליגען פריס־טער מופטי־וואַנגי. ער פאַלט צו די פיס פון פריסטער מופטי־וואַנגי. אָ הײליגער כהן! נעם מיך אַרונטער אונטער די פליגעל פון דײן הײליגען גלויבען! לאָז אַלאַ איבער מיר זײן השגחה האָבען—און מחמד׳ס גײסט זאָל איבער מיר קומען. ער כאַפּט אראָב אַ טערקישען טורבאַן פון אַ נעבען־שטעהענדען דערוויש און טוט זיך אָן אויפ׳ן קאָפּ און שרײט הויך. אַלאַ איז דער אײנציגער גאָט, מחמד זײן אײנציגער נביא!

**דער סולטאַן**

גרײכט איהם די האַנד.

לײטזעליגקײט האָסטו געפונען אין מײנע אויגען — און מײן חסד וועט קומען איבער דיר. מחמד עפענדי וועט פון הײנט מאָל אָן הײסען דײן נאָמען, און מײנע שענסטע שקלאַפין זאָל דיר צום ווײב זײן.

פאָרהאַנג.

# נאכשפּיעל.

א הויכער, ווייסער בארג, בעלעגט איינגאנצען מיט ווייסע שטיינער־מצבות. דאָ און דאָרט קוקען ארויס אייל־בוימער, בעשיט מיט ווייסע שטויב און דורכגעבּרענט פון דער זון. פון אלע זייטען קומען אָן צו לויפען ווייסע שטעגען און פיהרען ארויף אויף דעם שפּיץ בארג, וועלכער איז ניט צו זעהן. הארט צופוסענס בארג שטעהט א שווארצע וואנט מיט צוויי טויטע נאבּטלעכער. ביי דער וואנט אויף דער ערד זיצט נחמיה הכהן אין זאָקען, האלט א ספר אין דער האנד און שאָקעלט זיך איבער איהם אָהן ווערטער. עס איז פאר א שטורעם. דער בארג איז בעדעקט מיט א שרעקענדיגער העלקייט, וואס איז פאר א שטורעם.

א לאנגע ווילע זעהט מען קיינעם ניט. עס ווייזט זיך אָן אַלטער, הויכער יוד מיט א לאנגער, ווייסער באָרד, א פּעקעל אויף דער פּלייצע, מיט א שטעקען אין דער האנד, בלאָנדזשעט ארום אין די וועגען. ער וויל אַלץ צו צום בארג, ער ווערט אָבער יעדעס מאָל פערבלאָנדזשעט אין אַן אנדער וועג, קומט אָן אויף א וועג אין פאָדערגרונד.

דער אַלטער יוד.

צי האָט איהר נישט געזעהן? אָדער האָט איהר נישט געהערט? — מען האָט געזאָגט, משיח איז געקומען, יודען פון דער גאַנצער וועלט פערזאַמעלט אַרום דעם באַרג אַהער. ער ווייזט אויפ׳ן שפיץ פון באַרג.

ער׳ וועט אויבען שופר בלאָזען, די טויטע וועלען פון די קברים אויפשטעהן. — צי האָט איהר נישט געזעהן? צי האָט איהר נישט געהערט? דרעהט זיך ארום אויף דעם וועג.

ווער קאָן מיר אַ וועג אויף דעם באַרג ווייזען? — איך וויל אין דער הויך צו משיח׳ן געהן. ווער קאָן מיר ווייזען?... האָט איהר נישט געהערט, האָט איהר נישט געזעהן?

פון דעם באַרג קומט אָן אַ ווילדער ווינט בעגלייט פון אַ ווילדער תאוה׳שער מוזיק. שרה אין צעפלאָשעטע האָר, האַלב נאַקעט, נאָך איהר אַ ווילד פאָלק פון מענער און ווייבער, צעפלאָשעט, ווילד, לויפען איהר נאָך מיט געדויש, ווי אַ ווינט.

רייסט די בענדער, שניידט די רצועות! געשטאָרבען איז דאָס געזעץ, געמעקט דאָס וואָרט, פריי דאָס פערבאָטענע, אָפען דאָס גע׳אַסרטע!

דער אַלטער יוד.

גוטע מענשען, קענט איהר מיר נישט זאָגען, וואו משיח וואוינט?

איינער פון די מענער.

געה מיט אונז! מיר ציהען אין לאַנד, וואו דער מענש איז גאָט, זיין ווילען — דאָס איז דאָס געבאָט!

דער אַלטער יוד.

איך פערשטעה נישט דיין שפראַך...

דער מאַן

לויפט פון איהם, נאָך דער מאַסע נאָך.

**דער אַלטער יוד.**

גוטע מענשען, האָט איהר נישט געהערט, האָט איהר נישט געזעהן?...

דערזעהט נחמיה'ן זיצען ביי דער וואנט. געהט צו צו איהם.

זאָגט מיר זייט מוחל, האָט איהר נישט געהערט, האָט איהר נישט געזעהן? מען האָט געזאָגט, משיח איז געקומען.

**נחמיה הכהן**

גרייכט איהם די האנד.

שלום עליכם.

**דער אַלטער יוד.**

עליכם שלום.

**נחמיה הכהן.**

טו אויס דיינע שיך—אויף אַ הייליגען אָרט טרעטען דיינע פיס.

**דער אַלטער יוד**

ווארפט פון זיך זיינע פאנטאָפעל.

פון אַ פרעמדער מדינה בין איך געקומען אַהער. מען האָט געזאָגט אין אונזערע מקומות, משיח זאָל זיין געקומען—איך האָב געלאָזט האב און גוטס, איך בין צו משיח'ן געקומען. האָט איהר נישט געזעהן, האָט איהר נישט געהערט?

**נחמיה הכהן.**

זיץ אויף דער ערד, רייס דיין קלייד! דער אלטער יוד זעצט זיך אויף דער ערד. נחמיה הכהן שניידט איהם קריעה.

וועה איז צו אונז, איבער אונזערע זינד האָבען זיך משיח'ס קייטען פערשטאַרקט! פון די שווארצע לעכער הערט זיך קלינגען פון קייטען.

הער, ווי זיי קלינגען! דאָרט דערינען איז ער געבונדען פון דעם חורבן אָן, פון טאָג פון זיין געבוירען. און ווען ער הערט יודען קרעכצען, יודען רופען, טוט ער רייסען מיט די קייטען, און עס ברומט, און עס קלינגט. נאָר די שבועה פון גאָט געוואָרפען, נישט צו בעפרייען, ביז זיי וועלען איהם אַליין נישט די קייטען מיט זייערע נשמות פון די הענד רייסען, בייסט ער אין די ליפען, וואָרום פון אייך קומט ער.

וואָס קאָן ער דערהויבען, אַז איהר זענט נישט דערהויבען? וואָס קאָן ער אָנגרייטען, אַז איהר זענט נישט גרייט? ווארום פון אייך קומט ער. ער ווייזט אויפ'ן שופר. דער שופר איז גרייט אין מיין האַנד, און דער אייל איז ביי מיר — מיר וואַרטען אויף אייך.

דער אַלטער יוד.

איך גלויב אין אַוואָהר גלויבען, אַז קומען וועט משיח. און כאָטש ער פערזוימט זיך אַזוי לאַנג, דאָך וואַרט איך איהם אָב, טאָג אויף טאָג, אַז ער קומט.

פאָרהאַנג.

# אמנון
## און
# תמר

א ביבלישע
דראמע
אין 2 אקטען.

איבערזעצצען, אויפפיהרען אָהן
דער ערלויבניש פֿון מחבר
פ א ר ב אָ ט ן

Copyright by
Sholom Asch
1922

# פערזאנען:

דוד המלך.

אַמנון זיין זוהן.

אַבישלום } ברודער און שוועסטער.
תמר

יונדב אמנונ׳ס פריינד.

תמר׳ס דינסט־מיידען.

(פרינצען און פרינצעסינס. שעפער און שעפערינס.)

אַבשלומס קנעכט.

# ערשטער אַקט.

## די סצענע.

א געצעלט אין דוד'ס הויז אין ירושלים. די ווענט בעהאנגען מיט געוואשענע שפּעסען-פעלכלעך און פּרוכת'ער פון פּורפּור-שטאָף. אויף א בעלעגער, אויסגעבעט פון שפּעסען-פּעל און זיידען-שטאָף, ליגט דער יונגער אמנון אין א ווייס זיידען העמדעל מיט בלאָהע תכלת-טראָלדען; פאר איהם — א קריגעל האָניג, בויגען און שפּיז.

# ערשטער געזאנג.

## (אמנון יונדב).

עס קומט אריין

יונדב.

עס ליגט דעם קיניגס זוהן
און פערטרויט די טויטע פעדעם
פון זיין קישען — דאָס, וואָס זיין האַרץ
בעדריקט.
צום חבר זיך דעם פוקסען-פעל געמאַכט,
וואָס דעקט זיין לייב צו
און פערצעהלט פאַר איהם אַלץ,
וואָס זיין האַרץ בעענגט.
עס קומען זיך צוזאַמען דעם קיניגס קינדער
יעדען פריה-מאָרגען אויף דעם ציילען-פלאַץ
און וואַרפען די שפיזען צום ציל.
פון אַמנונס בויגען האָט אַ ווייבער-האַנד
זיך אַ האַרף געבונדען.
גוט טרעפען דיינע ברידער אין דעם ציל, —
דער בויגען פון דעם קיניגס ערשט-געבוירענעם
ליגט געבונדען אונטער דער ווייבער-האַנד
און קרעכצט זיין ווייבער-ליד.

אמנון.

פריינד און ברודער,
ווי דו ליעבסט דוד'ס טורעם,
לעג צו דיין האַרץ צו מיינס —
ווי מיינס מיט בענקען וועט עס בעוואוינט זיין;
דיין אויג צו מיינס —

ווי מייגס מיט גליהונג וועט עס היצען.
גיב דיין האַנד —
מיין בלוט וועט רינען אין דיין בלוט,
און דו וועסט פיהלען מיין לייד.

**יונדב.**

איך ווייס דיין לייד, דיין האַרץ ווערט פערצעהרט אין דעם גליהענדיגען פערלאַנג נאָך דיין שוועסטער תמר.—הייל דיין פערלאַנג. עס בענקט נאָך דיר דיין שוועסטער תמר.

**אמנון**

טויט אָדער לעבען היילט מיין וואונד.
האָסט דו זי געזעהן? — פערצעהל!
איך וועל דיינע ווערטער טרינקען,
זאָלען זיי קומען אין מיין ברוסט ווי היילונג אָדער ווי סם.

**יונדב**

זעצט זיך נעבען איהם.

האָרך!—פערצעהלט. דעם קיניגס קינדער אין קאַלטען מאָרגען,
ווי יונגע אינדען האָבען אין גאָרטען שפּאַצירט.
דער מאָרגען-טוי איז געפאַלען
איבער בוים און גראָז,
איבער די לאָנקעס, פעלדער,
און איז אויך געפאַלען איבער זייערע האָר.
אַליין איז געגאַנגען אַבישלום׳ס שוועסטער,
אין דער ציפּרעסען-אַליי
מיט נאַרציסען-געשמאַק.
נאַקעט זענען איהרע הענד געהען און
בעהויכט פון דעם מאָרגען-טוי.
און איהרע פיס, ווי די בוימען,
ווי די גרעזער—
רויט געווען אין מאָרגען-גרוי.
האָט איהרע האָר אין דעם טוי געוואַשען
און איהר נאַקעט קערפּער אין זיי געהילט.
די אויגען מיט דעם מאָרגען-וואַסער געוואַשען,

און ווי אַ פרישע מאָרגען-בלום אויף דער וועלט געקוקט.
בין איך צוגעגאַנגען צו איהר
און האָב געזאָגט: „דיין ברודער אמנון איז קראַנק נאָך דיר.
בענקט נאָך דיר
און זוכט דיך אויף זיין געלעגער ביי נאַכט".
האָט זי איהרע אויגען אויפגעעפענט
און ברייט און ליכטיג
אין דער וועלט אַריין געקוקט.

אמנון

רייסט זיך אויף.

און גאָרנישט האָט זי געזאָגט?

יונדב.

אין דער שטילער נאַכט, אין קיניגס גאָרטען,
איז דעם קיניג גשור'ס איינִיקעל
אין לבנה-ליכט
איהר נאַקעט לייב געגאַנגען באָדען
און האָט איהרע האָר אויפגעעפענט
צו טרינקען
ציפרעסען-געשמאַק און נאַרציס-געשמאַק.
מיט איהרע פולע הענד געשעפּט דאָס שטערן-ליכט
און איהר געזיכט דערמיט געוואַשען.
בין איך צוגעגאַנגען צו איהר
און האָב געזאָגט: „דיין ברודער אַמנון איז קראַנק נאָך דיר.
בענקט נאָך דיר,
און זוכט דיך אויף זיין געלעגער ביינאַכט"
האָט זי זיך אין איהרע הענד בעהאַלטען,
און איהרע ברוסטען אין איהרע האָר פערהוילען,
און הינטערן בוים זיך געזעצט
און לייכט ווי אַ ווינט
האָט זי געזאָגט: „איך בין דעם קיניגס טאָכטער, און בענק נאָך
דעם קיניגס זוהן".

און שטיל און פלינק זיך אויפגעהויבען און
ווי אַ נאַכט-שאָטען צווישען די ציפּרעסען פערשוואונדען.

אַמנון.

רעד, רעד, ווי טראָפּענס-רעגען אויף פערדאָרשטער ערד
רעגענען דיינע ווערטער
אויף מיין פערלעכצט האַרץ.

יונדב.

אין יונגען פריהלינג-טאָג,
אין קיניגס גאָרטען
האָבען זיך די בוימער
אין רעגען-טראָפּענס געוואַשען,
און זייער נאַקעט-צווייג און זייער נאַקעט-בליהעכץ
האָבען אין זיך דעם הימעלס טראָפּענס איינגעטרונקען,
ווי דער בוים, ווי דאָס בלאַט—איז
דיין כלה-שוועסטער געשטאַנען
און אין רעגען
איהר שוואַרץ-האָר געוואַשען, איהר ברוסט געבאָדען.
בין איך צוגעגאַנגען צו איהר
און האָב געזאָגט: „דיין ברודער אַמנון איז קראַנק נאָך דיר,
בענקט נאָך דיר
און זוכט דיך אויף זיין געלעגער ביינאַכט".
האָט זי איהר
שוואַרץ-האָר צעפלאָכטען, איהר מיידעל-ברוסט ענטפּלעקט,
און שטיל, ווי אַ ליד. און לאַנגזאַם, ווי אַ בענקעניש,
האָט זי געזאָגט:
„געה צו מיין ברודער-חתן און זאָג איהם:
זיין כלה-שוועסטער וואַשט
איהר האָר—שוואַרץ, איהר ברוסט—ווייס —
אַז זי זאָל
צו דער חתונה זיין רייף".

אַמנון.

יונדב, מיין פריינד —

## יונדב.

הער!
די שופרות שאלען, די כלי־זין קלינגען,
דער מלך פאָטער קומט צו דיר.
זאָג איהם דיין בעגעהר,
און היילען וועט ער דיין לייד מיט דיין
שוועסטער תמר.

יונדב אַב.

# צווייטער געזאנג.

(דוד און אמנון)

**דוד.**

מיין זוהן אמנון איז קראַנק. שוין דעם דריטען טאָג,
ווי ער קומט נישט צום מאָרגען-ברויט
וואָס איז דיר, אַחינועמ׳ס זוהן?
וואָס פאַר אַן אונערפילטער פערלאַנג וואוינט אין דיין יונגער ברוסט
און דריקט מיט טרויעריגקייט די הייטלעך איבער דיינע אויגען?
נישט גוט איז, מיין קרוין-יורש, צו פערבאָרגען דיין פערלאַנג
און אין בענקען זיך אַיינצוהילען.
זאָג, וואָס ברעכט דיין ווילען און בעוויינט דיין שטיף
און מאַכט דיך פון יונגעלווייז צום קינד צוריק?

**אַמנון.**

האָסטו, פאָטער,
דיין קיניג-שטים
דיינע העלדען איבערגעלאָזט צו היטען,
מיר —
דיין פאָטער-האַרץ צו הילף געבראַכט,—
וועל איך עס דיר זאָגען;
האָסטו, פאָטער,
דיין פאָטער-חוב, פאָטער-בעפעהל
אין מיין מוטערס בעט געלאָזט,
מיר—
פריינדען-האַרץ צו הילף געבראַכט,—
וועל איך עס דיר זאָגען:

דוד.

איך האָב קרוין און פאָטער הינטער דיין טיר געלאָזט—

סוויטע אָב.

יר—פריינדען־האַרץ געבראַכט.
אָג, יונגער פריינד, וואָס קלאַפּט אַזוי פריה אין דיין בחור־ברוסט?

אמנון

פאַלט צו צום פאָטער.

לאָז, פאָטער, אין דיין ברוסט
מיין פנים בעהאַלטען,
לאָז מיך צו דיין האַרץ רעדען.
איך וויל, מיינע ווערטער זאָלען צום ערשט אין דיין קיניג־ברוסט וואוינען,

בעוואַרעם זיי מיט דיין יונגלינג־ליעבע
און דערנאָך הער זיי—ווערסטו
מיין בענקען פיהלען, ווערסטו
מיין פערלאַנג פערשטעהן.

דוד

איך הער דיך, זוהן, זאָג
און דערמאָן מיך דיין מוטערס שטים, ווען זי האָט
אין מיינע ברוסטען געוואוינט אין מדבר פון שרון.
לאָז מיר שמעקען טאָל און באַרג, לאָז מיין האַרץ
מיט יוגענד ווידער קלאַפּען,
לאָז מיין בליק ווידער גליהען. דערמאָן מיך
אין די אויסגעשטערנטע נעכט
אין מדבר,
ווען נאָך מיין אומגעקרוינטער קאָפּ האָט גערוהט
אין דיין מוטערס אָרעם,
און נאָר דעם ווילען אין דעם האַרץ, דעם נביא׳ס ברכה
אויף מיין קאָפּ,
אַרומגערינגעלט אין די שלאָפענדיגע שאָטענס פון מיינע פיר הונדערט העלדען,



האָט מיין אויג מיט בענקשאַפט געגליהט

נאָך ציון׳ס באַרג, וואָס איז
קעגנאיבער מיר.
אין נאַכט, אין שטערען
איז ער געשטאַנען, ווי אַ ברוסט פון אַ מוטער,
וואָס זויגט פאָלק און געשלעכט. „דאָ פון דעם באַרג אַראָב זאָל פלאַטערן
דוד׳ס פאָהן!״—האָב איך געזאָגט.
אָבער זעה: מיין ערשט-געבוירענער, מיט ישי׳ס בלוט אין אָדערן
איז אין געצעלט פערשטעקט.
עס בלאָזט דער צפון-ווינט אין מיטען נאַכט, אין דוד׳ס הויז,
און עס שפּילט דער ווינט אויפ׳ן פידעל, און איך הער, די גרייז-גראָהע לייט
הינטער מיין לאָדען קלאפּען: וואַך, קיניג, צו מלחמה אויף!
שוין הער איך פּאַנצער-קלאַנג, בויגען-קלונג,
בעגלייט מיט דער מאָרגען-זון,
און אַהער און אַהין
בעכעהלען, געשרייען,
פון יהודה׳ס העלדען
הינטער מיין שלאָף-טיר רוישען.
און עס רייסט זיך דער קיניג-פאָטער פון ווייבער-געלעגער אויף.
שוין בינדט דאָס ווייב דעם פּאַנצער איבער מיין ברוסט,
שוין שטרעק איך מיין האַנד נאָך דעם בויגען אויס, און אויף—
אויף יהודה׳ס פיינד!
אָבער זעה:
נישט דער ערשט-געבוירענער פון דוד׳ס הויז
בעגלייט דעם מלחמה-גאַנג,
נישט אַמנונ׳ס שטים ברומט צווישען די בעפעהלער-רופען אין דוד׳ס חייל.
איך הער נישט זיין פּאַנצער-קלאַנג, נישט זיין פיילען-זילבער שטים
צווישען די כלי-מלחמה קלאַנגען.

**אַמנון.**

איך בין קראַנק, טאַטע דוד.
אין דער שטיל שלאָפט מיין האַרץ, אין דעם בענקשאַפט-זיסען לייד.

מיך וועקט נישט אויף צום מלחמה האַרפען־שפּיל און פידעל־שפּיל—)
ליעבע־ליד האָט מיין האַרץ פערוויגט,
און פאַנצער און בויגען
שפּילט מיר נאָר
אַ ליעבע־ליד
צו מיין בענקען צו.

ד ו ד.

מיט דער גבורה האָסטו געירש'ענט מיין זינד.
דאָך די גבורה שלאָפט נאָך, ווען די זינד איז שוין
אַזוי וואַך און וועקט מיט וועקענדיגער קראַפט
זיך אין דיינע גלידער אויף.
דאָס ווילד־קרויט וואַקסט אומגעאַקערט און אומגעזייהט.

אַ מ נ ו ן.

איך בין קראַנק, טאַטע דוד. זעה, ווי מיינע הענד, ווי נישט אָנגעטרונקענע בלומען, לעכצען נאָך ליעבע־שטראָם; ווי מיין ברוסט, פערשמאַכט פון בענקען,—שלאָפט אַ שטילען שלאָף, קיינער וועקט עס נישט. איך בין קראַנק, טאַטע דוד. ווי אַ יונגער בוים, וואָס איז געשטעלט געוואָרען אויף די זומער־היץ און שאָטען און קוואַל האָבען אָן איהם פערגעסען. איך בין קראַנק, טאַטע דוד. לאָז זי קומען צו מיר, מיין קליינע שוועסטער, מיט איהרע לייכטע פיס און ווינטיגע הענד, און לאָז וואַלד־געשמאַק און וואַסער־געשמאַק מיין געצעלט פערפולען. לאָז קומען צו מיר מיין שוועסטער תמר און לאָז זי מיר באַקען אַ קליין, קליין געריכט... זי וועט מיר האָניג־קיכעל באַקען, פאַר מיינע אויגען וועט זי דאָס טייג קנעטען, מיט איהרע קליינע, קליינע הענד דעם האָניג גיסען, דאָס אייל גיסען... צווישען איהרע קליינע ווייסע פינגער וועלען די טראָפּענס רינען. וועט דער האָניג יוירען, און איך וועל עס זעהן מיט מיינע אויגען, און פון איהרע הענד וועל איך עס אַראָבשלינגען, און עס וועט קומען אין מיר ווי היילונג, ווי בשמים־געשמאַק אויפ'ן לבונה־באַרג, ווי דער טוי־הויך פון ירדן אויפגעשטייגט. איך בין קראַנק, טאַטע דוד. *ער פאלט אין פאטערס אָרעם און בעהאלט זיך אין איהם.*

דוד

בויגט זיך אויף.

עס זאָל געשעהן דיין פערלאַנג, מיין ערשט-געבוירענער...
אָבער איך קען אַבישלום'ס שוועסטער!
איז דער מאַן רייפער אין דיין ברוסט
פון דיין פערלאַנג—
געה און פאַנג און געניס מיט פולען מויל
דאָס, וואָס דיין מאַן האָט דיר עראָבערט...'
לאָז רייפען דאָס ווילד-קרויט, כדי דאָס פעלד פאַר בליטען פעט צו מאַכען!
אָבער ווען דו פאַלסט אין תמר'ס האַנד—
איין שטראָם פון דוד'ס בלוט-פלוס נאָר אין דער ברוסט פון דוד'ס ערשטגעבוירענעם,—
די גבורה מוז אין אַן אַנדער ברוסט וואויגען פון דוד'ס אָבקומענדיגע...

דוד אָב.

# דריטער געזאנג.

(תּמר און תּמרס מיידען)

תּמרס געצעלט אין דודס הויז אין ירושלים.

תּמר אליין.

תּ מ ר

פּלעכט זיך פונאנדער די ברייטע, לאנגע צעפּ, פּאקט זיך אויס פון איהרע בעהאלטענע קייבערס איהר צירונג: שטיקער גאָלדען-בלעך, זיידענע טיכער און פּורפּור-שטאָף.

קומט, גאָלדען-בלעך, זילבער-קנויט,
דוד׳ס רויב פון די פּלשתּים׳ס טעכטער געריסען,
און פערפּוצט תּמרס האָר-קרוין,
בעשווערט די לאָקען, אויף מיין אַקסעל געפאלען,
און מאַכט קלינגען דעם ריח פון זיי אַרויס.
קום פּורפּור-שטאָף, זיידען-פּאָדעם,
געריסען פון עמונס גאָט דורך דוד׳ס האַנד, און
בינדט׳ס תּמרס ברוסט, און פּוצט תּמרס זייט—צו איהר
חתונה-גאַנג צום קיניג-זוהן.
הע, מיינע מיידען, וואו זענט איהר
באָדט׳ס דעם קיניגס טאָכטער לייב,
ברענגט די איילען-פּעט, די געווירצען-יונג—פון עין-גדי וואלד
און שמירט מיין ברוסט, און שמירט מיינע זייטען
הע, מיידען, די פּאַנעץ ברענגט!

אין דער שטיל.

און גנב׳עט פון דעם געטליכען אייל,
וואָס פאַר דעם אָרון אין טאַטע דוד׳ס הויז
צווישען דעם פוירהאַנג שטעהט.

די מיידען ווייזען זיך אין דער טיר.

ניין, ניין, נישט זיין זאָל אַ פרעמדע האַנד
צווישען תּמר-ברוסט און אַמנון-ברוסט.

ענדערט דעם טאָן; צו די מיידען:

מיין ברודער אַמנון איז קראַנק.
דער קיניג דוד האָט מיך געשיקט צו איהם.
איהם מיט אייל שמירען, איהם געריכטען גרייטען.
ברענגט מיינע איילען, מיינע פאַנען-געשירען,—
איך וויל איהם זיינע קראַנקע ביינער שמירען,
ער וועט פון מיינע הענד געניסען.

די מיידען געהען. זי בינדט איין אין איהרע האָר די שווערע גאָלדשטיקער און זילבער־שטיקער. די מיידען קומען צוריק מיט די פאַנען.

זאָגט'ס, מיינע חבר'טאָרינס! זאָגט'ס, מיינע דינסטען!
ווי זעהט אויס תמר'ס ברוסט
אין פורפור-שטאָף געפאַרבט?
ווי זעהט אויס תמר'ס לאָק
מיט גאָלדען-קנויט בעשווערט?

## די מיידען.

ווי דער פאַנצער אויף דוד'ס טורעם געהאָנגען.
געפאַנצערט איז תמר'ס בוזעם אין עמון-טעכטערס
יום-טוב טוך,—
די בחורים-בליקען פאַלען פון איהם צוריק,
ווי די פלשתים-שפיזען פון דוד'ס ברוסט.
ווי דער שפיזען-גלאַנץ אין דעם זונען-שטראַל,
איז געשפיזט תמר'ס לאָק אין מואב-טעכטערס
יום-טוב-בלעכען.
זיי צילען אין די בחורים'ס אויגען,
ווי דוד'ס שפיז אין די פלשתים-ברוסט.

## תמר

בעקוקט די איילען.

אָ! נישט, מיינע שוועסטערן,
נישט מיר חלבנה-אייל און לבונה-אייל.
צו שטאַרק איז זייער געשמאַק, און זייער רויך צו געדיכט,
מור-און דרור-געווירצען—ברענגט מיר שוועסטער,
שטיל איז זייער הויך,
ווי נאַרצים-אָטעם נאָך דעם רעגען.

שטיל וויל איך צו מיין ברודער קומען,
מיט גראָז־געשמאַק, מיט רעגען־ריח
וויל איך זיין בעט בעהויכען.

עס קומט אריין

אַבישלום.

וואו אַהין, געצירט אין יום־טוב־קלייד, צילט תמר?
גרויס מוז זיין די געפאַהר, וואָס שטעהט דיר פאָר, שוועסטער,
אַז דו מוזט זיך אַזוי שטאַרק אין ווייבער־כלי־זין פאַנצערן.
אויף וועמען צילט גאָלד און פורפור?
און דאָך, טייער מוז דיר דיין געגנער זיין, אַז דו ווילסט
איהם ליעבער מיט די געשמאַקען פון דיינע זאַלבען בעזיגען,
איידער מיט דיין ברודערס שפּיזען.

תמר.

נישט, ברודער. אַ יום־טוב האָב איך היינט
אַ נדר גאָר צו בעצאָהלען,
אַ מיידעל־נדר—ווען איהרע בלוטען ווערען רייף...
דאָס בעסטע קאַלב וועל איך פאַר דעם כהן פיהרען,
פאַר גאָט שעכטען,
מיט די בשמים צו פערברענען: פאַר איהם צו שמעקען —
אַז ער זאָל מיין ווייבערשאַפט מיט מענער־זוימען בענשען.

אַבישלום.

ווער לערנט תמר ליגענס? די קנעכטשאַפט אָדער
דער אייגענער ווילען?
דעם קיניג דוד'ס בעפעהל אָדער דיין לוסט?
איינס איז ווערט דאָס צווייטע.
עס רויטלען זיך די מיידלעך, דיינע שוועסטערן
איבער דיר
סוד'ען זיך—לאַכען אין די ווינקעלעך.
און מיט מיידעל־נייגעריגקייט קלייבען זיי די ווערטער,
פון זייערע מוטערס איבער דיר געפאַלען,
און וועבען אויס אין זייער מיידעל־זין.
„דיינע שוועסטערן"—נישט איז תמר קיין שוועסטער צום קיניגס קינדער?

ביליגער זוימען!
און ווערט ווי דאָס קעבס־ווייב אַוועקגעשאָנקען
צו דעם קיניג־זוהן...
שוין בעטען די דינסטען דעם פּרינצס געלעגער,
גרייטען די געווירצען, רייבען די בשמים...
דעם קעבס־ווייבס טאָכטער,
די מתּנה פון פאָטער היינט געשאָנקען,
זאָל אים צום נאַכט־לעגער שמירען.
ניין, נישט די דינסטען—תּמר, אַבישלום׳ס שוועסטער
גרייט די בשמים אליין אויס.
און ווער איז דאָס קעבס־ווייב?
מעכה, תּלמי׳ס, דעם קיניג גשור׳ס טאָכטער!
און ווער איז דער ביליגער זוימען?
תּמר, אַבישלום׳ס שוועסטער!
און זעה, תּמר פּוצט אַליין איהר בוזעם מיט פּורפּור־וואָל,
צירט איהר האָר מיט גאָלדענע קייטען,
שמירט איהר לייב מיט בוימעל אויס,
אַז דער שלעכטער גערוך זאָל איהר נידעריגען שטאַם נישט אַרויס ווייזען.
און ווי אַ געניטע דינסט, וואָס ווייסט די מיטלען איהר האַר צו געפעלען,
בעקליידט זיך תּמר.
זאָג, שוועסטער: וואו האָסטו אַזוי גוט די קנעכטשאַפט געלערנט?

**תּמר.**

מיין ברודער אַמנון איז קראַנק.
דער טאַטע דוד האָט מיך געשיקט צו איהם,
איך זאָל זיינע קראַנקע ביינער מיט בוימעל שמירען,
איך זאָל איהם געריכטען פאַר די אויגען צוגרייטען,
ער זאָל פון מיינע הענד אַראָב עסען,
איך זאָל איהם מיינע לידער אויף דער פלייט שפּילען,
עס זאָל איהם זיס צום שלאָף איינוויגען
ברודער אַמנון איז קראַנק.

אַבישלום.

קראַנק איז ער נאָך לוסט צו דיר,
שוועסטער תמר.

תמר

נייגעריג.

פון וואַנען ווייסטו עס, אַבישלום?

אַבישלום.

געפיהרט אַז מען האָט דעם אָרון פון עובד אדום׳ס הויז
אין דוד׳ס שטאָדט,
דער קעניג און קרוין מיט די שעפער-פייף
האָט פאַר דעם אָרון געטאַנצט
און מיט די שטאָדט-מיידען זיך געפרעהט;
געפיהרט אַז מען האָט די קעניגס טעכטער
נאָכ׳ן אָרון,
ווי די רויז פון שרון-פעלד האָסטו
פון דיינע שוועסטערן ארויסגעקוקט, —
געזעהן האָט דיך אַמנון און בלייך
איז ער געוואָרען פאַר בענקעניש
נאָך דיר.

תמר

מיט בעהאלטענער נייגעריגקייט.

בלייך איז אַמנון געוואָרען?
דערצעהל, ברודער אַבישלום.

אַבישלום.

און נישט צום קרבן, און נישט צום שיסען-ציל
ווייזט זיך דעם קעניגס ערשט-געבוירענער זוהן.
די טרומייט בלאָזט, די פידעל שפּילט,
די שפּיז קלינגט, דער פעלד-מאַרשאַל רופט —
עס ליגט דער קעניגס-זוהן,
האַקט טיר און טויער צו,
אין זיין לוסט, נאָך דיר, פערציקט...

**תמר**

פאַר זיך.

און טוליעט זיך אין זיידענע טעפּיכען אַיין,
און ציטערט אין דער שטיל, ווי אַ יונגער בוים,
און פערשמאַכט זוכט ער מיט זיינע לעכצענדיגע ליפּען,
ווי נאָך וואַסער, ווי נאָך טוי... שטרעקט ער אויס
זיינע בלייכע, לאַנגע הענד, ווי די צווייגען,
און פרעגט אין דער שטיל, און בענקט אין דער שטיל
נאָך תמר, זיין שוועסטער.

**אַבישלום**

מיט כעס.

און ווי די דינסט-מויד ווערסטו איהם
אַוועקגעשענקט!
זיין קרענק אין דיר צו היילען...
תמר!

**תמר.**

ווי פריהער, נישט געהערט דעם ברודערס ווערטער.

און ווי פאַלענדיגער טוי איבער ישרון-באַרג,
דעקט אַמנון איבער תמר צו;
ווי די נאַכט, וואָס הילט דאָס וואַסער אַיין,
בעהאַלט אַמנון תמר אין זיך אַיין,
און ברענגט זי אין זיין מאַמעס שטוב אַריין,
און בעהאַלט זיך מיט איהר אין די ווינקלען אַריין.

**אַבישלום.**

שוועסטער תמר!

**תמר.**

ווי פריהער.

און דעקט זיך מיט איהר הינטער די שעפּסען-וואָל אַיין,
און שליסט די טירען און פערשטאָפּט די פענסטער.
זאָלען בלאָזען די טרומייטען, זאָל די פידעל צו מלחמה וועקען,
זאָלען זיי די פערד צו די רייטוועגען שפּאַנען.

פערשלאָפען ליגט אַמנון אין תמר'ס ברוסט
און בעהאַלט זיך ציטערנדיג, ווי די נאַכט צווישען די בלעטער,
אין תמר'ס האָר.

אַבישלום.

ענדערט דעם טאָן, פּלוצלונג.

און ווער וועקט אַמנון פון תמר'ס ברוסט

תמר.

נישט וועקט אמנונ'ען — נאָר תמר'ס אָטעם-הויך.
ווי דער פריהלינג-אָטעם רופט דעם שפּראָצלינג פון דער ערד אַרויס,
רופט תמר'ס אָטעם אין אַמנונ'ס האַרץ
דעם פריהלינג אויף...

אַבישלום

פּלוצלונג.

און נישט קיין צפון-ווינט אויף פידעל זייטען,
נישט קיין פּאַנצער-קלאַנג, נישט קיין שפּיזען-קלונג
אין מלחמה-פעלד, ניט פעלדמאַרשאַל-בעפעהל..

תמר.

אַמנונ'ס מלחמה-פעלד איז תמר'ס געצעלט.

אַבישלום.

שוועסטער תמר! געשוועסטערט דורך מוטער-מילך און פאָטער-בלוט...

תמר.

וואָס ווילסטו, ברודער אַבישלום?

אַבישלום

אין שטילען טאָן.

שוועסטער תמר! שלעף אַמנון אין דיינע ברוסטען איין,
פערדעק איהם מיט דיינע האָר געדיכט,
און זינג איהם מיט דיין שטים זיס,
און פערוויג זיין האַרץ מיט דיין אָטעם-ריח,
און פערשטום זיין אויער אויף מלחמה-בעפעהל.
וואָך זאָל נאָר אַמנון צו תמר'ס לוסט זיין —

תמר.

צו וואָס, ברודער אַבישלום?

## אַבישלום.

נר רוימט איהר איין.

שטיל זאָל שלאָפען דער קיניג־יורש
אויף זיין שוועסטערס ברוסטען־פּאָר...
פערשטאָפּ די פענסטער, פערהאַק די טירען
און לאָז קיין טרומייטען־בלאָז צו זיין געהער דערגרייכען.
אָ, ווערט איז תמר פלשתים־רויב,
מלחמה־פעלד און גבור־רויב!...

צ. פלינק.

# פינפטער געזאנג.

(אַמנון — יונדב)

עס איז נאכט. אין אמנונ׳ס געצעלט. א פייער ברענט אין אן אייל-פאן. אמנון ליגט אויף זיין געלעגער. יונדב שטעהט ביים פענסטער-לאך.

יונדב

פון פענסטער-לאָך.

ניין, קיניג-יורש, איך הער נישט קיין רוישען.
שוואַרץ און שטיל ליגט דער גאַנצער קיניג-הויף.
שוואַרץ פאַלט דער שאָטען פון די געזאָטעלטע קעמלען,
וואָס געלאָדען שטעהען זיי אין הויף צו מלחמה גרייט,
אין דער נאַכט אַריין.
געלאָשען איז דער גאַנצער קיניג-פליגעל.
די נאַכט קוקט פון די לעכער אַרויס,
נאָר איין לעמפעל זעה איך בלויז פון דעם נר-תמיד,
וואָס פאַר דעם אָרון צווישען דעם קיניגס פוירהאַנגען שטעהט.

אַמנון.

און הערסטו נישט קיין בלעטער רוישען?
און ווי בוימער וואָלטען פאַר מיין פענסטער פאַרבייגעגאַנגען
און מיט זייערע צווייגען אין מיין פענסטער אַריינגעקלאַפּט!

יונדב.

שטיל שטעהען די ציפּרעסען אין קיניג-הויף, קיניג-יורש,
און שלאָפען אין דער שטיל
געבען זייערע שאָטענס.

אמנון.

און שפּאַצירט נישט ווער צווישען זיי?

נדב.

בעהאַלטען שלאָפט דער ווינט צווישען די בלעטער-צווייגען,

און נאָר זיין לייכטער אָטעם בלאָזט דעם בליטען-ריח
פון זייער בליהעכץ אין דעם הויף אַרום. פּלוצים.
איך זעה יעצט, אין דער שוואַרצער נאַכט
פון דעם ווייבער-געצעלט, אין ווייסען געהילט,
טרעט אַ געשטאַלט אין הויף אַריין.
איהר פאַנען-לאָמפּ לייכט זיך פאַר איהר.

**אמנון**

מיט שרעק.

וואוהין צילט איהר וועג?

**יונדב.**

איהר בליק איז אין איהר פאַנען-לאָמפּ אָנגעהאָנגען,
נאָך דעם שיין געהט זי.
לייכט טרעטען איהרע פיס אין דער נאַכט;
ווי רעגען-טראָפּענס אין וואַסער געפאַלען,
קלינגט אַזוי איהר צירונג-בלעך אין דער נאַכט אַריין.

**אַמנון.**

זאָג, וואו אַהין פערפיהרט זי איהר פלאַם?

**יונדב.**

איך זעה איהר לאָמפּען-שיין לייכט צו דיין געצעלט,
און נאָך דעם שיין געהט זי.
שוין פיהל איך דעם רויך-געשמאַק פון איהרע געברענטע בשמים—
ער דרינגט אין געצעלט-פענסטער אַריין.
איך הער דעם קלאַנג פון איהרע זילבער-בלעכען

**אמנון.**

ווי ציטערט מיין האַרץ, ווי קיהלט מיין בלוט אויף מיין לייב!
דעק מיך ברודער מיט דער דעק צו.
לאָז מיין פנים אין וואַרימען שעפּסען-וואָל בעהאַלטען...
און אַזוי, בעהאַלטען אין מיר גליד און ביין,
וויל איך אויף מיין שוועסטער וואַרטען.

יונדב אָב.

עס קומט אַריין מיט זעהר לייכטע טריט און מיט אַ ברענענדיגער אייל-פאַן תמר.

# זעקסטער געזאנג.

## (אַמנון און תּמר)

תּמר.

מיט זעהר לייכטער שטים.

איך בין געקומען צו דיר, ברודער אַמנון.
דער טאַטע דוד האָט מיך געשיקט צו דיר,
איך זאָל דיר דיינע קראַנקעביינער מיט בוימעל שמירען,
איך זאָל דיר דיין בעט צום שלאָף אויפריכטען,
איך זאָל דיר לופט מיט מיין פאָכער יאָגען.
דו ביסט קראַנק, ברודער אַמנון!

אַמנון.

שוועסטער תּמר!

תּמר.

ווי פריהער.

דו ביסט קראַנק, ברודער אַמנון.
דיין לייב ווי געצעהרט פון זונען-היץ,
דיין אויג ווי הייס פון גליהונג פערדאָרשט,
און דיין קאָפּ ווי פערוואָלקענט...
קום, לאָז מיך דיין געלעגער דיר בּרייטען.

זי בעט איהם דאָס געלעגער.

ווייך, ווייך מיט מיין מאַמעס טוך וועל איך דיר דיין קאָפּ בעטען.

זי ציהט דאָס טוך פון זיך.

אָ לאָז מיך דיין אויגען-אַפּעל מיט מיין מויל-הויך אַבקיהלען.

זי טוט דאָס.

דיין אָטעם, ווי וואַרעם, ווי פון דער זון געבּרענט.
און דיין קערפּער, ווי קיהל, ווי אין ווינט געבּאַדען.

אָ לאָז מיך איהם מיט די ציגענע פעלכלעך בעדעקען.

/י בעדעקט אמנונ'ען מיט די פעלכלעך,

קראַנק איז מיין ברודער אַמנון.

**אמנון.**

אַזוי וועל איך אונטער מיין שוועסטערס געלעגער ליגען,
איהר טוך וועט מיין לייב וואַרימען,
איהרע פינגער וועלען ווי זייד מיין קאָפּ קיהלען...

**תמר**

שטעלט זיך פאַר איהם,

אַזוי וועל איך פאַר דיר געריכטען גרייטען.
בוימעל האָב איך פון דעם אָרון געגנב'עט,
וואָס שטעהט ביים טאַטען הינטער דעם פוירהאַנג.
זעמעל-מעהל האָט מיר מיין מאַמע געגעבען.

זי גיסט דאָס אייל אין די פאַנען און גרייט איהם א געריכט.

מילך האָב איך פון די ציגען געמאָלקען,
און מיט האָניג וועל איך דיר דאָס טייג קנעטען.
מיט מיינע הענד האָב איך עס פון די ביהנען-שטאָקען
צוזאַמענגענומען.
זעה, ברודער אַמנון, ווי דער האָניג זיך גיסט,
ווי דאָס טייג זיך יוירט,
און די מילך צווישען מיינע פינגער רינט...
אַזוי וועל איך פאַר מיין ברודער
קליינע, קליינע קיכלעך באַקען.

**אמנון.**

אַזוי וועל איך פון מיין שוועסטערס הענד עסען.

**תמר.**

אַזוי וועל איך מיין ברודער היילען.

זי דערנעהנטערט זיך צו איהם.

איך האָב דיר קיכלעך געבאַקען.

זי דערלאַנגט איהם דאָס שפייז.

זעה, ווי מיין האַנד ציטערט איבער דיר,

ווי דער ווינט, וואָס האַלזט דעם בוים—
אַזוי גיסט מיין אייל איבער דיין לייב.

אַמנון.

שוועסטער תמר! אַזוי ציטער אויף מיר
מיט דיין וואַכענדיגער נשמה און שלאָפענדיגען לייב— —
לאָז, ווי אַ פריהלינג-ווינט אויף דעם בוסר-צווייג,
דיין מיידעל-בלוט מיין יונגלינג-הארץ וועקען.
אַזוי לאָז אין מיינע אָרעמס דיין גליד און ביין ציטערן
און זיך צום לעבען וועקען...

זי דערווייטערט זיך פון איהם און שטעלט זיך פאר איהם.

אַזוי וועל איך קוקען אויף דיר, שוועסטער תמר,
און מיט מיין חתן-בליק אויף דיין געשלאָסענעם מיידעל-קוואַל
אָנקלאַפען.

תמר

פון דערווייטענס.

אַזוי קיהל מיט דיין חתן-בליק מיין כלה-בלוט,
אויף מיין האַנד געוועקט,
ווי די נאַכט-הויך דאָס וואַסער קיהלט.

אַמנון

הויבט זיך אויף, געהט צו צו איהר. אין דער שטיל.

שוועסטער תמר! מיין מאַמע האָט מיר אַ געלעגער געפלאָכטען,
אַ חתונה-בעט האָט זי מיר פון בוקסען-בוים געלאָזט האַקען,
מיט אַ זיידען-דעק דיק בעדעקט,
מיט אַ גאָלדען-קרוין עס אַרומגעפוצט—
האָט זי עס מיר אין מיין בחור-געצעלט אַריינגעשטעלט.
קום מיט מיר, שוועסטער תמר—
מיט די פוירהאַנג איז עס פערשטעלט.

תמר.

מיין מאַמע האָט מיר אַ קאַרשען-בוימעל געפלאַנצט,
צו דער חופה מיך צו פיהרען.
ווי קאָן איך זיך אין אַ חתן-בעט לעגען,
אַז מיין חופה-שטאַנג שטעהט נאָך געפלאַנצט?

**אַמנון**

רױש.

איך װיל אין דײַן מאַמעס גאָרטען גײן
און פֿון קאַרשען־בײמעל פּירות רײַסן.

**תּמר.**

דו קענסט דאָך נישט אין מײַן מאַמעס גאָרטען גײן,
פֿון קאַרשען־בײמעל פּירות רײַסן,
פֿעסט פֿערשלאָסן האָט איהם מײַן מאַמע.

**אַמנון.**

איך װעל די צױמען ברעכען —

נעמט זי אָן.

אין דײַן מאַמעס גאָרטען גײן.

**תּמר.**

שליס די טיר, פֿערמאַך דאָס פֿענסטער, ברודער אַמנון!
זאָל דער זונען־שטראַל אונז פֿון דעם אָנקומענדיגען מאָרגען
נישט אָנזאָגען.

**אַמנון**

פֿערהאַקט די טיר.

אַזױ פֿערשליס איך די טיר איבער מײַן גליק.

**תּמר**

אין זײַנע אָרעמס.

דאַרפֿסט נישט, ברודער אַמנון,
די צױמען ברעכען.
דײַן שװעסטער תּמר װעט דעם שליסעל
פֿון אונטער איהר מוטערס קישען גנבֿ'ענען,
און דיר...

איבערן געצעלט יאָגט אַ קלײנער, קלײנער װינט. דאַן דערהערט זיך, װי טענער פֿון האַר־פּען און פֿידלען אין דער לופֿט. דערנאָך אַ שטיל־שװײַגען.

**אַמנון**

בלײַבט אַ לענגערע װײַלע בײַ דער טיר, הערט זיך אײַן.

תמר.

וואָס הערסטו, ברודער אַמנון?
וועלכער טענער-גערויש ווענדט אָב דיין אויער
פון דיין שוועסטערס ליד?
איך וויל נישט, קיין אַנדערע טענער זאָלען
אונזער ליד שטערען;
פערשטעקען וויל איך די לעכער, פערהאַקען די טירען,
קיין פרעמד גערויש, פון דרויסען אָנגעלאָפען,
זאָל צו אונזער אויער ניט דערגרייכען,
קיין פרעמדער טראָפּען וואַסער זאָל
דעם פלאַם פון אונזער חתונה-לאָמפּ
נישט לעשען...

זי פערהאַקט דאָס פענסטער.

אמנון.

שוועסטער תמר! האָרך די טענער, דאָס אָטעמען
פון דעם ווינט איבער די פידעל-פּאַכערן.
עס יאָגט דער ווינט די טענער אַרום,
און זיי בלאָנדזשען אין דעם גאַנצען קיניג-הויז,
ווי פעראיינזאַמטע יתומים, וואָס זוכען זיך אַ רוה,
און פערשטעקען זיך אין די טונקעלע ווינקלען
פון די שטובען.

תמר.

לאָז דאָך, ברודער, ווינט און פידעל
זייער טענער-שפּיל טרייבען. דיין כלה-שוועסטער
שטעהט פאַר דיר, איהר האָר איז רייך געוואַקסען,
איהר ברוסט איז רייף געוואָרען
צו איהר חתונה-נאַכט.

אמנון.

און יעצט יאָגט זיי דער ווינט פון די ווינקלען אַרויס
און זיי בעגעגענען זיך, די טענער, און וועקען
דאָס גאַנצע הויז אויף.
שוין הער איך טריט פון די טונקעלע ווינקלען

אַרויסטרעטען:
שאָטענס בעגעגענען זיך און נעמען זיך סוד'ענדיג אַרום.
הערסטו נישט, שוועסטער, איינזאַמע שטימען
אין די שלאָפענדיגע שטיבער רופען?
פון דרויסען הערט זיך אַ שטילע, לאַנגזאַמע בעוועגונג.

**תמר.**

פעריאָגען וויל איך פון דיר, ברודער אַמנון,
די פרעמדע טענער, וואָס רויבען דאָס חתן-האַרץ
פון זיין כלה אַוועק
אין דער ערשטער נאַכט פון איהר חתונה
זי פערהענגט דאָס פענסטער.
ברודער אַמנון!
אונזער חופּה-בעט שטעהט פערלאָזט
און וואַרט אויף אונז,
ווי אַ פערלאָזטע פעלד,
אומפעראַקערט, אומפערזייהט אין הויכען פריהלינג.
זעה, די פריהלינג-ווינטען יאָגען שוין
אין די לופטען אַרום
און זוכען דעם זוימען-קאָרן
איהם צו אַנטבליהען

**אַמנון**

בעמט אַן תמר, פיהרט זי פאַר'ן פענסטער-לאַך.

זעהסטו נישט,
ווי די פייערן צעפלאַמען שוין אין די אייל-געשירען?
זיי קומען דאָ פון דער טונקעלער נאַכט
פאַר דעם טאַטע דוד'ס שלאָף-געצעלט,
די אַלטע לייט, מיט די לאַנגע, ווייסע בערד,
קלאַפּען דורך דעם לאָדען און וועקען הויך:
„קיניג דוד, וואַך פון ה'ייבער-געלעגער אויף,
די פידלען — וועקען צו מלחמה אַרויס“.
ווי שוואַרצע שאָטענס מיט פינקלענדיגע אויגען,
קומען זיי אַלע מיט בויגען און שטאַנג
פון די ווינקלען אַרויס.

עס הערען זיך פון דרויסען אַבגעריסענע טענער, פערטויבט אין די פּלי-זין קלאַנגען; אַבגעריסענע רופען—פון די ווינקלען ארויס... ער רייסט דעם פוירהאַנג אראָב.

זעה די קעמלען,—זיי הויבען זיך פון זייער געלעגער אויף,
מיט די זעק אָנגעלאָדען אויף זיי.
שוין שפּאַנען די יונגען די פערד צו די רייט-וועגען
אין קיניגליכען הויף.
עס בלישטשען די גאָלדענע פּאַנצערס אין דער טונקעלער נאַכט
אַריין.

הע, ווייב, דעם פּאַנצער דערלאַנג!
שפּאַן מיין ברוסט מיט זילבער-בלעך קעגען
דעם פיינדס שפּיז!

ער בינדט דעם פּאַנצער איבער זיין ברוסט. עס הערען זיך טריט פאַרביילויפען פאַר דער טיר. די רופען הינטערן פענסטער ווערען העכער און עפטער. פון הינטער דער טיר הערט זיך יונדב'ס קול.

יונדב

הינטער דורך דער טיר.

די קעמלען געלאָדען, די רייט-וועגען געשפּאַנט.
אין קיניגס-הויף ווארטען די גבורים
דעם שופר-בלאָזען.

אַמנון.

אויף וועלכער זייט פאַלט די שפּיז?

יונדב

הינטער דער טיר.

קעגען עמון שטעהען די גבורים אין הויף גרייט!
זיי ווארטען דעם קיניגס בעפעהל.
אין די ווינקלען קוקען זיי זיך אַרום,
דעם קיניגס ערשט-געבוירענעם זוכט זייער בליק.

אַמנון.

זאָג זיי: אויפגעשטאַנען איז דער קיניגס-זוהן פון זיין ווייבער-געלעגער.

הע, ווייב, די שפּיז דערלאַנג, הינטער מיין דעק איז זי בעוואָהרט?
און שאַרף דאָס מעסער,
וואָס פערראָסט אַז עס געוואָרען דורך דער לאַנגער צייט,
ווען מיינע ליפּען האָבען געשמאַכט
נאָך דיין ווייבער-ווייַן צו טרינקען.

תמר

(מיינט פאַר זיך.)

ווי ווערט דאָס אַמנון דורך דעם רוהם
פון זיין חופּה-בעט פעריאָגט?
ווי ווערט דאָס אַמנון ווי דער קנעכט —
וואָס געיאָגט דורך דעם גאָרטען אויסצופיהרען
זיין האַרס בעפעהלען —
האָט קיין צייט פון די טרויבען צו געניסען,
וואָס אויסגעשטרעקט, נאָך לוסט און בענקשאַפט,
איז זיין צונג נאָך זיי?..

אמנון.

עס שטעהען די גבורים אין הויף גרייט
און וואַרטען אויפ'ן קיניגס ערשט-געבוירענעם.
הע, ווייב, שניר דעם פּאַנצער איבער מיין ברוסט,
בעסער וויל איך מיין ברוסט מיט מלחמה-געשיר בעהענגען,
איידער אין ווייבער-ברוסטען זי אויסבעטען!

תמר

(פאַלט פאַר איהם אויף די קניה.)

גאָט האָט מיך געפלאַנצט, ברודער אַמנון! מיינע בלעטער, מיינע בליטען אָבגעהיט, ווי אַ גוטער גערטנער איבער מיר געוואַכט, אַז איך זאָל צייטיג וואַקסען. איך האָב איהם יעדען טאָג פאַר זיין געטריי גערטנערשאַפט, אין דער שטיל, מיידעל-אַרטיג, געדאַנקט. איך בין צייטיג געוואַקסען, ברודער אַמנון. מיינע פרוכטען זענען צום געניסען. שטיל האָב איך זיי פאַר מיין האַר געפלעגט און מיט הכנעה און שטיל געבעט בין איך צו מיין האַר געקומען, פון איהם בעפרוכטעט צו ווערען, אין דער שטיל מיין וועג צו גהעה[ן]

און גאָט צו דאַנקען, וואָס צו מיין ציל האָט ער מיך געבראַכט. איך האָב מיך דיר ווי אַ בלום געבראַכט, וואָס איז צייטיג געוואָרען צום ריכען. איך האָב מיך דיר ווי אַ פרוכט געבראַכט, וואָס איז צייטיג געוואָרען צום געניסען. פאַרוואָס געהסטו פאַרביי פאַר מיר, נישט פון מיינע פרוכטען צו געניסען? פאַרוואָס ווי וואַסער גיסטו דעם אייל, וואָס מען האָט דיר געבראַכט צו דיינע פיס?... געה דאָך נישט פאַר דיין גאָרטען פאַרביי אָהן זיין טירעל אויפ־צוברעכען... פאַרוואָס נעמסטו די דעק פון דיין ברונעם נישט אראָב?

עס הערט זיך שופר־בלאָזען אין הויף.

אַמנון.

נישט וויל אַמנון פון פרוכטען געניסען,
ווען זיין לוסט איז נישט דערביי.
היט די בלעטלעך פון דיינע בלומען, שוועסטער תמר,
און פערשפרייט זיי נישט איבער די וועגען.
שטרעק נישט די פרוכטען פון דיין גאָרטען
איבער די צוימען, איבער די טויערן,
לאָז זיי ליעבער פערטרינקענט ווערען —
איידער אָהן לוסט צו פערצעהרען.

אָב.

תמר

אליין. רופט הויך דורך דער אָפענער טיר.

אַבישלום! אַבישלום!
מיין ברודער האָט מיר שלעכטס געטאָן.
האָט אין מיין מיידעל־קוואַל אָנגעקלאַפּט
און איהם ניט אויפגעעפענט.
האָט זיין כלה־בעט פערלאָזט
אין זיין חופה־נאַכט...
אַבישלום!

לויפט ארויס מיט צעפלאָשעטע האָר.

פאָרהאַנג.

# צווייטער אַקט:

## סצענע.

אַ הויף, ארומגעצאַמט מיט אַ מויער, פון איין זייט הויף איז דאָס טויער אָפען, מען זעהט אַ געפלאַנצט פעלד, אַ וואַסער נאָכ'ן פעלד, געבירג אין הינטערגרונד. ביים וואַסער שעפער און שעפערינס וואַשען שעפּסען אין טייך, לאַכען און פרעהען זיך. אין מיטען הויף אַ ברונען, שעפער זיצען ארום ברונען אין בריענען זאַנגען אין פייער און גרייטען אָן לאָגלען מיט וויין, געצעלטען, ארום הויף. אויף איינעם פון די געצעלטען אויפ'ן דאַך, זיצט תמר אונטער אַ בלאָהען, תכלת־באַלדאַכין און קוקט זיך צו צו דער סצענע אויף די לאָנקע ביים וואַסער. אין הויף קומען זיך אריינצוואָגען, שעפער, שעפעריג'ס. טהייל פון קעניג'ס קינדער זייגען פארשטעלט פאַר שעפער.

ערשטע שעפערין.

איך בין מיר אַ בלימעל אין שרון
אַ רויז פון די טהאָלען.

שעפער

באַפט די שעפערין.

אַזוי ווי אַ רויז צווישען די דערנער,
אַזוי איז מיין געליעבטסטע צווישען די טעכטער.

שעפערין.

אַזוי ווי אַן עפּעל-בוים צווישען די
וואַלד ביימער
אַזוי איז מיין געליעבטער
צווישען די זיהן.
אין זיין שאָטען גלוסט זיך זיצען,
זיין פרוכט איז זיס צום גומען.

אַנטלויפט — שעפער לויפט איר נאָך.

אַנ'אַנדער פּאָרעל קומט אריינצולויפען.

דער שעפער

געהט אָנגעטהאָן אַ זיידען העמדיל, פיהרט זיין שעפערין געאָרעמט און זינגט:

דו ביסט שען, מיין פריינדין,
ביסט שען;
דיינע אויגען טויבען-אויגען.
דיינע האָר
ווי סטאַדעס שאָף,
וואָס גליטשען זיך
פון באַרג גלעד אַראָפּ.

שעפערין:

און דערנאָך וועסטו מיך פאַרלאָזען, ווי אמנון האָט תמר'ן פאַרלאָזט. איך דערקען דיך, דו ביזט פון קעניג'ס קינדער, דו געהסט אָנגעטהאָן אין אַ זיידען העמדיל. רייסט זיך אַרויס פון איהם. אַנטלויפט. דער שעפער לויפט איהר נאָך.

**ת מ ר.**

וועלכע האָט זיך איינגעהערט צו די שעפּערינס רייד, ציטערט אויף, און פאַר־שטעלט זיך איהר פּנים מיט אַ שלייער.

**אַ קעניג׳ס אַ טאָכטער**

קומט אַריין אין הויף און פיהרט אַ יונגען הירש ביי די הערנער.

ווי שען איז מיין שענער קרבן. ווי אַמנון אַזוי געשניטען איז דער קיהן־ביין פון דיין באַק, ווי די ליניע פון אַ לי־ליע. מאַכען וועל איך לאָזען פאַר דיר אַ שטייג אויס איידלען געהאַמערטען גאָלד, און עסען וועל איך דיר געבען ווילדע פייגען, וואָס קומען פון שמעקעדיגען וואַלד. איך האָב ליעב דעם פערצווייגטען הערנער־קרוין, וואָס זיצט אויף דיין קאָפּ, שטאָלץ ווי אַ קרוין אויף אַ קעניג. דיינע ליפּען זענען ווי קראַלען רויט. איך האָב ליעב דיין שען מויל, ווען זיי לעקען דעם צרור־געשמאַק פון מיינע פינגער אָב. זי גיט דעם הירש איהרע פינגער צו לעקען.

**אַ ב י ש ל ו ם**

וועלכער קומט אין הויף אַריין.

ווענינג שעפּער׳ס מיט רויטע ליפּען ווי קראַלען און מיט מענשען־רייד זענען צווישען שעפּער׳ס דאָ, אַז דו האָסט דיר, שוועסטער, די שטומע בהמה פאַר אַ פריינד אויסגע־קליבען?

**ד י פּ ר י נ צ ע ס י ן.**

געטרייע זיינען די סאַרנעלעך צו זייערע האַרינטעס. נישט ווי מענשען־קינדער זענען זיי, וואָס פאַרגעסען באַלד, וואָס זייערע ליפּען זאָגען. זי יאָגט זיך מיט דעם הירש איבער׳ן הויף.

**ת מ ר**

פון דאַך אַראָ

רעכט האָט מיין שוועסטער. אבישלום!

**אַ ב י ש ל ו ם.**

אָ, תמר! ווי אַ פאַרלוירענע שאָף פון אַ סטאַדע, וואָס זוכט זיך רעטונג אין אַ פערצווייגטען בוש, זיצט תמר. פערזאַ־מעלט זיינען דעם קעניג׳ס קינדער ביים יום־טוב פון די שעפּסען־שערונג. געשוירען זענען שוין די שאָף, ווייס גע־

וואַשען געהען זיי פון טייך אַרויס. עס שפּיעלען זיך דעם קעניג׳ס טעכטער מיט די יונגע געוואַשענע באַראַנעס און וואַלגערען זיך מיט זיי איבער די גריגע לאָנקעס אַרום. עס בעטראַכטען זיי זייערע ברידער מיט פאַרחלש׳טע אויגען, ווי עס לעקען אָפּ די שעפּסען מיט זייערע רויטע צונגען דעם בשמים־געשמאַק פון זייערע פינגער, און תּמר, אבישלום׳ס שוועסטער, די רויז פון ירושלים, די פרייד פון די העלדען, ניש׳ט פון קיין פרעמדען אַ פערשטויסענע, נישט פון שונא אַ פאַרשעהמטע, נאָר פון אייגענעם ברודער, זיצט אין איינזאַמקייט, הערט זיך צו צו דעם געזאַנג, צום שפּיעל און אַליין קען זי נישט זיין דערביי.

ת מ ר.

קיינער האָט מיין שאַנד נישט געפאָדערט, קיינער האָט מיין נקמה נישט גענומען. מיין בלוט נישט אויסגעלעזט פון אמנונ׳ס הענד. אַ אונווירדיגע שקלאַפין איז תּמר! ווי אַזוי זאָל זי מיט קעניג׳ס טעכטער אומגעהן? ווי אַזוי זאָל זי מיט קעניג׳ס קינדער זיך שפּיעלען. מעהר איז תּמר נישט קיין קעניג־קינד. מיין זיידען העמדיל איז צוריסען געוואָרען.

א ב י ש ל ו ם.

נישט תּמר אַליין איז פאַרשעהמט געוואָרען, נור אבישלום תּמר׳ס ברודער, מעכה, איהר מוטער, און דאָס גאַנצע הויז פון קעניג גשור. און ווען דוד האָט פערגעבען אמנונ׳ען זיין טאָכטער׳ס שאַנד, אבישלום האָט אָבער נישט פערגעבען אמנונ׳ען זיין שוועסטער׳ס שאַנד. איינציג איז אמנון ביי דוד, זיין פּרינצען־זוהן, וואָס וועט טראָגען די קרוין נאָך זיין טויט, און פערגעבען האָט איהם דער פאָטער דעם אונשולדיגען שפּאַס, וואָס ער האָט מיט תּמר׳ן געשפּיעלט. וואָרום ער איז דען תּמר? נור אבישלומ׳ס שוועסטער, קיין עלטסטער זוהן איז אָבער נישט אמנון צו אבישלום, און נישט פערגעבען האָט אבישלום אמנונ׳ען די שאַנד פון זיין שוועסטער.

ת מ ר.

און אַזוי וואַרט איך שוין יאָהרען צוויי ביז מיין בלוט [illegible]

ווערען אויסגעלעזט. יאָהרען צוויי ווי איך זיץ אין איינ־זאַמקייט אין מיין ברודער׳ס הויז, אויף חסד־ברויט, אָפּגע־שיידט פון מיינע שוועסטער ווי דורך אַ וואַנד, און וואַרט, און וואַרט, אַז עס זאָל ווער קומען און פאָדערען מיין שאַנד. קיינער זאָל מיין געזיכט נישט זעהן ביז מיין שאַנד וועט נישט ווערען אָפּגעווישט.

אבישלום

מיט פרייד.

נישט לאַנג צו וואַרטען, שוועסטער! ווידער וועט דאָס־ליעד בעציערען דיין רויטע ליפּ; ווידער וועלען די גאָלדע־נע בלעכען פינקלען איבער תּמר׳ס בריסט. מור און דרור־בשמים ווען ווידער דופטען פון תּמר׳ס שווערע לאָקען. אַ שטעה אויף, מיין שוועסטער, און טהו אָן דיין קעניגליכעס זיידענע העמדיל. פוץ דיין קאָפּ מיט בלומען אויס. אַ יום־טוב איז ביי דיין ברודער היים.

תּמר

פערוואונדערט.

פיעל ימים־טובים האָסטו אָפּגערעכט, ברודער, פיעל מאָל שוין געשוירען די שאָף, און קיינמאָל האָסטו מיך נישט צום שעכטען גערופען, נור געלאָזט מיך אין מיין איינזאַמקייט. וואָס איז היינט דען מעהר פון אַן אַנדערס מאָל?

אבישלום.

אַ פאַמיליען יום־טוב איז ביי דיין ברודער היינט, אַ יום־טוב פון אויסלעזען דאָס בלוט. אָ, שוועסטער, שמיר דיין לייב מיט בשמים אויס, רוף אַרויס די געהיימניסען פון דיינע געווירצען. רוף צום ראַטה דיינע יועצים איין, די בשמים פון מצרים, די שלייערען פון חתים, קלייב געשיקט דיינע כלי־זיין אויס. אַ גרויסע שלאַכט שטעהט דיר פאָר, שוועס־טער. אַ שטאַרקער פיינד, געניט אין מלחמה־פעלד, ביזט שוין איינמאָל בעזיעגט געוואָרען פון איהם. ציעל גוט.

תּמר.

אונפערשטענדליך זענען מיר דיינע רייד, אבישלום. וואָס איז אַזוי מונטער דיין בליק? וואָס אַזוי טראָציג דיינע רייד?

א ב י ש ל ו ם.

ברודער אמנון קומט היינט צו מיין יום-טוב, תמר'

ת מ ר

ערשראָקען, ערשטוינט.

ברודער אמנון? דאָ ביי דיר?

א ב י ש ל ו ם

סאַרקאַסטיש.

איך האָב דעם קעניג דוד געבעטען, ער זאָל מיר אָנטהאָן דעם גרויסען כבוד, מיר דעם גרויסען געפאַלען טהאָן און זיין ערשט געבוירענעם זוהן שיקען צו מיין יום-טוב. אָ, גוט איז געווען צו מיר דוד. נאָך לאַנג בעטען מיט טרעה-רען און חניפה׳דיקע רייד, האָב איך געוואונען זיין הארץ, און צוגעזאָגט האָט ער מיר דעם גרויסען כבוד אָנצוטהאָן און אמנונ׳ען צו שיקען צו מיין יום-טוב. פאָרגעברייט מוז-טו זיין, שוועסטער, צו עמפפאַנגען אַזא בכבוד׳ן גאַסט. מיט כעס. אַ פּחדן איז אמנון, קומען וועט ער געוויס מיט פיעל בעגלייט, מיט פריינד אַ סך, מיט חיילות אַרומגערינגעלט און מיט כלי-זיין בעוואַכט.

ת מ ר

פאַלט צו זיינע פיס.

ברודער אבישלום!

א ב י ש ל ו ם.

געשיקט קלייב אויס דיינע כלי-זיין און ציעל גוט. עס איז דאָס איינציגע און דאָס לעצטע מאָל, וואָס דו טרעפסט דיך מיט דיין פיינד. בעראַטה זיך מיט דיינע דיענסט-מיידען. שפּיציג דיינע האָר, פלאַמענדיגער ווי זיינע שפּיזען, גלאַ-טיגער דיין לייב ווי זיין פאַנצער. דו וועסט זינגען פאַר איהם אַ ליעד, טאַנצען פאַר איהם אַ טאַנץ.

ת מ ר

קלאַמפּערט זיך אַרום זיינע פיס.

ברודער אבישלום, זיי געלויבט! זיי געלויבט!

א ב י ש ל ו ם.

און פערשטעלען וועסטו דיין געזיכט מיט אַ שלייער, כדי

ערקענען זאָל ער דיך נישט, ווער דו ביזט. פערשטערען זאָלסטו ניט ברודער אמנונ׳ס פרייד מיט דיין אונווירדיגקייט. נישט וויליג איז אמנון צו זעהן דיך. ער פערטראָגט נישט דעם ריח פון דיין לייב, און נישט אָנגענעהם איז איהם דיין אָנגעזיכט. דו ערוועקסט ביי איהם אַ געגענגעפיהל, ווען דו ריהרסט זיך צו איהם אָן, דו לעשט זיין ליידענשאַפט.

**ת מ ר**

שרייט אויס אין כעס.

אבישלום!

**א ב י ש ל ו ם.**

איך וויל וועקען דיין כעס, ווי דער קוואַל וועקט דאָס פייער מיט זיין בלאָז־זאַק אויף. גליה, גליה די שפּיזען פון דיין כעס אין פייער פון דיין שאַנד.

מען הערט קלעפּ אין טויער פון צוים. ווער דאָרט? אראָפּ פון דאַך. ברודער אמנון און אָהן באַגלייט! תמר פארשטעלט זיך דאָס געזיכט. אבישלום רופט פון דאַך אראָפּ. געגריסט זיי, אמנון, דוד׳ס ערשט געבוירענער זוהן, ביים איבערטרעטען די שוועל פון די קנעכטס־הויז!

**א מ נ ו ן**

קומט אריין אין הויף.

געגריסט זיי, ברודער אבישלום, צו דיין יום־טוב!

**א ב י ש ל ו ם**

אראָפּקומענדיג פון דאַך, האלזט אמנונ׳ען.

אַליין, אָהן בעגלייט? צו יונדב, וועלכער איז געקומען מיט אמנונ׳ען. אָ, ווי לאָזט איהר דעם קעניג׳ס ערשט געבוירענעם זוהן געהען אָהן בעגלייט? עס איז נישט קיין כבוד פאַר דוד׳ס טראַנפאָלגער.

**א מ נ ו ן.**

איך האָב דעם ברודער׳ס אונצוטרויענקייט נישט געוואָלט וועקען, בין איך געקומען אַליין. אויך דיך נישט געוואָלט בעשווערען מיט פיעל בעגלייט. אַחוץ מיין פריינד יונדב.

**א ב י ש ל ו ם.**

אמנונ׳ס פריינד זענען מיינע פריינד. זיי מיר געגריסט, יונדב

און טאָפּעל זיי מיר געגריסט, אמנון, וואָס דו ביסטג עקומען אָהן בעגלייט. פיעל כבוד האָסט מיר אָנגעטהאָן צו שענקען מיר דיין צוטרויען. אָ, צו וואָס זוכען שוץ אונטער דעם ברודער׳ס דאַך? פרעמדע הילף צווייפעלדיגעס גליק. די זיכערסטע שוץ איז דעם ברודער׳ס האַרץ.

**אמנון.**

די זיכערסטע — דער אייגענער אָרים. און פלינקער ביי סכנה. אין צייט פון נויט קומט ער פיעל שנעלער צו הילף אַפּילו פון דעם געטרייעסטען ברודער׳ס.

**אבישלום**

לאכט.

גוט געזאָגט, אמנון, אָבער צו וואָס זיך רייצען מיט רייד. עס איז שוין לענגס פאַרגעבען יענער אונבעדייטענדער שפּאַס, וואָס דו האָסט מיט תמר׳ן געשפּיעלט. נישט צו אבישלום׳ען איז צו משפּט׳ן, וועלכעס איז רעכט און וועלכעס איז אונרעכט, און וואָס דוד האָט פערגעבען קען אבישלום נישט פאָדערען.

**אמנון.**

מיין האַרץ איז שלום מיט דיר. אַ צייכען—איך בין געקומען אונטער דיין געצעלט, צו עסען מיט דיר ברויט און צו טרינקען מיט דיר וויין, און צו פרעהען זיך מיט דיינע יונגען ביי דיין יום־טוב פון שערען די שאָף.

**אבשלום.**

מיין האַרץ איז שלום מיט דיר, אמנון, און געלויבט זיי, וואָס דו האָסט מיר דעם כבוד אָנגעטהאָן צו קומען איבער די שוועל פון דיין קנעכט, צו עסען מיט מיר ברויט און צו טרינקען מיט מיר וויין. נייגט זיך פאַר איהם.

**אמנון.**

נייגעריג בין איך צו הערען די געזאַנגען פון די שעפער, צו פרעהען זיך ביים טאַנץ פון דיינע שעפערינס. בעקאַנט זענען אבישלום׳ס ימים־טובים פון שערען די שאָף אין גאַנץ ישראל.

אבישלום.

טאָפּעל פרעהליך וועט הײַנט דער יום-טוֹב זײַן לכבוד דיר, אמנון. זיי האָבן אָנגעגרייט פאַר דיר מײַנע שעפער'ס פיעל שפּאַס און געזאַנג.

אמנון.

גאַסטפריינדליך ביזטו, אבישלום, ווי עס פּאַסט אין ישראל. איך הער ליעדער זינגען, געלעכטער געהט אויף צו מיר פון מײַנע ברידער, פיהר מיך צו זיי, אבישלום.

אבישלום.

זיי זענען אין דרויסען ביים טייך, זיי האַלטען זיך אין די געצעלטען פון די שעפער'ס אויף. ביז די זון וועט זיך זעצען און ק'הלער וועט ווערען, וועלען מיר זיך דאָן ביים שעכ-טונג זיך פערזאַמלען ביים ברונען אין הויף.

אמנון.

פיהר מיך, אבישלום, צו זיי. איך האָב ליעב צו זיצען אין די געצעלטען פון די שעפער'ס אין די מיטאָג-שעה און צוזעהן ווי זיי באָדען די שאָף.

אבישלום.

איך האָב דיין בעפעהל. נור פערגיב מיר נאָר אַ מינוט. איך וועל נור געבען מײַנע קנעכט דעם לעצטען בעפעהל פאָר-צובערייטען דעם יום-טוב, ווי עס פּאַסט פאַר דעם כבוד פון אמנון. ער געהט צו די קנעכט, וואָס ברענגען די זאַנגען. רעדט צו זיי אין דער שטיל. געקומען איז אמנון אָהן בעגלייט, דאָך אמנונ'ס אָרים איז שטאַרק געװען. געוואוינט איז ער אויס-צובויגען זיין בויגען ווייט, פאָרזיכטיג מוזט איהר מיט איהם זיין.

די קנעכט.

רוהיג קענסטו זיין, אַבישלום, אונזער הערר, און פערלאָזען זיך אויף אונז.

אבישלום.

און נישט איין מינוט צו פריה. איינהאָרכען זאָלט איהר זיך צו מיין צייכען און נאָכפאָלגען מיין וואונק.

ד י  ק נ ע כ ט.

מיר הערען און וועלען טהאָן, וואָס דו הייסט.

א ב י ש ל ו ם.

און נישט שרעקען זאָלט איהר זיך, וואָס ער איז דוד׳ס ערשט געבוירענער זוהן. אבישלום הייסט אייך.

ד י  ק נ ע כ ט.

מיר הערען און וועלען טהאָן וואָס דו הייסט, אונזער הערר.

י ו נ ד ב

צו אמנו׳נען.

גלאַטיג איז אבישלומ׳ס צונג. מיר געפעלען נישט זיינע רייד. איך האָב מעהר מורא פאַר זיין גלאַטיגע צונג, איידער פאַר זיין שאַרפע שווערד. ניט גוט האָסטו געטהאָן, אמנון, צו קומען אַליין אָהן בעגלייט.

אַ מ נ ו ן.

אַ פחדן וואָלט אַמנון געוועזן צו קומען אין זיין ברודער׳ס הויז בעגלייט מיט כלי־זיין. ברודער אבישלום מיינט עס גוטי און האָט ער צו מיר, וואָלט ער מיך אין פעלד אַרויסגערופען. עס איז נישט קיין מנהג אין ישראל צו טויטען פיינד, ווען זיי קומען צו זיי אין הויז אַריין.

א ב י ש ל ו ם

קומט צו.

זיי מיר מוחל, ברודער אמנון, וואָס איך האָב גערעדט צו מיינע קנעכט, ווען פעסט האָב איך גערעדט, צו מאַכען אים גרויס און שען, ווי עס פּאַסט פאַר דיר, אמנון, מיין הערר. בוקט זיך פאַר איהם. געהט אָפּ מיט אמנון און יונדב צו די פּאַסטוכער אין פעלד. געשריי און רופען: עס לעבט אמנון! פון דרויסען.

ת מ ר

ווארפט זיך צו דר׳ערד.

אָ, יהוה, גאָט פון מיין פאָטער דוד. אָ, דגון, גאָט פון מיין מוטער מעכה—קומט מיר צו הילף. נאָר דאָס איינציגע און דאָס לעצטע מאָל שענקט מיר אייער גענאָד. שען וויל איך זיין, חן וויל איך געפינען אין די אויגען פון מיין ברודער

אמנון. דעם שענסטען באָק פון מיין ברודער׳ס סטאַדע וועל
איך צו צדוק הכהן פיהרען, אַז ער זאָל פאַר דיין ארון
מקריב זיין, יהוה, גאָט פון מיין פאָטער דוד. איך וועל זיי=
נע הערנער בעקרענצען מיט בלומען, איידער מען וועט איהם
פיהרען צו דיר. איך וועל איהם קושען אויפ׳ן קאָפּ און
אפשר אין זיין מויל—ווען זיין מויל וועט שען זיין—איידער
מעז וועט איהם מקריב זיין פאַר דיר, איך וועל איהם לאָ-
זען לעקען מיינע בשמימ׳טע פינגער מיט זיין נאַסע צונג,
אַז אַנגענעהם זאָל דיר שמעקען, ווען מען וועט איהם פאַר-
ברענען פאַר דיר. און פון בעסטען אייל, וואָס אין מיין
טאַטען דוד׳ס הויז שטעהט, וועל איך אַ מאָס אויף דיין
מזבח גיסען—און אויך דיר, גאָט דון. איך וועל מיינע
רינגען צום גאָלדשמיד ברענגען און לאָזען פאַר דיר אויס=
גיסען זיעבען מייזלעך קליינע און שטעלען אונטער דיין
בילד, וואָס שטעהט אין מיין מוטער׳ס געצעהלט. אָ, געטער
פון מיינע עלטערן! מאַכט שטאַרק מיינע בריסטען, ווי די
זייטען פון בויגען אין גבור׳ס הענט. מאַכט פול און שטאַרק
מיין בויך, ווי אַ שייער פול מיט תבואה אין שניט=צייט.
און טרינקט אָן מיט זאַפט פון טרובען מיינע אויגען און
בעשמעקט מיין לייב מיט בשמים=געשמאַק פון עין גדי-
וואַלד, און ווי די איילבירטען פון יריחו באַשמעקט מיינע
האָר. אָ, געטער פון ישראל און די פלישתים, שלום צווי=
שען זיך מאַכט און מיט טאָפּעלטער מאַכט העלפט מיר גע=
גען אַמנון, מיין פיינד. זי ליעגט לאנג אויף דר׳ערד און בעט. אָ,
אשדוד, אָ תלמי! מיינע מיידען, וואו זענט איהר? געשווינד!
אשדוד און תלמי ערשיינען אויפן דאך. מיינע אייל-געשירען. לאַנג
האָט תמר ניט גענוצט איהרע אייל=געשירען. די דינסטען ברענ=
גען איהר די אייל=געשירען.

**ת מ ר**

האלזט זיי.

אָ, ווידער זענט איהר דאָ, מיינע פריינדין, קומט מיר צו
הילף אין דער שעה פון מיין נויט. זייט מיר געטרייע, ווי
איהר זענט געטרייע געווען מיין מוטער מעכה, ווען זי איז

צום קעניג דוד אין געצעלט געגאַנגען, ווי איהר זענט געטרייע געווען אַביגיל, ווען זי איז דוד'ן אין פעלד אַנט־קעגען געגאַנגען. און ווי איהר האָט געהאָלפען בת־שבע'ן, ווען דוד האָט זי אויפ'ן דאַך באָדען געזעהן,—אַזוי העלפט מיר. דאָס איינציגע איז דאָס לעצטע מאָל. מעהר, מעהר וועט תמר אייך נישט בענוצען. *זי ווארפט אוועק די בלעכען,* געהמט אַוועק די בלעכען — נוצלאָז זענט איהר מיר היינט, נישט זילבער און גאָלד זאָל מיר העלפען אין קאַמפף. גאָר נישט זאָל מיין לייב בעקליידען, וואָס טראָגט פרעמדע רייץ. תמר אַליין וויל היינט די זיעגערין זיין, אָהן בעשמעקט און אָהן בעציערט, ווי אַ פראָסטע שעפערין, וואָס ברענגט צו איהרע פריינד די געשענקען, וואָס זי באַזיצט אַליין. גאָר נישט, וואָס מען קויפט פאַר געלד, אָדער וואָס מען נעהמט אַוועק פון פיינד, זאָל מיר העלפען אין מיין זיעג — תמר אַליין איז פאַרשטויסען געוואָרען און תמר אַליין וויל די זיעגערין זיין. נור בלויז בעקרענצט מיין לייב מיט רויזען־פלעכטען, מיט בלעטער. אָ, תלמי, אָ, וואָס דו קומסט פון כישוף־לאַנד מצרים, ענטפלעק פאַר מיר די סודות פון די טעכטער פון דיין לאַנד, פאַרב מיר מיין לייב און פאַרב מיינע אויגן ווי די טעכטער פון מצרים, אשדוד, קניפ צו קלימפערליך צו מיינע פיס, אַז זיי זאָלען אויסקלינגען דעם דופט פון מיינע איילען מיט די טריט פון מיינע פיס. *עס הערט זיך אַ רעש פון פעלד. עס בעווייזט זיך אבישלום, אמנון; מיין שלייער. זי פערהילט זיך מיט'ן שלייער דאָס פנים.*

**אבישלום.**

די זון נויגט זיך צו מיטאָג־שעה. עס בלאָזט אָנגענעהם דער ווינד, ווילסט דו נישט, אמנון, ביים פייער זיך זעצען און געניסען פון די זאַנגען און טרינקען פון וויין, וואָס די יונגען האָבען אָנגעגרייט פאַר דיר?

**אמנון**

*זעצט זיך נעבען פייער, די ברידער נאָך איהם. אבישלום דערלאַנגט איהם וויין.*

ווילסט דו מיר נישט, ברודער, דעם כבוד אָנטהאָן און צו טרינקען פון מיין וויין? אָה, געבענשט וועט ווערען

מיין וויינגאָרטען, ווען דו וועסט פון זיינע פרוכטען געני־סען. ער דערלאַנגט איהם דעם לאָגעל, אמנון האלט זיך צוריק.— אָה, אפשר בעדענקט זיך מיין ברודער אמנון, אַז מיין האַרץ איז נישט צו איהם גוט, איך וויל איהם שלעכטען וויין צו טרינקען געבען. אַבישלום איז אמנונ׳ס קנעכט. און אַבישלום וועט צום ערשט פון וויין טרינקען ווי אַ טויט פעראורטהיילטער שקלאַף, איידער אמנון וועט איהם פערזוכען. האָט ווער סם אין וויין אַריינגעטאָהן, זאָל אבישלום אַליין דער קרבן זיין. אבישלום טרינקט פון וויין.

**אמנון:**

פאַרוואָס רעדסט דו, מיין ברודער, אַזוי, — מיין האַרץ איז שלום מיט דיר, און קיין שלעכטע מחשבות אויף מיין ברודער האָב איך נישט, און אַלס צייכען פון פריינדליכקייט וועל איך עסען פון דיינע זאַנגען און טרינקען פון דיין וויין. ער עסט און טרינקט.

**אבישלום**

עסט און טרינקט, מיינע ברידער, און פרעהט זיך מיט מיר. אַ גרויסער יום־טוב איז היינט ביי מיר. ער גיסט ווידער אמנונ׳ען אן וויין.—לעהן אונטער דיין האַרץ מיט עפּעל־זאַפט, ברודער אמנון. קראַנק ביסט דו אויך פון ליעבע, מיין ברודער.

**אמנון:**

דו טהוסט נישט ברודער גוט, די אַנדערע ברידער וועלען דיר מקנא זיין. איך בין נישט אַליין, וואָס דו גיסט זיך אָב מיט מיר — אַלע קעניג׳ס קינדער זיינען דיינע געסט היינט.

**אבישלום:**

אָה, די קינדער זיינען יונג, זיי שפּיעלען זיך מיט די שעפּ־לער—און דער יונגער שלמה זיצט דאָרט מיט זיי און דער־צעהלט זיי משלים, און לעזט זיי אויף חידות. און דו ביסט דאָך דוד׳ס ערשט־געבאָרענער זוהן. צו דיר געהערט ישראל׳ס קעניגרייך, נאָכ׳ן פאָטער דוד׳ס טויט. צו דיר גע־הערט אַלע עהרע און אַלע אַכטונג, דעם ערשטען אָרט ביים שעכטונג און ביי משפחה־יום־טוב. צו די אנדערע ברי־

דער און שוועסטער—זייט מיר מוחל, מיינע ברידער און שוועס־טער, וואָס איך גיב זיך מיט אמנונ'ען אָב אַזוי פיעל—אמנון איז אונזער עלטסטער ברודער, איהם קומט דער כבוד און דער לויב.

אַלע ברידער

שרייען.

לעבען זאָל אמנון, דוד'ס ערשט געבאָרענער זוהן!

אבישלום.

לעבען זאָל אמנון, דוד'ס ערשט געבאָרענער זוהן! מיינע שעפער'ס וועלען טאַנצען פאַר דיר, און מיינע שעפערינס וועלען זינגען פאַר דיר, און זאָג מיר וואָס איז דיין פער־לאַנג. מיינע פעלדער און וויינגערטנער בעלענגען צו דיר, און מיינע שעפער'ס מיט מיינע שעפערינס זענען דיי־נע. אָח, פערשעהם נישט, אמנון, מיין וויין, בלוטען וועט מיין וויינגאָרטען, געבענשט וועלען זיין מיינע פרוכטען—ווען דו וועסט פערזוכען פון זיי. אָח, געבענשטער פון גאָט, אָח, בענש מיין וויין, ער דערלאַנגט איהם די לאָגעל וויין.

יונדב

צו אמנונ'ען אין דער שטיל.

דיין ברודער'ס שפּיעלען געפעלט מיר נישט היינט. גלאַטיג איז זיין צונג, ווי מיט גיפט פון אַ שלאַנג אויסגעאיילט. אַמנון, פאָרזיכטיג זיי, טרינק נישט פון זיין וויין מעהר!

אבישלום.

צו יונדב'ן.

וואָס פּלוידערסט דו אין מיין ברודער'ס אויער אַריין, און פערביטערסט מיט דיין אונצוטרויענקייט מיין זיסען וויין אין מיין ברודער'ס גומען

אמנון

שיכור'ליך אַ ביסעל.

מיין ברודער האָט רעכט, אבישלום מיינט עס גוט, ער עמפּפאַנגט מיך ווי דוד'ס ערשט געבאָרענעם זוהן, און גיט מיר דעם כבוד אָב וואָס בעלאַנגט צו מיר. לאָזען מיר, ברי־דער, טרינקען וויין און פרעהען זיך מיט אונזער יוגענד,—

דאָס געזאַנג פון דיינע שעפער׳ס ערפרעהען מיין געמיטה.
הייס דיינע שעפער׳ס, אַז זיי זאָלען זינגען פאַר אונז ליעדער.

**אבישלום.**

מיין ברודער אמנון איז גוט אויפגעלעגט און גוט געגייגט
צו מיר. זינגט, שעפּער׳ס, פאַר מיין ברודער אַמנון ליעדער,
און מאַכט פרעהליך זיין געמיטה!

עס קומען ארויס שעפער׳ס און שעפערינס און זינגען פאר אמנונ׳ען ליעדער.

**שעפער**

זינגט.

איך הער דאָס קול
פון מיין געליעבטען,
די שטימע פון מיין פריינד
קומט צו מיר
איבער בערגער איבער הויכע.
געגליכען מיין פריינד
צו אַ הירש
אָדער צו אַ יונגען אינד.
אָט שטעהט ער אונטער
אונזער וואַנד,
קוקט אַריין דורך די לעכער,
קוקט אריין דורך
די שפּאַלטען.

ענטפערט מיין פריינד
און זאָגט צו מיר:
מיין פריינדין מיין שענע,
קום צו מיר.

די בלימלעך האָבען זיך בעוויזען
אויף די לאָנקע,
זומער-צייט איז געקומען,
די שטימע פון דער טויב
הערט זיך אין אונזער לאַנד.

דער פייגענבוים בליהט מיט פייגען.
דער וויינשטאָק גיט זיין געשמאַק,
קום, מיין פריינדין, מיין שענע,
קום מיט מיר.

מיין טייבעלע אין שפאַלט פון פעלז,
אין בעהאַלטען קעמעריל.
וויז מיר דיין געזיכט,
לאָז מיך הערען דיין שטים.

א מ נ ו ן

שלאָגט איהם איבער.

מילכיג איז דיין ליעד, ווי די שאָף-מילך, מיט וועלכער דו זעטיגסט דיין דורשט, שעפער! אָ, אבישלום, מיין הארץ איז גוט צו דיר. בעפעהל דיינע שעפער, אַז זיי זאָלען מיר זינגען אַ ליעבעס-ליעד פון וויין, נישט פון מילך.

א ב י ש ל ו ם.

גוט געזאָגט. אַ ליעבעס-ליעד פון וויין, נישט פון מילך, מען דערקענט דוד'ס בלוט, וואָס רינט אין דיינע אָדערן. הע, מיינע שעפער! מיין ברודער אַמנון איז גוט צו מיר,— זינגט פאַר איהם אַ ליעבעס-ליעד פון וויין—אָבער עסט און טרינקט, מיינע ליעבע פריינד, און פרעהט זיך מיט די פריינדשאַפט. טרינקט און ווערט בעטרונקען פון וועגען די ליעבע. ער גיט ארום וויין צו טרינקען.

ע ר ש ט ע ר.

פרינץ אבישלום איז היינט גוט אויפגעלעגט

צ ו ו י י ט ע ר.

אַנגענעהם איז עס צו זעהען, ווי די ברידער זיצען צוזאַמען און טרינקען וויין—פרעהען וועט זיך פאָטער דוד

ע ר ש ט ע   פ ר י נ צ ע ס י ן.

שלום האָבען געשלאָסען אבישלום און אמנון—מוחל האָט אבישלום געוועז אמנונ'ען זיין שוועסטער תמר'ס שאַנד.

**צווייטע פרינצעסין.**
קיינמאָל וואָלט מיין ברודער אדוניה נישט מוחל געווען
זיין שוועסטער'ס שאַנד.
שעפער און שעפעריג'ס קומען ארויס און זינגען ליעדער.
**ערשטער שעפער.**

דו ביסט שען, פריינדין,
דו ביסט שען:
דיינע אויגען, טויבען-אויגען;
דיינע האָר
פון אונטער דיין באַנד,
ווי סטאַדעס שאָף,
וואָס גליטשען זיך פון
גלעד-באַרג אַראָפּ

דיינע ציינער,
ווי סטאַדעס שאָף,
וואָס קומען געוואַשענע
פון טייך אַרויס.
אַלע זענען זיי צווילינג-פּאָר,
און קיין מום איז נישטאָ אין זיי.

ווי רויטע פעדים דיינע ליפּען,
און דיין רייד שען
ווי אַ האַלבער מילגרוים.
דיינע שלייפען
ווייזען זיך פון דיינע האָר.

ווי דוד'ס טורעם דיין האַלז
געבויט,
צו הענגען אויף איהם
טויזענד בויגען
די פּאַנצערס פון די העלדען.

דיינע בריסטען,
יונגע הירשען צוויי,
פיטערען זיך
צווישען די רויזען.

## ש ע פ ע ר י ן

זינגט.

ער האָט מיך געבראַכט
אין ווייןהויז אַריין,
אונטער די פאָהן
פון ליעבע מיטגעפיהרט.

ער האָט מיך געשטאַרקט
מיט וויינטרויבען,
דערקוויקט מיך
מיט עפעל-וויין,
וואָרום קראַנק בין איך
פון ליעבע געווען.

זיין לינקע האַנד
אונטער מיין קאָפּ,
מיט די רעכטע
האָט ער מיך געטהאָן האַלזען.

## ת מ ר׳ס ק ו ל

פון דערווייטענס דערהערט זיך.

אויף מיין געלעגער ביינאַכט,
זוך איך דעם, וואָס מיין נשמה
האָט ליעב:
איך זוך איהם,
איך געפין איהם ניש־ט.

איך הויב זיך אויף און רינגעל
די שטאָדט אַרום,
די גאַסען און די מערק:

זוך דעם, וואָס מיין נשמה
האָט ליעב;
זוך איהם
און געפין איהם נישט.

עס טרעפען מיך
די שומרים,
וואָס רינגלען די שטאָדט אַרום:
— „האָט איהר געזעהען
דעם, וואָס מיין נשמה
האָט ליעב?"...

אלע שטעהען שטיל, הערען זיך איין.

אַמנון.

ווער איז עס, ברודער אַבישלום, וועמענס שטימע עס טראָגט דער ווינד מיט בענקשאַפט-פליעגלען? וועמענס ליעד טראָגט זיך און מאַכט ציטערען מיין האַרץ ווי אַ האַרפע-זייט אויפ'ן ווינד.

אַבישלום.

עס איז אַ שעפערין פון דעם לאַנד גשור, וואָס איהר שעפער האָט זי פערלאָזט, און זי זינגט נאָך איהם ליעדער. אָ! לאָז דעם קעניג'ס זוהן ניט בעטריבען זיין האַרץ מיט אַ שעפערינס אַ ליעד. הע, מיינע שעפער, זינגט ווייטער אייערע ליעדער און געהט אָן מיט אייער שפּיעל—מאַכט פרעהליך אַמנונ'ס האַרץ מיט אייער פרעהליך געזאַנג.

צווייטער שעפער

זינגט ווייטער.

מיט מיר פון לבנון באַרג,
מיט מיר פון לבנון באַרג,
שוועסטער כלה—קום.
פון שפּיץ אמנה וועסט דו אַראָבקוקען,
פון די שפּיצען שניר און חרמון,
וואו די לייבען וואוינען,
וואו די לעמפּערט'ס הויזען.

ווי שען איז דיין ליעבע,
מיין שוועסטער כלה;
ווי גוט איז דיין ליעבע. בעסער פון וויין
דער געשמאַק פון דיינע איילען,
בעסער פון אַלע בשמים.

טריפען, טריפען דיינע ליפען,
שוועסטער כלה,
האָניג און מילך איז אונטער דיין צונג,
שוועסטער כלה.
דער געשמאַק פון דיינע איילען,
ווי דער לבנון־געשמאַק.

## צווייטער שפער.

אַ פערשלאָסענער גאָרטען ביסטו,
שוועסטער כלה.
אַ פאַרשלאָסענער גאָרטען,
אַ פאַרמאַכטער ברונען.
דיינע פלאַנצען
זיינען ווי אַ לוסט־גאָרטען,
שוועסטער כלה,
קאַנפער און געווירץ.

דיינע בריסטען זענען מיר
הענגלען וויינטרויבען,
און דער געשמאַק פון דיין אָטהעם,
ווי געזונדע עפעל.
דיין נאָפעל איז,
ווי אַ בעכער פול מיט וויין.
און דיין בויך איז,
ווי אַ שייער פול מיט תבואה,
בעפו צטמיט רויזען.

## דריטער שפער.

קום, מיין פריינד,
מיר וועלען געהען אין פעלד אַריין,

אין די גערטנער וועלען מיר נעכטיגען.
מיר וועלען זיך אויפהויבען פריה,
זעהען, אויב דער וויינשטאָק האָט געבליהט,
אָדער די בלומען האָבען געבלעטערט,
אָדער דער מילגרוים האָט געבלימט,
דאָרט וועל איך דיר
מיין ליעבע שענקען.

די פייגען וועלען אונז שמעקען
און ביי אונזער טהיר
וועלען אַלע ליעבליכע פירות זיין.
נייע און אַלטע ליעבע
וועל איך דיר דאָרט שענקען!

שעפערין.

איך באַשווער אייך,
איך באַשווער אייך,
טעכטער פון ירושלים,
אויב איהר וועט וועקען די ליעבע,
ביז זי וועט אַליין נישט וועלען.

איך באַשווער אייך,
איך באַשווער אייך,
טעכטער פון ירושלים,
אַז איהר וועט מיין געליעבטען טרעפען,
אויב זאָגען וועט איהר איהם,
אַז איך בין אויס ליעבע קראַנק.

כאָר.

וואָס איז דאָס דיין פריינד,
וואָס איז דאָס דיין פריינד
דער שענסטער פון מענער,
וואָס דו טהוסט אונז
אַזוי בעשווערען?

ש ע פ ע ר י ן.

מיין געליעבטסטער איז
ווייס און רויט,
פון צעהן טויזענד
איינער אַליין.
זיין קאָפּ איז
ווי געגאָסען פון גאָלד,
דיק, זיינע לאָקען
שוואַרץ ווי ראָבען.

זיינע אויגען,
ווי טויבען־אויגען
ביי די וואַסערען טהוען זיי הוירען,
געוואַשענע אין מילך
איינגעפאַסט אין יובעלן;

זיינע באַקען,
בשמים-פעלדער,
געטורמטע בלומען,
ליפּען רויזען,
טריפען זיסען מור.

זיינע הענד—
גאָלדענע שטאַנגען,
מיט תרשיש בעזעצט,
זיינע געדערים,
עלעפאַנט-ביין,
מיט סאַפּירען
בעשענקט.

זיינע שענקעלן,
ווי זיילען פון מאַרמאָר-שטיין
בעפעסטיגט.

אויף גאָלדענע שוועלען,
ער זעהט אויס
ווי דער לבנון,
יונג ווי אַ טענענבוים.

זיין גומען איז זיס,
אין גאַנצען איז ער מיט גלוסטונג פול.
דאָס איז מיין ליעבהאָבער,
דאָס איז מיין פריינד,
טעכטער פון ירושלים.

כאָר פון שעפער'ס טאַנצען ארום די שעפערין און זינגען.

**כ אָ ר.**

זעכציג מלכות,
אַכציג קעבס-ווייבער
און יונג-פרויען
אָהן אַ צאָהל.

איינציג אָבער
איז מיין טייבעל,
איינציג מיין
אונשולדיגע
די איינציגע
ביי איהר מוטער,
די אויסערוועהלטע
ביי איהר זויגערין.
די טעכטער האָבען זי
געזעהן,
און זיי האָבען זי
געבענשט,
די מלכות מיט די קעבס-ווייבער,
און זיי האָבען זי
געלויבט!

אַ מ נ ו ן.

ברודער אַבישלום, פרעהליך נעהמסט דו אויף דיינע ברידער׳ איך וועל עס דעם טאַטען דוד דערצעהלען, ווי גוט דו ביסט געווען צו אונז. דיינע שעפער האָבען אונזער האַרץ ערפרעהט — און אונזער אויער איז אָנגענעהם געווען צו הערען זייער געזאַנג.

פון דערווייטענס הערט זיך ווידער תמר׳ס קול.

ת מ ר.

איך שלאָף,
און מיין האַרץ איז וואַך.
די שטימע פון מיין פריינד
קלאַפּט אין טהיר.
עפען מיר, מיין שוועסטער,
מיין פריינדין, מיין טייבעלע
מיין אונשולדיגע,
מיין קאָפּ איז פול מיט טהוי,
מיינע לאָקען מיט נאַכט־טראָפּען.
איך האָב אויסגעטהאָן מיין העמדיל,
ווי אַזוי קען איך עס אָנטהאָן?
איך האָב אָבגעוואַשען מיינע פיס,
ווי אַזוי קען איך זיי איינבריכטען?

אַ מ נ ו ן

רייסט זיך אויף.

ווער איז עס, וואָס קלאָגט אַזוי ביטער איהר ליעד אין די נאַכט? איהר שטימע וועקט אויף מיין האַרץ און רודערט אויף מיין געמיטה—עפּעס וואָס רופט אין מיר. הייסט דאָך ברודער, זאָל די שעפערין פון גשור קומען פאַר אונז און זינגען פאַר אונז איהר ליעד.

אַ ב י ש ל ו ם.

אָ, עס לוינט זיך נישט, ברודער אַמנון. נישט פּאַסיג איז זי צו זעהן דיין געזיכט. זי איז נאָר אַ גרינגע שעפערין, וואָס איך האָב ביי די סטאַדעס שאָף געלאָזט—און נישט ווערטה איז זי צו שטעהן פאַר דיין אָנגעזיכט.

א מ נ ו ן.

אָ, איך פערשטעה, אַבישלום, עס איז דיין אויסערוועהלטע, דיין בעליעבטע שקלאַפין, וואָס דו האָסט דיר פון די חתים געפאַנגען, אָדער פון די פלישתּים, און מורא האָסט דו זי צו ווייזען פאַר די ליכטיגע שיין, און בעהאַלטסט זי אין געצעלט, היטענדיג די כּלים, האָסט דו מורא, אַז עס זאָל איהר ווער ניט פערפיהרען און גנב'ענען די פרייד פון דיין האַרץ.

א ב י ש ל ו ם.

אַלעס, וואָס איז צו אַבישלום, בעלאַנגט צו אַמנון. געהט, מיינע קנעכט, און ברענגט די שפעריין אַהער צום יום־טוב. זאָגט איהר, אַז אַמנון, דוד'ס ערשט געבוירענער זוהן, האָט בעוויליגט, אַז זי זאָל קומען און שטעלען זיך פאַר זיין געזיכט. קנעכט געהען אַב.

א מ נ ו ן.

גוט איז צו מיר, ברודער אַבישלום. איך וועל שליסען אַ בונד מיט דיר אויף אייביגע פריינדשאַפט. גיט מיר וויין, איך וויל וויין מיט מיין ברודער טרינקען.

א ב י ש ל ו ם.

צופיעל כּבוד פאַר מיר, אַז דוד'ס ערשט געבוירענער זאָל טרינקען פאַר מיין געזונד. ווער בין איך דען? אַ קנעכט אין ישראל.

א מ נ ו ן.

אַבישלום איז מיין ברודער און וואויל איז צו דעם פאָטער, ווען די ברידער זיצען צוזאַמען און טרינקען וויין. אבישלום, מיר שליסען אַ בונד הייגט. די דיענער ברענגען תּמר'ן, וועלכע איז פערשטעלט פאַר א שפּעריין, מיט אפערשלייערט פּנים. זי פאַלט פאַר אמנונ'ס פיס.

ת מ ר.

זיי געגריסט, דוד'ס ערשט געבוירענער!

א מ נ ו ן.

איז דאָס די אויסערוועהלטע פון דיין האַרץ, אבישלום? און דיין פּנים פאַרהילט—אָ, איך פערשטעה. ער לאַכט. זיי געגריסט, שענע שפעריין, אָנגענעהם בעריהרט מיך דיין

שטים, טרויעריג איז זי, און זי באַוועגט מיין הארץ. פאַר וואָס איז אַזוי טרויעריג דיין שטים, שעפערין?

ת מ ר.

אָ, דודי׳ס ערשט געבוירענער, מיין שעפער האָט מיך פאַר־לאָזט און איך בענק נאָך איהם אין איינזאַמקייט.

אַ מ נ ו ן.

שמייסען בעדאַרף מען זיין לייב, וואָס ער האָט אַזאַ שענע שעפערין פאַרלאָזט. אָנגע־נעהם שמעקען מיר דיינע איילען, נישט קיין שאָף און נישט קיין ריגד פיהלט מען פון דיר, נאָר דעם איידלען געשמאַק פון מור און דרור. טרעט נעהענטער צו מיר. תמר טרעט נעהענטער צו צו איהם. זינג פאַר מיר אַ ליעד. איך האָב ליעב צו הערען דיין שטים, שעפערין.

ת מ ר

נעהמט די הארפע אין האנד און זינגט פאר אמנונ׳ען.

ווער וואָלט געגעבען
און אַ ברודער
דיך צו מיר געמאַכט,
וואָס האָט געזויגען
פון מיין מוטער׳ס ברוסטען.
איך וואָלט דיך
אין גאַס געטראָפען,
איך וואָלט דיך געקושט,
און זיך נישט געשעהמט.

ווער וואָלט געגעבען
און דיך אַ זיגעל
אויף מיין הארץ געלעגט,
אַ זיגעל אויף מיין אָרים
דיך געפרעסט.
איך וואָלט דיך

צו מיין מאַמע׳ס הויז געבראַכט,
דיר ווייַן געגעבן צו טרינקען,
זאַפט פון מיינע מילגרוימען...

**אַ מ נ ו ן.**

אָ, איך בין אייפערזיכטיק אויף דיין שעפער.—„אַ ברודער דיך צו מיר געמאַכט", איך וויל דיין ברודער זיין, מיך זאָלסט דו טרעפען אין דער גאַס און קושען און נישט געשעהמט. מיך זאָלסט דו אַ זיגעל צו דיין ברוסט לעגען, אַ זיגעל אויף דיין אָרים. איך בין אייפערזיכטיק אויף דיין שעפער, שענע שעפערין, קום צו מיר, זעץ דיך ביי מיין זייט און טרינק מיט מיר וויין.

**ת מ ר.**

איך קען זיך נישט זעצען צו דעם פעסט. איך קען נישט טרינקען קיין וויין מיט דיר. אָ, דוד׳ס ערשט געבוירענער, אַ נדר האָב איך מיך מיר געמאַכט, נישט צו זיצען ביי קיין פעסט, און נישט צו טרינקען קיין וויין, ביז מיין פריינד וועט נישט צוריקקעהרען צו מיר.

**א מ נ ו ן**

*לאַכט.*

כאַ-כאַ-כאַ, דו ווילסט נישט פערשטויסען דיין שעפער פאַר דעם ערשטען אין ישראלו ווער איז דאָס דיין פריינד, וואָס דו ווילסט נישט פאַר איהם טוישען מיט דוד׳ס ערשט געבוירענעם?

**ת מ ר**

*זינגט.*

שען איז ער, ווי די לבנה,
קלאָר אַזוי ווי די זון,
און פירכטערליך,
ווי דעם קעניג׳ס חיל.

**אַ מ נ ו ן.**

אבישלום, דיין שקלאַפין האָט מיך פערשעהמט, צו פער־גלייכען איהר געליעבטען צו דער לבנה און צו דער זון אין מיין געגענוואַרט. בעשטראָף דיינע שקלאַפען מיט אַ שווע־

רע שטראָף, הייס דיינע שעפער, אַז שלאָגען זאָלען זיי זי
מיט נאַקעטע ריטער איבער איהר לייב; ענטפלעקען איהר
שאַנד פאַר די שעפער־יונגען. זי האָט נישט געוואָלט זיצען
ביי מיין זייט, טרינקען מיט מיר ווייןו

אבישלום.

אָ, ברודער אַמנון, אַ הייליגע שבועה האָט אַבישלום דעם
מלך פון גשור געשוואָרען, אַז אָבהיטען וועל איך זיין גע־
שאַנק. אין דער שטיל. נישט קיין פּראָסטע שעפערין איז זי,
אַ מעכטיגען קעניג׳ס אַ טאָכטער, איהר פאָטער שטעהט
אין בונד מיט די פּרעה׳ס פון מצרים.

אמנון.

עס איז נישט דאָ קיין גרעסערער קעניג, ווי דוד דער
מלך פון ישראל, און אַמנון איז זיין ערשט געבאָרענער
זוהן. נישט גוט נעהמסט דו אויף, אַבישלום, דיינע געסט.

אבישלום.

אין די געצעלטען פון מיינע פּאַסטוכער האַלטען זיך די
שענסטע שעפּעריג׳ס אויף, אין די ביידלעך פון מיינע גערט־
נער האַלטען זיך אויף די שענסטע גערטנעריג׳ס פון ישראל.
געה דורך דורך אַלע מיינע שעפּעריג׳ס, דורך אַלע מיינע
גערטנעריג׳ס, און קלייב דיר אויס, וואָס דיין האַרץ גלוסט.

אמנון.

ווי געברענטער בוימאייל רינט איהר ליעד אין מיינע אָדערן
אַריין. ווי דער ציפּריס־וויין, וואָס איז אין דעם האָרן.
הייס איז מיר, גיט מיר וויין. מיין האַרץ איז בעטריבט
היינט, און איך וויל פרעהליך זיין.

אבישלום

גיסט איהם אָן וויין.

אָ, גרויסער אַמנון, בעטריב נישט דיין האַרץ פאַר אַזאַ
אונווירדיגע זאַך.

אמנון.

דיין שעפערין מאַכט מיך אייפערזיכטיג, איהרע ליעדער
פּלאַקערען אויף דאָס בלוט ווי דער געשמאַק פון איהרע

בשמים. מאַך מיר דיין שעפערין אַ געשאַנק, ברודער אַבישלום!

**אַבישלום.**

איך קען נישט, ברודער אַמנון. נישט קיין שקלאַפין איז זי, וואָס איך קען שענקען, אַ פרייע איז זי, און איז נישט אונטער מיין רשות.

**אַמנון**

בייז.

דאָס ביזט דו אויף מיר בייז, וואָס איך האָב דיין שוועסטער תמר פערשעהמט, אַבישלום?

**אַבישלום.**

לאַנג פערגעסען, לאַנג פערגעבען. אָה, ווענען וואָס איז דאָ צו געדענקען, ווענען אַ נישטיג ווייב? נעהם דיר נישט, ברודער, צום הארצן יענעם אונשולדיגען שפּאַס. וואָס בעטרעפט אַ ווייב צווישען אַזעלכע גוטע פריינד ווי מיר זיינען.

**אַמנון.**

דיין שעפערין האָט בעזיעגט מיין הארץ. וואויל געפעליג איז זי אין מיינע אויגען, אָנגענעהם איז מיר איהר געשמאַק, און אַ קנעכט איז אַמנון צו זיין ווילען. ברודער אַבישלום, איך האָב אין יריחו וויינגערטנער, וואָס יעדער איינער וויינטרויב האָט גענוג ווין אָנצופילען דעם שעפער׳ס האָרן. זיי זענען בעקאַנט אין גאַנץ ישראל. איך האָב אין עין-גדי טויזענד שאָף, וואָס פּאַשען זיך אין מיינע וויינגערטנער, און עס איז, אַז זיי עסען די טרויבען, גיסט זיך דער ווין איבער זייער מויל, און די מילך פון זייערע אייטערס, און עס מישען זיך אויס מילך און האָניג. פערציג שעפערינ׳ס פון בית-לחם באָדען זיי יעדען טאָג. איך וועל זיי דיר צום געשאַנק מאַכען, צוזאַמען מיט די שעפערינ׳ס. איך וועל דיר מיין הויז אין ירושלים געבען, וואָס די בני-חותים האָבען געבויט, מיין פערד, וואָס איך האָב מיר פון מצרים געבראַכט, און מאַך מיר די שעפערין צום געשאַנק.

א ב י ש ל ו ם.

קיין סוחר איז אַבישלום נישט, וואָס זאָל זיך דינגען מיט זיין ברודער. וואָלט זי צו מיר בעלאַנגט, וואָלט איך זי דיר צום געשאַנק געמאַכט. אַ פרייע איז זי, נישט קיין קנעכט, זי איז די האַררין פון זיך אַליין. רעד צו איהר האַרץ, וואָס רעדסט דו צו מיר? אפשר וועט זי זיך צוהערען צו דיין געבעט.

אַ מ נ ו ן

ווענדט זיך צו תמר'ן.

שענע שעפערין, דיינע פינגער זענען בלייך און איידעל, זיס טריפען דיינע פינגער מיט בשמים-געשמאַק, איידעל איז דיין לייב, און גלייך געשניטען דיין ריפ. שען מוז זיין דאָס געזיכט, וואָס בעהאַלט זיך אונטער דעם טונקעלען שלייער, ווי דאָס געזיכט פון דער לבנה, וואָס בעהאַלט זיך אונטער דעם טונקעלען וואָלקען. דיין שטימע איז זיס, דיין געזיכט מוז זיין שען,—ענטפלעק פאַר מיר דיין געזיכט.

ת מ ר.

איך קען דאָך נישט ענטפלעקען פאַר דיר מיין געזיכט. אַ נדר האָב איך געטהאָן, אַז קיינער זאָל מיין געזיכט נישט זעהען ביז מיין פריינד וועט נישט צוריק-קעהרען צו מיר.

א מ נ ו ן

בייז.

ווער איז דאָס דער פריינד, וואָס האָט פון דיר אַלע פרייד גערויבט? מיט אַנדערע שעפער'ס פערזיסט ער זיין צייט, און דו זיצסט אין עגונה'קייט. איך וועל איהם לאָזען זוכען אין גאַנץ ארץ-ישראל, און שניידען זיין לייב. ווייך. שענע שעפערין, איך וויל הערען דעם קלונג פון דיינע קלימפער-לין, וואָס זיינען אָנגעבונדען אויף דיינע פיס, ווען דו וועסט זיך בעוועגען אין דיין טאַנץ. איך וועל שמעקען די בשמים פון דיינע איילען, וואָס וועלען יאָגען פון דיינע האָר, ווען דו וועסט זיי וואַרפען אין די בעוועגונגען פון דיין טאַנץ. איך וויל שמעקען די בשמים פון דיינע קליי-דער, ווען זיי וועלען זיך ווירבלען אין טאַנץ, איך וויל הע-

רען דעם זיסען דופט פון דעם געשמאַק, וואָס געהט פון
דיין בויך אויף, ווען ער ווערט זיך קנייטשען אין דיין טאַנץ.
אַ לוסט-גאָרטען איז ער, פול מיט מילגרוימען. שענע שע-
פערין, טאַנץ פאַר מיר!

תמר.

אָ, דוד׳ס ערשט געבוירענער, איך קען דאָך נישט טאַנצען
פאַר דיר. אַ הייליגע שבועה האָב איך געשוואָרען, נישט
צו טאַנצען ביז מיין שעפער וועט צוריקקומען צו מיר.

אמנון

ווילד.

אַ קרעציגער איז דיין שעפער, און מען פיהלט פון איהם
דעם געשטאַנק פון די בהמות, פון די מיסט, מיט וועלכע
ער געהט אַרום. איך וועל איהם לאָזען אויפזוכען אין גאַנץ
ישראל און וועל איהם מאַכען פאַר דעם שקלאַף פון מיינע
דיענסטען, צו רייניגען זייער מיסט. אין די שטעלער וועל
איך איהם האַלטען, אַז הערען זאָל מען פון זיין לייב
אַ שלעכטען גערוך. אַ קרעציגע ביזט דו אויך, שעפערין.
אַבישלום, דו נעהמסט נישט גוט אויף דיינע געסט. דיינע
שעפערינ׳ס זענען קרעציגע לייט — און מען הערט פון זיי
אַ שלעכטען גערוך. כאַ, כאַ, כאַ! צו תמר. דיין געזיכט איז
פינסטער, דיינע אויגען זענען שוואַרצע לעכער, די נעץ
פון שלאַנגען זיינען זיי—דורך דעם איז דיין געזיכט פער-
הילט. נעהמט אַוועק דאָס ווייב פון מיר, און פערשפרייט
רויזען אַרום מיר, אַז זיי זאָלען פערטרייבען דעם שלעכטען
גערוך. תמר געהט אָב מיט לאַנגזאַמע טריט. אָה, קום צוריק,
קום צוריק, שולמית, אָה ווי שען, זיינען דיינע טריט, ווי
קליינטשיגע אייזעל-טריט, וואָס שפרינגען איבער די בערג.
דיינע פיסלעך אַזוי קליין און געשיקט, ווי דער מייסטער
וואָלט זיי געגאָסן,—אָה, ווי זיס עס קלינגען די גלעקליך
אויף דיינע פיס, ווי דאָס קלינגען פון די שאָף אין פריהען
מאָרגען, ווען זיי געהען אין די בערג אַרויס. דיינע האָר
זענען ווי דער לבנון באַרג אין טונקעלען אָבענד. אָה,
פערהילט איז דער באַרג אין טונקעלען שלייער—אַלע גע-

ווירצען פון וואַלד שמעקען פון איהם. און ווי איידעל איז דיין לייב — ווי אַ יונגער וואַלד. דיינע הענד זענען ווי צווייגען פון אַ ציפּריס־בוים, און דיינע פינגער זענען בליטהען בלעטלעך פון רויזען, זיי טריפען מיט האָניק־ דיינע ברוסטען זענען צוויי הענגלעך ווייַנטרויבען. עס טריפט דער וויין פון זיי — אין גאַנצען ביסט דו ווי אַ בלי־ הענדער טייטעלבוים, וואָס שיקט פאָראויס פאַר זיך זיין זיסען געשמאַק. שיכור בין איך פון דיינע געשמאַקען. אָה, לאָז מיך עסען פון דיינע פרוכטען און טרינקען פון דיין וויין. ער וויל זיך ווארפען אויף איר.

תמר

וועלכע האט זיך ארויסגעמאכט פון איהם.

פערשטויסען וועסט דו מיך ווי אַן אונווירדיג ווייב, ווי מיין פריינד האָט עס צו מיר געטהאָן.

אַמנון.

אַ בוסר־פרעסער איז דיין פריינד, וואָס האָט נור ליעב די זויערע ווייַנטרויבען. די זיסע לאָזט ער שטעהן. אין די ווייַנגערטנער וועל איך אונזער הויז בויען. אויס באָקסער־ בוימער זיינע באַלקענס מאַכען. אויספלאַסטערן איהם מיט טייערע שטיינער, און אויס שמעקעדיגען האָלץ פון כרמל וועל איך זיינע ווענד באַקלעפּען. אַ קוואַל לעבעדיגען וואַסער וועל איך אין איהם אַריינציהען, און אַז דו וועסט פון דיין באָד אויפגעהן — וועלען דיר צוועלף סאַרגעליך, מיט איידעל געשניצטע פנימ׳ער, געפיהרט פון צוועלף יונגע שקלאַפינס, בעגלייטען פון דיין באָד צו דיין בעט.

תמר.

פערלאָזען וועסט דו מיין בעט, איידער די שאָטען וועלן נאָך זיין פערשוואונדען. וועסט מיך שיקען פון דיין הויז אויף דער גאַס ווי אַ אונווירדיקע ווייב, — אָדער צו איינעם פון דיינע שעפער מיך שענקען, ווי מיין פריינד האָט עס געטאָן.

אַמנון.

שווערען וועט אמנון אַ הייליגע שבועה, ביי זיין גאָט.

תמר.

געשווארען האט אויך אמנון צו תמר זיין שוועסטער, און דאך האט ער זי פערלאזט.

אמנון.

עדות וועלן מיינע ברידער זיין.

תמר:

עדות זענען אויך דיינע ברידער געוועזן — צו תמר, דיין שוועסטער, און דאך האסט דו זי פערלאזט.

אמנון.

א, איך וויל דיין געזיכט זעהן. איך בין קראנק פון ליעבע נאך דיר. איך וויל, אז דו זאלסט מיך היילען מיט דעם אנבליק פון דיין געזיכט. דיין געזיכט מוז זיין בלייך און קאלט, ווי דאס געזיכט פון דער לבנה. איך וויל מיך וואשען אין די שטראהלען פון דיין געזיכט. דיינע אויגען מוזען זיין בלויע, בלויע ווי דער ים, ווי דער תכלת. איך וויל קוקען אין די בלויקייט פון דיינע אויגען, און דיינע האר מוזען זיין געל גין-גאלדען, ווי די רייפע זאנגען אין פעלד זומער-צייט. עס טריפען פון זיי גאלדענע טראפען, איך וויל מיך ווארימען אין זיי. ניין, שווארץ מוזען דיינע האר זיין, שווארץ ווי די נאכט, און די שטערען בלאנ-דזשען אין זיי. א, איך וויל מיך אין דיינע האר בעהאל-טען! זאג מיר, וואס איז דיין באגעהר? זאג מיר, וואס איז דיין פערלאנג? — איך וויל דיין געזיכט זעהן, שעפערין?

תמר.

מורא האב איך, זעהען ווען דו וועסט מיין געזיכט, קראנק וועסט דו מיר מאכען מיט דיין אנבליק — און פארלאזען וועסט דו מיך דערנאך.

אמנון.

שטארקער פון טויט איז די ליעבע, אייפערזיכטיגער ווי די גרוב.

תמר.

שווערען, וויל איך זאלסט דו מיר ביי דיין לעבען?

אמנון.

וואס זאל איך, דיר שווערען, שעפערין, ביי מיין לעבען? 

תמר.

און עדות וויל איך זאָלען דיינע ברידער און שוועסטער זיין.

אמנון.

עדות זאָלען מיינע ברידער און שוועסטער זיין.

תמר.

אַז פון טאָג אָן, ווען דו וועסט זעהן מיין געזיכט, געהערען זאָלסט דו צו מיר מיט דיין לעבען און מיט דיין טויט.

יונדב

לויפט צו צו אמנון.

אמנון, בעדענק דיך, וואָס דו טהוסט. אַ שפּיעל איז אונטער דיר, אַ געפעהרליך שפּיעל — שפּיעלט אַבישלום מיט דיר.

אמנון.

שלעכטע חלומות האָסט דו געהאַט, יונדב, זיכער וויל מיין שעפערין זיין מיט מיר. דאָס וויל מיין שעפערין אין גאַנצען זיכער זיין. אָ, מיין שענע שעפערין, ביי מיין לעבען און ביי מיין טויט! אָ, עדות זאָלט איהר היינט זיין מיינע ברי־דער און שוועסטער, אַז איבערגעגעבען האָב איך מיין לעבען היינט אין די קליינע שמעקענדיגע הענדליך פון די שענע שעפערין. אָ, נעהמען וועט זי מיין לעבען מיט איהרע רויזען־פינגער, פון וועלכע עס טריפען דרור און מור, און זי וועט עס לאָזען רוהען צווישען איהרע קליינע טויבען־בריסטען. אָ, צאַפלען וועט דאָרט מיין לעבען צווישען איהרע רויזען־בריסטען, ווי צווישען טויבען. זי וועט נעהמען מיין לעבען מיט איהרע טרויבען־פינגער, און זי וועט עס לעגען אויף איהר בויך, אין קעלך פון איהר נאָפעל, אָדער אפשר אונטער איהר צונג אַרונטערלעגען, וואָס טריפט מיט מילך און האָניג. אָ, עדות זאָלט איהר, מיינע ברידער זיין, אַז איבערגעגעבען האָב איך מיין לעבען אין מיין פריינדינ'ס הענד.

די ברידער

מיט געלעכטער.

עדות זענען מיר היינט!

אַמנון.

נו, קום צו מיר, מיין שוועסטער, מיין כלה,—און לאָז מיר זעהן דיין געזיכט. לאָז פאַלן דעם שלייער פון די זון, אָבער ניט מיט אַמאָל, פאַרבלענדען קען עס מיינע אויגען: קוש מיך צו ערשט. איך וויל פיהלען דעם טעם פון דיין מויל, איידער איך האָב געזעהן דיין געזיכט... תמר געהט צו צו איהם זעהר לאנגזאם און קושט איהם.

אַמנון.

אָ, זיס זענען דיינע ליפען, און בעקאַנט איז מיר זייער טעם, ווי אַלטער, גוטער וויין. אָ, עפען אויף אַ טהירעל אַ קליינס, איך וויל נאָר געבען איין בליק אויף דיין געזיכט — פאָרזיכטיג זיי מיט דיינע שלייער'ס, מיינע ברידער וועלן אייפערזיכטיג זיין. ער נעהמט זי אויף זיינע הענד, וויקעלט אויף א קליינעם שפאלט פון שלייער און שטעקט ארונטער אונטער דעם שלייער זיין געזיכט און—שרייט אויס א ווילד געשריי.

אַלע דערשרעקען זיך. אמנון ווערט בלייך.

אַבישלום.

וואָס ביסט דו אַזוי בלייך געוואָרען, ברודער אמנון? וואָס ציטערט אַזוי דיין האַרץ אין דיר?

אַמנון.

אַ שלעכטען שפּיעל האָסט דו געשפּיעלט מיט מיר, ברודער אַבישלום.

אַבישלום.

געוואָרענט האָב איך דיר, ברודער אַמנון, און נישט שולדיג בין איך, וואָס דו האָסט איבערגעגעבען דיין לעבען אין לייכטע הענד פון אַ לייכטע שעפערין. די ליעבע איז אַ געפעהרליך שפּיעל, ברודער אַמנון.

אַמנון.

יונדב מיין פריינד. יונדב וויל צו, אבישלום שטעכט איהם. וויל זיך ווארפען אויף אמנונ'ען.

**תמר.**

רייסט ארויס די שפּיז פון אבישלום׳ס הענד.

צו מיר געהערט זיין לעבען. עדות זענט איהר אַלע היינט, אַמנון האָט זיך אין תמר׳ס האַנד איבערגעגעבען. זי דעקט אויף דעם שלייער, די ברידער מיט דער שוועסטער דערקענען זי, און זיי שרייען אויס „תמר!" און אנטלויפען מיט שרעק.

**תמר.**

ברודער, אַמנון, ווי אַ יונגער אינד ביסט דו אין תמר׳ס נעץ געפאַלען! ווי אַזוי ביסט דו געפאַנגען געוואָרען, דו שטאָלצער אין ישראל? ווי אַ יונגע סאַרנע אין ליעבעס-שלייער פערוויקעלט! איך וועל נעהמען דיין לעבען מיט מיינע רויזען-פינגער. איך וועל לאָזען ציטערען דיין לעבען אויף מיין הארץ, צווישען מיינע טויבען-בריסטען. טריפען זאָל דיין יונג בלוט טראָפּענווייז — ליעבעס-טראָפּען אויף מיין לייב — און אויסמישען זאָל עס זיך מיט די איילען פון מיינע בשמים. זי וויקעלט איהם מיט דעם שלייער איין. בעהאַלטען וועל איך מיך מיט דיר אין מיין נאַכט-שלייער און דאָרט וועל איך דיר מיין ליעבע שענקען. זי וויקעלט זיך איין מיט איהם, שטעכט אַמנונ׳ען און שטעכט זיך, מיט די לעצטע כּוחות. אָ, ברודער אַמנון, אונזער בלוט האָט זיך צוזאַמענגעמישט. אָ, ער שמעקט מיט רויזען-בלוט! פאַלען צוזאַמען.

פאָרהאַנג.